STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07225

LIDER

Walt Whitman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלט וויטמאַן

אידיש: ל. מילער

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג

פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

ניו יאָרק, אָקטאָבער 1940

490

אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע גאַס, ניו־יאָרק

וואָלט וויטמאַן

ל י ד ע ר

פון בוך:

„בלעטלעך גראָז"

אידיש:

ל. מילער

ווערק פון ל. מילער

„אויף גאָטס וועלט" (לידער)

פארלאג „אמעריקע", 1919

„אבא" (ראָמאַן)

געדרוקט אין זאמלבוך: "שריפטן", 1920

„מיסטער מענטש" (דראַמע, אין ענגליש)

געדרוקט אין „פּאָעט לאָר", 1929

„דאָ איז מיין היים" (לידער)

פארלאג „פּראָלעטפּען", 1939

עס וועט דערשיינען:

„די געשיכטע פון דער צוקונפט"

קריטישע ביאָגראַפישע שטודיע

פון וואָלט וויטמאַנ'ס לעבן און שאַפן.

„צוליב דעם לעבן" (ראָמאַן)

WALT WHITMAN

POEMS FROM

"LEAVES OF GRASS"

TRANSLATED BY

LOUIS MILLER

Copyright by

LOUIS MILLER

New York, N. Y.

1940

Yiddish Cooperative Book League

of the Yiddish International Workers Order

80 Fifth Ave., New York

באַמערקונגען צו דער איבערזעצונג

אין מיין איבערזעצונג האָב איך זיך מערסטנס באַנוצט מיט דער פילאַדעלפיער אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז״, וואָס וויטמאַנ׳ס פריינט דעיוויד מעקעי האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1900.

דאָס ליד: „געזאַנגען דעמאָקראַטישע״ האָב איך איבערגעזעצט לויט דער ווערסיע, וואָס וואָלט וויטמאַן האָט גענוצט אין דער אויסגאַבע פון יאָר 1860.

דאָרט וואו איך האָב איבערגעזעצט די פולע טעקסטן פון די לידער סעריעס, ווי: „דאָס געזאַנג פונעם אוניווערסאַלן״, „אַ גרוס דער וועלט״, „דאָס געזאַנג פון באַשעפטיקונגען״ און „אַריבערפאָרנדיק מיט דער ברוקלינער פערי״, איז איין ליד אָפּגעטיילט פון צווייטן דורך נומערירטע ציפערן, ווי ביי וויטמאַנ׳ען אין אָריגינאַל.

אין יענע לידער־סעריעס, פון וועלכע איך האָב איבערגעזעצט נאָר אַ טייל אויסגעקליבענע לידער, איז איין ליד אָפּגעטיילט פון צווייטן דורך דעם ספעציעלן צייכן: ●—●

פון דער גרויסער לידער־סעריע: „וואָלט וויטמאַן״, גיב איך אַ טייל געקליבענע לידער אין אַ גרופּע אונטערן זעלביקן נאָמען, און אַ טייל לידער פון דער סעריע גייען אַריין אַלס באַזונדערע לידער אין פאַרשידענע טיילן פון בוך. די ערשטע שורה פון ליד ווערט גענוצט אַלס נאָמען פון ליד.

פון וואָלט וויטמאַנ׳ס פּראָזע האָב איך איבערגעזעצט פון דער באָסטאָנער אויסגאַבע (יאָר 1893) בלויז קורצע אויסצוגן פון וויטמאַנ׳ס פאָררעדע צו זיין ערשטער אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז״, 1855, און גרעסערע טיילן פון זיין עסעי „דעמאָקראַטישע האָריזאָנטן״.

צוליב דעם וואָס מיין קריטיש־ביאָגראַפישע שטודיע וועגן וויטמאַנ׳ס לעבן און שאַפן פאַרנעמט איבער 6 דרוק־בויגן, וועט

די אַרבעט דערשיינען אינגיכן אין אַ באַזונדערן בוך. דאָרט וועלן אויך אויסגערעכנט די ביז־איצטיקע אידישע איבערזעצונגען פון וויטמאַנ׳ס לידער. דאָ וועל איך זיך מוזן באַגרעניצן בלויז מיט אַ קורצער ביאָגראַפיש־קריטישער פאַרצייכענונג, וואָס דער לייענער וועט געפינען צום סוף פון בוך.

פאַר מיין אַרבעט איבער וויטמאַנ׳ען (סיי פאַרן בוך, וואָס וועט אינגיכן דערשיינען, סיי פאַר דער ביאָגראַפיש־קריטישער פאַרצייכענונג, וואָס דערשיינט צום סוף פון בוך), האָב איך זיך באַנוצט, צווישן אַנדערע ווערק, מיט ביאָגראַפישע און קריטישע אַרבעטן פון דזשאַן באַראָוס, האָראַס טראָבעל, דר. ריטשאַרד מאָריס באָק, בליס פערי, דזשאַן עדינגטאָן סימאנדס, לעאָן באזעלגעט, הענרי ב. בינס, עדוואַרד קאַרפּענטער, ווילִיאַם דאָגלאַס אָ׳קאַנאר, דזשאַן בעילי, פּראָפ. עמאָרי האלאָוועי, ניוטאָן אַרווין, עדגאר לי מאַסטערס און אַנדערע.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס מיין דאַנק צו מרס. מאַרטהאַ דעיוועס פון דעם „וויטמאַן הויז״ אין קעמדען, ניו־דזשוירזי, פאַר איר אינטערעס אין מיין וויטמאַן־אַרבעט, בעת מיין באַזוך אין דעם „וויטמאַן הויז״, און אויך פאַר איר באַמיאונג מיך צו פאַרבינדן מיט וויכטיקע זאַמלער פון וויטמאַן־מאַטעריאַלן, באַזונדערס מיט מרס. פרענק דזש. ספּרעיג, וועמענס רייכע וויטמאַן־קאָלעקציע עס איז געווען אויסגעשטעלט אין דער וואַשינגטאָנער „לאַיברערי אָוו קאָנגרעס״.

איך דריק דאָ אויך אויס מיין האַרציקסטן דאַנק צו מיין טייערן פריינט בער גרין פאַר זיין געטרייען און פאָרזיכטיקן דורכגיין מיט מיר צוזאַמען די גאַנצע איבערזעצונג אין פאַרגלייך מיטן ענגלישן אָריגינאַל און פאַר העלפן מיר לייענען קאָרעקטור.

אויך מיין טיפסטע דאַנקבאַרקייט צו מיינע טייערע פריינט איטשע גאָלדבערג און אהרן קורץ פאַר דורכגיין די צווייטע און דריטע קאָרעקטור אין פאַרגלייך מיטן אָריגינאַל.

אַ דאַנק פאַרדינט אויך מיין פריינט מ. סווידער, פון דער „אַסטאָריע פרעס״, פאַר דער ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַצויגן ביים דרוקן דעם בוך.

ל. מ.

וואָלט וויטמאַן אין 1854

ערד ! דו זעסט אויס, ווי דו וואָלסט מיר געקוקט אין די הענט אַריין
איך זאָל דיר עפּעס געבן.

געזאַנגען דעמאָקראַטישע

(1860)

געזעצן פאַר שאַפונגען,
פאַר געזונטע קינסטלער און פירער —
פאַר אַ נײַעם דור לערער און פּאָלקאָמענע ליטעראַטן פאַר אַמעריקע,
פאַר נאָבעלע דענקער און קומענדיקע מוזיקער.

אַלץ מוז זײַן אין שייכות צום כּלל פון דער וועלט
און צום הויפּט־אומות פון דער וועלט ;
און קיין פייגלינג, קיין נאָכמאַכער זאָל ניט דערלויבט ווערן.

וואָס מיינט איר איז שאַפונג ?
וואָס מיינט איר וועט באַפרידיקן די נשמה —
אַ חוץ אומגיין פריי און ניט פילן קיין האַר איבער זיך ?
וואָסערע אַנדערע אַנדייטונגען, דענקט איר,
וואָלט איך געמאַכט
אויף אַ הונדערט פאַרשידענע אופנים —
אויב ניט וועגן דעם, אַז מאַן און פרוי זײַנען אַזוי גוט, ווי גאָט ?
און אַז גאָט איז ניט הייליקער פון אייך אַליין ?
און אַז דאָס איז דער עיקר פון אַלע עלטסטע און נײַסטע מיטן ?
און אַז איר און יעדער איינער מוז צוגיין צו שאַפונגען
דורך די דאָזיקע געזעצן ?

איך האָב אַ לאַנגע צייט געזוכט

(1860)

איך האָב אַ לאַנגע צייט געזוכט פאַר זיך און פאַר די לידער
אַ שפּור צו דער געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט —
איצט האָב איך עס געפונען.
ס'איז ניט אין פיל־בלעטערדיקע מעשיות אין די ביבליאָטעקן,
(יענע, נישט איך נעם זיי אָן, נישט איך וויז זיי צוריק).
עס איז אויך ניטאָ אין די לעגנדעס.
נאָר אין דעם א י צ ט , אין דעם איצטיקן טאָג ;
עס איז דעמאָקראַטיע
(דער זין און ציל פון דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט) ;
ס'איז דאָס לעבן פון איין מאַן, צי איין פרוי א י צ ט —
דער דורכשניטלעכער מענטש איצט.
ס'איז אין שפּראַכן, געזעלשאַפטלעכע מנהגים,
ליטעראַטורן, קונסטן.
ס'איז אין די פאַרשידנאַרטיקע געמאַכטע זאַכן,
שיפן, מאַשינען, פּאָליטיק, גלויבנס,
מאָדערנע אויסבעסערונגען און פאַרקער פון פעלקער, —
אַלץ פאַרן דורכשניטלעכן מענטשן איצט.

איך הויב־אָן פון פּאָמאַנאָק *)

(1860)

איך הויב־אָן פון דעם פיש־פאָרמיקן פּאָמאַנאָק,
וואו איך בין געבוירן געוואָרן,
וואו ס'האָט מיך אַף דער וועלט געבראַכט און גוט דערצויגן
אַ זעלטן־גוטע מאַמע;
נאָכדעם ווי איך האָב געוואַנדערט איבער אַ סך שטרעקעס —
ליבהאָבער פון מענגעס,
איינוואוינער פון מאַנהעטן, מיין שטאָט —
אָדער אַף די פעלדער אין דרום;
אַ סאָלדאַט אין גאַנג מיט ראַניעץ און מיט ביקס,
צי אין פּאַלאַטקע רוענדיק;
אָדער אַ מינען־אַרבעטער אין קאַליפאָרניע;
צי אין די וועלדער פון דאַקאָטאַ אַ פּאַרגרעבטער,
מיין מאָלצייט — פלייש, קוואַל־וואַסער — מיין טרונק;
אָדער צוריקגעצויגן אין טיפער רו, ווייט פון טומל און געדראַנג.
פאַרברענגענדיק די צייט גליקלעך און אַנטציקט,
אין דיכטן און אין דענקען;
באַקאַנט מיט דעם פרישן, פרייען גיבער, דעם שטראָמיקן מיזורי;
באַקאַנט מיט דעם מעכטיקן ניאַגאַרא;
באַקאַנט מיט די בופלאָקס־סטאַדעס אַף פּאַשע אין די פעלדער;
מיט דעם לאַנג־האָריקן, שטאַרק־ברוסטיקן בוהיי;
מיט ערד, פעלזן, מאַי־בלומען:
שטערן—מיין דערפאָרונג; רעגן און שניי—מיין באַוואונדערונג.
איך האָב געלערנט דעם שפּאָט־פויגל'ס טענער
און דעם רויב־פויגל אין די בערג;
געהערט זינגען אין דעמערונג
דעם אומפאַרגלייכלעכן הערמיט־פויגל פון די זומפּ־צעדערן.
אַליין, זינגענדיק אין מערב, זינג איך אויף, פאַר אַ נייער וועלט.

---

*) די אינדיאַנער האָבן לאָנג איילאַנד גערופן פּאָמאַנאָק.

•—•

זיג, אייניקייט, גלויבן, דערקענטעניש, צייט,
אומצעטיילבאַרע מאָסן, שפע, מיסטעריע,
אייביקער פּראָגרעס, דער קאָסמאָס און דאָס מאָדערנע וויסן.

אָט דאָס, הייסט עס, איז לעבן;
אָט וואָס ס'איז אַרויסגעקומען צום אויבערפלאַך
נאָך אַזוי פיל צאַפּלעניש און קאָנוואולסיעס.
ווי מערקווירדיק! ווי וואָר!
אונטערן טראָט — די וואונדערלעכע ערד,
איבער'ן קאָפּ — די זון.

זע, די ערד דרייט זיך;
די דורות־אַלטע קאָנטינענטן אין אַ גרופּע באַזונדער;
די איצטיקע און צוקונפטיקע קאָנטינענטן, צפון און דרום,
און צווישן זיי דער יבשה־פּאַס, וואָס פאַרבינדט זיי.

זע, ברייטע, שטעגלאָזע שטרעקעס.
ווי אין אַ חלום בייטן זיי זיך, זיי ווערן ראַשיק באַוואוינט;
מאָסן, אומציילעקע, שטראָמען אַהין;
די פאָרגעשריטנסטע מענטשן, קונסטן,
באַוואוסטע אינסטיטוציעס געפינען זיך דאָרט.

זע, די צייט האָט צוגעגרייט פאַר מיר
אומציילבאַרע צוהערער.

מיט פעסטן און מעסיקן טראָט גייען זיי —
זיי שטעלן זיך קיינמאָל ניט אָפּ;
רייען נאָך רייען אַמעריקאַנער, אַ הונדערט מיליאָן;
איין דור שפּילט־אָפּ זיין ראָל און גייט פאַרביי;
אַ צווייטער דור שפּילט־אָפּ זיין ראָל און גייט אויך זיין וועג —
מיט פּנים'ער זייט־וועגס צי ריקוועגס צו מיר צו, מיך צו הערן:
מיט אויגן צו מיר געווענדט.

•—•

אַמעריקאַנער! זיגער! מענטשהייט'ס מאַרש;
פאַרויסגייער! מאַרש פון דורות! באַפרייטע! מאַסן!
פאַר אייך — אַ פראָגראַם פון געזאַנגען.

געזאַנגען פון די פּריירים;
געזאַנגען פון דעם ווייט־לויפנדיקן מיסיסיפּי,
אַראָפּ צום מעקסיקאַנער ים;
געזאַנגען פון אָהאיאָ, אינדיאַנאַ, אילינאָי,
אייאָווא, וויסקאָנסין און מינעסאָטאַ;
געזאַנגען, וואָס גייען ווייט פון צענטער, פון קענזעס,
און פון דאָרט פונקט אַזוי ווייט.
געזאַנגען, וואָס שלאָגן אָן אויפהער מיט פייער־פולסן
צו באַלעבן אַלץ.

•—•

נעם מיינע בלעטער, אַמעריקע!
נעם זיי, דרום, און נעם זיי, צפון!
אומעטום נעמט זיי אויף, ווייל זיי שטאַמען־אָפּ פון אייך אַליין!
רינגלט זיי אַרום, מזרח און מערב, ווייל זיי וועלן אייך אַרומרינגלען;
און איר, געשעענישן פון עבר, פאַרבינדט זיך גערן מיט זיי,
ווייל זיי פאַרבינדן זיך גערן מיט אייך.

איך האָב געפאָרשט די אַלטע צייטן,
איך בין געזעסן ביי די פיס פון די גרויסע מייסטערס און געלערנט,
כדי איצט, אויב איך פאַרדין עס, אָ, זאָלן די גרויסע מייסטערס
צוריקקומען מיך שטודירן!

פאַרוואָס זאָל איך אין נאָמען פון די שטאַטן,
פאַראַכטן דאָס אַלטע?
מיר זיינען דאָך די קינדער פון דעם אַמאָל,
דאָס אַלטע צו באַרעכטיקן.

●—●

טויטע פּאָעטן, פילאָזאָפן, פּריסטער,
מאַרטירער, קינסטלער, דערפינדער, רעגירונגען פון אַמאָל ;
שפּראַכן־בויער אַף אַנדערע ברעגן ;
פעלקער מעכטיק־געוועזענע, איצט איינגעשרומפּענע, פאַרלאָזענע—
איך וואָג ניט פאַרצווייפלען, ביז איך וועל מיט גרויס אַכטונג
אָנערקענען דאָס, וואָס ס'האָט פון אייך אַהער דערגרייכט ;
איך האָב עס אונטערזוכט —
(אויף וויפיל איך בין געקומען אין באַריר מיט דעם),
ווייס איך, אַז ס'איז וואונדערבאַר.
איך דענק, אַז קיין זאַך קאָן קיינמאָל ניט זיין גרעסער,
קיין זאַך פאַרדינט ניט מער, ווי ד אָ ס פאַרדינט.
באַטראַכטנדיק דאָס אַלץ אויפמערקזאָם אַ לענגערע ווײַלע,
לאָז איך עס איבער און כ'בלייב דאָ אויף מיין פּלאַץ
מיט מיין אייגענעם טאָג.

אָט דאָ איז די פרוי און דער מאַן.
דאָ — דער יורש און די יורש'טע פון דער וועלט ;
דאָ — דער פלאַם פון דעם ממשות'דיקן.
דאָ — די גייסטיקייט, די אויסטייטשערין,
די עפנטלעך־באַשטעטיקטע ;
די אייביק־פאַראויסגייענדיקע,
דאָס פאַרענדיקטע אין ממשות'דיקער געשטאַלטונג,
דאָס וואָס באַפרידיקט.
עס טרעט אויף נאָך לאַנגן נויטיקן וואַרטן.
יאָ, דאָ קומט מיין געליבטע — די נשמה.

●—●

די נשמה אויף אייביק און אייביק.
פריער ווי ערד איז געוואָרן ברוין און באָדנדיק ;
לענגער ווי וואַסער שטראָמט און פליסט.

איך וועל מאַכן די לידער פון דעם ממשות'דיקן,
ווייל איך דענק, אַז זיי וועלן זיין די אמת־גייסטיקע לידער ;

און איך וועל מאַכן די לידער פון מיין קערפּער און פון שטערבלעכן,
ווייל איך דענק, אַז דורך זיי וועל איך זיך פאַרגרייטן
מיט לידער פון מיין נשמה און פון אומשטערבלעכקייט.

איך וועל מאַכן אַ ליד פאַר די שטאַטן, אַז קיין איינציקער שטאַט
זאָל זיך אונטער קיינע באַדינגונגען ניט אונטערוואַרפן
אַ צווייטן שטאַט;
און איך וועל מאַכן אַ ליד,
אַז עס זאָל זיין אַחדות צווישן אַלע שטאַטן
און צווישן איינעם און דעם צווייטן ביי טאָג און ביי נאַכט.

און איך וועל מאַכן אַ ליד פאַר די אויערן פון דעם פּרעזידענט,
פול מיט שפּיציק, דראָענדיק געווער,
און הינטער דעם געווער — אומצייליקע, אומצופרידענע פּנים׳ער.
און אַ ליד מאַך איך פונעם יחיד, אויסגעשטאַלטיקט פונעם כלל —
דער גרייפנדיקער, פינקלענדיקער איינער,
וועמענס קאָפּ עס גרייכט איבער אַלעמענס קעפּ —
אַנטשלאָסענער, קריגערישער יחיד, וואָס שליסט־איין יעדן
און איז העכער פון יעדן.
(ווי הויך ס׳איז עמיצנס קאָפּ, גרייכט זיין קאָפּ העכער.)

איך וועל אָנערקענען איצטיקע לענדער;
איך וועל נאָכפאָלגען די גאַנצע געאָגראַפיע פונעם ערד־קיילעך,
איך וועל מיט פריינטשאַפט סאַלוטירן יעדע שטאָט, גרויס און קליין.
און אַרבעטערשאַפט!
איך וועל אַריינשטעלן אין מיינע לידער,
אַז צו דיר געהערט די העלדישקייט אַף דער יבשה
און אויפן ים.
און איך וועל באַריכטן יעדע העלדישקייט
פון אַן אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט.

איך וועל זינגען דאָס ליד פון חבר׳שאַפט;
איך וועל ווייזן דאָס, וואָס וועט מענטשן ענדלעך פאַרבינדן.
איך גלויב, אַז דורך מיר וועלן זיי באַגרייפן גרויסע ליבע.

איך וועל דערפֿאַר אַרויספֿלאַמען פֿון זיך דאָס פֿייער,
וואָס האָט גערדראָעט מיך צו פֿאַרברענען;
איך וועל באַפֿרייען די פֿייערן פֿון דעם,
וואָס האָט זיי צו־לאַנג געשטיקט;
איך וועל זיי פֿולשטענדיק פֿריילאָזן;
איך וועל שרייבן דאָס הייליקע בשורה־ליד
פֿון קאַמעראַדן און פֿון ליבע,
(ווייל ווער, אויב ניט איך, זאָל פֿאַרשטיין ליבע
מיט אַלע אירעליידן און פֿריידן?
און ווער, אויב ניט איך, זאָל זיין דער דיכטער פֿון חבר'שאַפֿט?)

●—●

איך בין דער לייכטגלויביקער מענטש
פֿון אייגנשאַפֿטן, דורות, ראַסן.
איך קום אַרויס פֿון דעם פֿאָלק אין זיין אייגענעם גייסט;
דאָ זינגט אומבאַגרעניצטער גלויבן.

●—●

איך זאָג, אַז קיין מענטש איז נאָך קיינמאָל ניט געווען
גענוג גלויביק.
קיינער האָט נאָך ניט געשעצט און פֿאַרגעטערט
אפֿילו האַלב־גענוג;
קיינער האָט זיך נאָך ניט פֿאַרטראַכט, ווי געטלעך ער אַליין איז,
און ווי באַשטימט די צוקונפֿט איז.

●—●

ווען איך האָב אין אַלאַבאַמאַ געשפּאַצירט מיין פֿרימאָרגן־שפּאַציר,
האָב איך געזען דעם שפּאָט־פֿויגל, די זי,
אין דאָרן־קוסט אַף איר נעסט,
אויסבריענדיק אירע אייערלעך.

איך האָב געזען דעם ע ר - פֿויגל אויך,
איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט דערביי,
צו הערן זיין טרילנדיקן האַלדז, זיין פֿריידיק געזאַנג.

און בשעת איך האָב זיך צוגעהערט, איז מיר איינגעפאַלן,
אַז דאָס וואָס ער האָט געזונגען, איז געווען ניט נאָר פאַרן אַרום,
ניט נאָר פאַר זיין פאָר, ניט נאָר פאַר אים אַליין,
ניט נאָר פאַר דער עכאָ־גרייכנדיקער ווייט ;
נאָר צאַרט און געהיים האָט ער אַריבערגעשיקט
אַ געהיימען צוזאָג, אַ געשאַנק,
אַהין צו יענע, וואָס ווערן ערשט געבוירן.

•—•

דעמאָקראַטיע !
דאָ ניט ווייט פון דיר סטראָיעט זיך אַ האַלדז
מיט פריידיקן געזאַנג.

מיין פרוי !
פאַר דעם דור, וואָס וועט זיך פון אונדז אויספיקן ;
פאַר יענע, וועלכע זיינען שוין דאָ,
און פאַר יענע, וואָס וועלן ערשט קומען ;
איך, וואָס פלאַטער פון פרייד, זיך גרייטנדיק פאַר זייערטוועגן,
וועל איצט אַרויסטרעלן אַזעלכע געזאַנגען,
וואָס שענערע און געוואַגטערע זיינען אויף דער ערד
נאָך ניט געהערט געוואָרן.
איך וועל מאַכן די לידער פון ליידנשאַפט,
צו געבן זיי זייער אויסדרוק.
און א י י ע ר ע לידער, פאַרפאָלגטע איבערטרעטער פון געזעץ—
ווייל איך קוק זיך־צו צו אייך מיטן בליק פון אַן אייגענעם,
און איך נעם אייך מיט מיט זיך פונקט ווי יעדן.

איך וועל מאַכן די אמת'ע לידער פון רייכקייטן,
צו געווינען פאַרן גוף און דעם מוח דאָס אייביק־אמת'ע ;
דאָס וואָס גייט פאַראויס און ווערט ניט פאַרלוירן מיטן טויט.

איך וועל זינגען זעלבסט־ליבע און ווייזן,
אַז דאָס איז די באַזע פון אַלץ —
און איך וועל זיין דער באַזינגער פון פערזענלעכקייט.

און איך וועל ווייזן,
אַז מאַן און פרוי זיינען איינער געגליכן צום צווייטן.
און איר, געשלעכט־אָרגאַנען און געשלעכט־אַקטן,
פאַרלאָזט זיך אויף מיר,
איך בין אַנטשלאָסן צו דערציילן וועגן אייך
מיט מוטיקער קלאָרער שטימע,
צו באַווייזן, אַז איר זענט דערהויבן.

און איך וועל ווייזן, אַז ס'איז ניטאָ קיין אומפולקאָמענהייט
אין דער קעגנוואַרט
און עס קאָן ניט זיין אין דער צוקונפט.
און איך וועל ווייזן, אַז וואָס עס זאָל ניט טרעפן מיט עמיצן
קאָן עס אומגעווענדט ווערן צום גוטן;
און איך וועל ווייזן, אַז קיין זאַך קאָן ניט טרעפן שענער
ווי דער טויט;
און איך וועל דורכפעדעמען אַ פאָדעם דורך מיינע לידער,
אַז צייט און געשעענישן זיינען פאַרבונדן,
און אַז אַלע זאַכן אין דעם אוניווערז זיינען פולקאָמענע וואונדער,
איין זאַך אַזוי אומענדלעך טיף ווי די אַנדערע.

איך וועל ניט מאַכן קיין לידער אין שייכות צו טיילן,
נאָר איך וועל מאַכן לידער, בלעטער, פערזן, געזאַנגען, געשפּרעכן,
געדאַנקען אין פאַרבינדונג מיטן גאַנצן.
און איך וועל ניט זינגען וועגן איין טאָג, נאָר וועגן אַלע טעג.
און איך וועל ניט מאַכן קיין ליד, ניט דעם מינדסטן טייל פון אַ ליד.
וואָס האָט קיין שייכות ניט צו דער נשמה.
(ווייל זיך צוקוקנדיק צו די קעגנשטאַנדן פון דעם אוניווערז,
בין איך איבערצייגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין זאַך,
אָדער אַ טייל פון אַ זאַך, אָן שייכות צו דער נשמה.)

•—•

האָט עמיצער געוואָלט זען די נשמה?
זע דיין אייגן געשטאַלט, פּנים'ער, פּערזאָנען, שטאָפן, חיות,
די ביימער, די לויפנדיקע טייכן, די פעלזן און די זאַמדן.

אַלץ טראָגט אין זיך גייסטיקע פריידן, נאָכדעם לייזט זיך עס אויף:
ווי אַזוי קאָן דאָס אמת־קערפּערלעכע שטאַרבן און זיין באַגראָבן ?

פון דיין אמת׳ן גוף, אָדער יעדן מאַנ׳ס צי פרוי׳ס אמת׳ן גוף,
ווערט טייל נאָך טייל פאַרשווינדן פון די הענט פון דעם,
וואָס איז אים מטהר,
און אַריבער אין די גהעריקע ספערן —
מיטנעמענדיק מיט זיך אַלץ, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט
פון געבוירן־אָן ביזן טויט.

דעם דרוקערס זאַץ לאָזט ניט איבער מער אָפּדרוק,
זין און אינהאַלט,
ווי אַ מאַנ׳ס גוף און נשמה,
צי אַ פרוי׳ס גוף און נשמה לאָזן דאָ איבער
דורך זייער לעבן און זייער זיין.
אָן אונטערשייד — פאַרן טויט צי נאָכן טויט.
הערט! דאָס לייב איז כולל אַלץ און איז דער זין,
דער הויפּט־ציל — און איז די נשמה;
ווער דו זאָלסט ניט זיין, ווי וואונדערבאַר, ווי הייליק
איז דיין קערפּער, צי יעדער טייל פון דיין קערפּער!

וואונדערלעך זיינען די מיטן

(1855)

וואונדערלעך איז די ערד,
און וואונדערלעך ווי אַזוי זי איז געוואָרן דאָס וואָס זי איז;
מיינט איר אפשר, אַז ביי דעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט?
וואַקסן אויפגעהערט?
פאַרשטייט־זשע, אַז זי גייט ווייטער פונעם איצט,
ווי זי איז איצט ווייטער פון יענע צייטן,
ווען זי איז נאָך געווען צוגעדעקט מיט וואַסערן און גאַזן,
איידער דער מענטש איז נאָך געווען.

וואונדערלעך איז די אייגנשאַפט פון א מ ת אין דעם מענטשן;
די אייגנשאַפט פון אמת אין דעם מענטשן
האַלט זיך אַליין אויף דורך אַלע ענדערונגען;
דער אמת און דער מענטש זיינען אומצעשיידבאַר;
זיי זיינען פאַרליבט איינס אין אַנדערן
און זיי צעשיידן זיך קיינמאָל נישט.

דער אמת אין דעם מענטשן איז נישט קיין לערע,
ער איז לעבן, ווי די זעאונגס־קראַפט פון די אויגן;
אויב ס'איז נאָר דאָ מאַן צי פרוי, איז דאָ אמת;
אויב ס'איז נאָר דאָ דאָס קערפּערלעכע, צי דאָס גייסטיקע —
איז דאָ אמת;
אויב ס'איז נאָר דאָ גלייכגעוויכט אָדער ווילנס־קראַפט —
איז דאָ אמת;
אויב ס'איז נאָר דאָ עפּעס אויף דער ערד — איז דאָ אמת.

אָ, אמת פון דער ערד!
איך בין אַנטשלאָסן זיך דורכצושלאָגן אַ וועג צו דיר;
לאָז הערן דיין קול, און איך קלעטער אויף בערג
און שפּרינג אין ים אַריין צוליב דיר.

וואָס, מיינט איר, איז דויערהאַפּט ?

(1856 — פון דער סעריע „דאָס ליד פון דער ברייטער האַק")

וואָס, מיינט איר, איז דויערהאַפּט ?
דענקט איר, אַז די גרויסע שטאָט איז דויערהאַפּט ?
אָדער אַ שטאַט, וואָס פּאַבריצירט אַ סך ?
אָדער אַ צוגעגרייטע קאָנסטיטוציע ?
צי די בעסט־געבויטע דאַמף־שיפן ?
אָדער האָטעלן פון גראַניט און אייזן ?
צי די מייסטערווערק פון טעכניק, פון פעסטונגען און אַמוניציע ?

גייט שוין, גייט ! די אַלע זאַכן אין זיך אַליין באַדייטן נישט אַזויפיל.
זיי דינען דער שעה.
די טענצער טאַנצן, די מוזיקער שפּילן פאַר זיי ;
דאָס שפּיל גייט פאַרביי ;
אַלעס איז, פאַרשטייט זיך, זייער פיין ;
אַלעס איז וואויל און גוט,
ביז עס קומט אַ בליץ פון ווידערשטאַנד.

די גרויסע שטאָט איז יענע,
וואָס פאַרמאָגט די דערהויבנסטע מענער און פרויען ;
עס מעגן אפילו זיין עטלעכע איינגעפאַלענע שטיבלעך,
איז עס אַליך די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט.

●—●

דאָס אָרט, וואו די גרויסע שטאָט געפינט זיך,
איז נישט דאָס אָרט פון אויסגעשפּרייטע האַפנס,
פאַבריקן, פלעצער, וואו מען לייגט־אָפּ אַ סך פּראָדוקטן ;
אויך נישט דאָס פלאַץ, וואוהין מע האַלט כסדר אין איין קומען,
צי פון וואַנען שיפן מיט מענטשן פאָרן שטענדיק אָפּ ;
אויך נישט דאָס פלאַץ פון די העכסטע און טייערסטע בנינים ;
אָדער קראָמען, וואָס פאַרקויפן סחורה פון גאָר דער וועלט ;

אויך נישט דאָס פּלאַץ פון די בעסטע ביבליאָטעקן און שולן —
אויך נישט דאָס פּלאַץ, וואו ס'איז דאָ געלט איבער־גענוג;
אויך נישט דאָס פּלאַץ מיט דער גרעסטער באַפעלקערונג.

די שטאָט שטייט דאָרט,
וואו עס געפינט זיך דער געזינדסטער דור רעדנער און דיכטער;
וואו ז י י האָבן ליב, און מ'האָט זיי ליב און מען פאַרשטייט זיי;
וואו העלדן ווערן ניט פאַראייביקט דורך מאָנומענטן,
נאָר דורך פּשוט'ע רייד און מעשים;
וואו פאַרזיכט האָט זיך איר פּלאַץ
און אונטערנעמונג האָט איר פּלאַץ;

וואו מענער און פרויען האַלטן לייכט דאָס געזעץ;
וואו עס הערט־אויף קנעכט
און עס הערט־אויף האַר איבער קנעכט;
וואו די באַפעלקערונג שטעלט זיך שנעל
קעגן דער זיך־קיינמאָל־נישט ענדיקנדיקער חוצפּה
פון די דערוויילטע;
וואו צאָרנדיקע מענער און פרויען וואַרפן זיך אַף זיי,
ווי דער ים, ביים פייף פון טויט, וואַרפט זיינע שלאָגנדיקע
און אומברייגנגענדיקע כוואַליעס;

וואו דרויסנדיקע אויטאָריטעט קומט שטענדיק נאָך
דער העכסטער אינערלעכער אויטאָריטעט;
וואו דער בירגער איז שטענדיק דער הויפּט, דער אידעאַל —
און דער פּרעזידענט, דער מעיאָר, דער גאָווערנאָר און וואָס נישט,
זיינען אָגענטן פאַר באַצאָלט;
וואו קינדער לערנט מען צו זיין אַ געזעץ פאַר זיך
און זיך פאַרלאָזן אויף זיך;
וואו אַלע וויזן אַרויס גלייכע מוטיקייט אין אַלע האַנדלונגען;
וואו פרויען גייען אין די גאַסן־פּראָצעסיעס, גלייך מיט די מענער;
וואו זיי קומען צו עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און פאַרנעמען פּלאַץ
גלייך מיט די מענער;

וואו עס שטייט די שטאָט פון די צוטרווילעכסטע פריינט ;
וואו עס שטייט די שטאָט פון ריינסטער געשלעכטלעכקייט ;
וואו די שטאָט פון די געזינטסטע טאַטעס געפינט זיך ;
וואו די שטאָט פון די מאַמעס מיט די געזינטסטע קערפּערס
געפינט זיך, —
דאָרט שטייט די גרעסטע שטאָט.

אַ געדאַנק

(1867)

װעגן מענטשן, װאָס האָבן דערגרייכט הויכע שטעלעס,
פּאָסאָן, רייכטום, סטיפּענדיעס און ענלעכעס —
פֿאַר מיר איז אַלץ װאָס יענע מענטשן האָבן דערגרייכט
גאָרנישט װערט,
סיידן עס רירט־אָן זייערע קערפּערס און נשמות;
אַזױ, אַז מיר זעען זיי אָפט אויס מאָגער און נאַקעט;
און אָפט זעען זיי מיר אויס, װי איינער װאָלט געשפּאָט פֿון צװייטן.
און ער, אָדער זי, שפּאָטן פֿון זיך אַליין,
און פֿאַר יעדן פֿון זיי איז דער תּוך פֿון לעבן, דאָס גליק,
אָנגעפּילט מיט פֿוילן װערימדיקן אָפּפֿאַל.
און װי איך זע זיי אָפט, גייען יענע מענער און פֿרויען
אומװיסנדיק פֿאַרביי די אמת'ע לעבנס־װירקלעכקייטן,
און גייען צו פֿאַלשע װירקלעכקייטן.
און אָפט זע איך, װי זיי לעבן נאָר אויף װיפֿיל
די געװאוינהייט דינט זיי, אָבער נישט מער;
און אָפט זיינען זיי פֿאַר מיר טרויעריקע שלאָף־װאַנדלער,
װאָס איילן אַרום אין זייער שלאָף אין דער פֿינצטער.

דער נעגער האַלט פעסט די לייצעס

(1855)

פון דער סעריע : „וואָלט וויטמאַן"

דער נעגער האַלט פעסט די לייצעס פון זיינע פיר פערד,
דער קלאָץ הענגט אונטן אויף דער אַרומגעבונדענער קייט ;
דער נעגער, וואָס טרייבט דעם לאַסט־וואָגן
פון ברוקירטן הויף אַרויס,
שטייט הויך און רואיק מיט איין פוס אויפן שטריק.

זיין בלוי העמד אַנטפּלעקט אַ געזונטן האַלדז און ברוסט,
און פאַלט פריי איבערן גאַרטל ;
זיין בליק איז רואיק און באַפעלעריש ;
ער פאַרשאַרט דעם רונד פון זיין הוט איבער זיין שטערן ;
די זון פאַלט אויף זיינע געדיכטע האָר און וואָנצעס,
אויף זיינע שוואַרץ־פּאָלירטע שיינע גלידער.

איך זע דעם שיינעם ריז און האָב אים ליב,
און איך שטעל זיך ביי דעם ניט אָפּ,
איך גיי אויך מיט מיטן פערד־געשפּאַן.

אין מיר לעבט דער ליבהאָבער פונעם לעבן,
וואוהין עס זאָל זיך ניט דרייען, צוריק אַזוי גוט ווי פאָראויס ;
אין זייטיקע נישעס און צום נידעריקן זיך בויגנדיק.

אָקסן, וואָס שלעפּן דעם יאָך און די קייט,
אָדער וואָס בלייבן שטיין אין בלעטערדיקן שאָטן,
וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס אייערע אויגן דריקן־אויס ?
מיר דאַכט זיך, אַז זיי דריקן אויס מער, ווי אַלץ,
וואָס איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן געלייענט אין דרוק.

מיין טראָט שרעקט־איבער די וואַלד־קאַטשקעס,
אויף מיין וויטן, טאָג־לאַנגן שפּאַציר ;
זיי הויבן זיך אויף צוזאַמען און קרייזן לאַנגזאַם אַרום.

איך גלויב אין דעם ציל פון די באַפליגלטע,
און איך אַנערקען דאָס רויטע, געלע, ווייסע, וואָס שפּילט אין מיר ;
איך האַלט, אַז דאָס גרין און פיאָלעט און דאָס קרויך־טשוביקל
זיינען מיט אַ ציל.
און אַ טשערעפּאַכע איז ביי מיר ניט אומווירדיק,
פאַרוואָס זי איז ניט עפּעס אַנדערש ;
און דער פויגל אין וואַלד האָט קיינמאָל ניט געלערנט
ווי מען נעמט אַ טאָן,
און דאָך זינגט ער פאַר מיר זייער גוט ;
און דער בליק פון דער ברוינער שקאַפע
פאַרשעמט אין מיר יעדע נאַרישקייט.

איך זאָג

(1860)

איך זאָג : אַ מענטש זאָל ניט האָבן קיין רעכט איבער קיין מענטשן;
איך זאָג : דער אַמווינציקסטן־אַנטוויקלטער מענטש אויף דער וועלט
איז פּונקט אַזוי וויכטיק און הייליק פאַר זיך,
ווי דער סאַמע אַנטוויקלטסטער מענטש איז פאַר זיך.

●—●

איך זאָג : דאָרט וואו פרייהייט
ציט ניט אַרוים דאָס בלוט פון קנעכטשאַפט,
דאָרט ציט קנעכטשאַפט אַרוים דאָס בלוט פון פרייהייט.
איך זאָג דאָס וואָרט פון דער גוטער אַלטער אידייע פון די שטאַטן,
און צעקלינג עס פון דאַנען איבער גאָרער וועלט.

●—●

איך זאָג : דאָס מענטשלעכע פּנים און געשטאַלט
איז אַזוי וואונדערלעך,
אַז מען טאָר עס קיינמאָל ניט מאַכן לעכערלעך ;
איך זאָג : קיין דרויסנדיקס צוליב אָרנאַמענט
טאָר ניט דערלויבט ווערן ;
און אַז אַלץ איז אַמשענסטן אָן אָרנאַמענט,
און אַז איבערטרייבונגען וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן
אין דיין אייגענעם קערפּער און אויך אין די קערפּערס פון אַנדערע;
און איך זאָג, אַז שיין־געשטאַלטיקע קינדער קענען בלויז געבוירן
ווערן, ווען דאָס נאַטירלעכע געשטאַלט איז פריי אין דער
עפנטלעכקייט, און דאָס מענטשלעכע אויסזען ווערט קיינמאָל
ניט פאַרוואַנדלט אין קאַריקאַטורע ;
און איך זאָג, אַז גענאַליטעט מוז ניט אָנקומען צו ראָמאַנטיק,
(ווייל פאַקטן, ווען ריכטיק דערציילט, —
ווי שלעכט זעט דאַן יעדע ראָמאַנטיק אוים קעגן זיי).

•—•

איך זאָג דאָס וואָרט פון לענדער,
וואָס שרעקן זיך פאַר קיין זאַך ניט —
קיין אַנדערע לענדער וויל איך ניט קענען;
איך זאָג: דיסקוטירט אַלעס און דעקט אַלעס אויף —
איך בין דערפאַר,
אַז יעדע טעמע זאָל אָפּן אויפגענומען ווערן.
איך זאָג: עס קאָן ניט זיין קיין לייזונג פאַר די שטאַטן
אָן דעם, וואָס ברענגט דאָס נייע —
אָן פרייען וואָרט, אָן אויערן גרייט צו הערן דאָס נייע;
און איך פאַררעכן עס אַלס די גלאָרי פון די שטאַטן,
וואָס זיי הערן זיך צו מיט אַכטונג צו די פאָרשלאָגן, רעפאָרמעס,
נייע מיינונגען און פרינציפּן,
וואָס מענער און פרויען ברענגען־פאַר —
יעדער דור מיט זיין אייגענעם וואוקס.

•—•

מיט איין מאַן אָדער פרוי
(עס מאַכט ניט אויס וועלכע,
איך קלייב־אויס אפילו די נידעריקסטע),
מיט אים אָדער איר אילוסטריר איך דעם געזעץ;
איך זאָג, אַז יעדע רעכט, פּאָליטיש, צי וואָס עס זאָל נישט זיין,
זאָל געגעבן ווערן דעם מאַן אָדער דער פרוי,
אויף די זעלבע באַדינגונגען וואָס יעדן.

דאָ און דאָרט אַרומגייענדיק

(1855)

פון דער סעריע : „וואָלט וויטמאַן"

דאָ און דאָרט אַרומגייענדיק מיט צען־סענט־שטיקלעך אַף די אויגן,
צו שפּייזן דעם הונגער פונעם מאָגן,
די מוחות פריי פון דענקען ;
בילעטן קויפן, נעמען, פאַרקויפן,
אָבער צו דער שמחה קיינמאָל ניט גייען,
פילע שוויים פאַרגיסן, האַקערן, דרעשן,
דערנאָך דאָס שטרוי אַלס שכר באַקומען,
און עטלעכע ליידיקגייער, אַלעס פאַרמאָגן,
שטענדיק פאַרנעמען די תבואה אַלס זייערע.

ווען איך לייען וועגן דעם זיגער׳ס רום

(1860)

ווען איך לייען וועגן דעם זיגער־רום פון העלדן,
און די זיגן פון מעכטיקע גענעראַלן,
בין איך ניט מקנא די גענעראַלן;
נישט דעם פּרעזידענט אין זיין פּרעזידענטשאַפט;
נישט דעם רייכן אין זיין גרויסן הויז;
נאָר ווען איך הער וועגן דער ברידערלעכקייט פון געליבטע,
ווי אַזוי עס איז געשען מיט זיי,
ווי אַזוי דורך לעבן, דורך געפאַרן, דורך שנאה,
נישט געביטן, כסדר,
דורך יוגנט, מיטל־עלטער, אויף די עלטערע יאָרן,
ווי אַזוי אָן וואַקלעניש, ווי איבערגעגעבן און געטריי
זיי זיינען געבליבן, —
דאַן ווער איך אומעטיק־פאַרקלערט און איך אייל שנעל אַוועק,
פול מיט ביטערער קנאָה.

צוליב וואָס, דענקט איר, נעם איך די פּען אין האַנט ?

(1860)

צוליב וואָס, דענקט איר, נעם איך די פּען אין האַנט
וואָס דענקט איר, וויל איך פאַרצייכענען ?
די קריג־שיף פון פולקאָמענסטן מאָדעל ריזיק־גרויס און שיין,
וואָס איך האָב היינט געזען, ווייט פון ברעג,
פאַרבייפאָרן אין פולן גאַנג ?
די וואונדערלעכע שיינקייטן פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג ?
צי די פּרעכטיקייט פון דער נאַכט, וואָס הילט מיך איין ?
צי דעם באַרימערישן גלאַנץ און וואוקס פון דער גרויסער שטאָט,
וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום מיר ? ניין !
איך פאַרצייכן נאָר צוויי פּשוט'ע מענטשן,
וואָס איך האָב היינט געזען ביים האַפן,
אינמיטן פון אַ גרויסער מענגע,
זיך געזעגענען ווי צוויי גוטע פריינט געזעגענען זיך :
דער, וואָס האָט געדאַרפט דאָ בלייבן,
איז געפאַלן אַפן צווייטנ'ס האַלדז און אים שטאַרק געקושט ;
בעת יענער, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן,
האָט אים שטאַרק געדריקט אין זיינע אָרעמס.

אַרומוואַנדערנדיק אין געדאַנק

(לייענענדיק העגעלין)

(1876)

אַרומוואַנדערנדיק אין געדאַנק איבער דעם אוניווערז,
האָב איך געזען דאָס ביסל גוטע
שטענדיק איילנדיק צו דער אומשטערבלעכקייט,
און דאָס אומגעהייערע אַלץ, וואָס מען רופט־אָן שלעכטס,
איילנדיק זיך אויפצולייזן און פאַרלירן זיך אינעם טויט.

הערט, איך גיב ניט קיין לעקציעס, צי אַביסל צדקה:
אַז איך גיב, גיב איך זיך אַליין



וואָלט וויטמאַן אין 1855

היינט פאַרטאָג

(1855)

פון דער סעריע: „וואָלט וויטמאַן"

היינט פאַרטאָג האָב איך אַרויפגעשטיגן אויף אַ באַרג,
איך האָב געזען דעם שטערן־פולן הימל,
און איך האָב געזאָגט צו מיין גייסט:

ווען מיר וועלן שוין אַנטפּלעקן דעם באַשייד פון די אַלע פּלאַנעטן,
און דאָס פאַרגעניגן און דאָס פאָרשן פון אַלץ אין זיי,
וועט אונז שוין זיין גענוג?
וועלן מיר דאַמאָלס שוין זיין צופרידן?

און מיין גייסט האָט געזאָגט:
ניין, מיר בויגן בלויז איין יענע הויך,
כדי דורכצוגיין און ווייטער פאָרצווזעצן.

וואָלט וויטמאַניס וואָרענונג

(1860)

צו די שטאַטן, אָדער צו יעדן איינעם פון זיי,
אָדער צו יעדער שטאָט אין די שטאַטן:
דערוויידערט אַ סך, פאָלגט ווינציק;
וואו בלינדע געהאָרכזאַמקייט, דאָרט — פולע קנעכטשאַפט;
וואו פולע קנעכטשאַפט, דאָרט קריגט קיין פאָלק,
שטאַט, אָדער שטאָט אין דער וועלט,
ווידער צוריק די פרייהייט.

געזאַנג פון באַשעפטיקונגען

(1855)

1

קומט־צו נעענטער צו מיר,
שטופּט זיך צו נאָענט, מיינע ליבע,
און נעמט דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג;
דרינגט צו נעענטער און נעענטער,
און גיט מיר דאָס בעסטע, וואָס איר פאַרמאָגט.

דאָס איז אָן עסק אָן אַ סוף מיט מיר —
ווי האַלט עס מיט אייך?
(עס איז מיר קאַלט געווען מיטן קאַלטן זאַק, פּרעס־צילינדער,
פּייכטן פּאַפּיר, וואָס טיילן אונז פאַנאַנדער).

מענער און פרויען!
איך קום ניט זייער גוט אויס מיט פּאַפּיר און זאַק,
איך מוז קומען אין באַריר מיט קערפּערס און נשמות.

אַמעריקאַנער מאַסן!
איך דאַנק אייך נישט פאַר דעם וואָס איך געפעל אייך ווי איך בין
און פאַר ליב האָבן מיין באַריר —
איך ווייס, אַז אַזוי איז עס גוט פאַר אייך.

2

דאָס איז דאָס געזאַנג פון באַשעפטיקונגען;
אין דער אַרבעט פון מאַשינען און פאַכן,
אין דער אַרבעט פון פעלדער,
געפין איך די אַנטוויקלונגען,
און געפין דעם אייביקן זין.

אַרבעטס־מענער און אַרבעטס־פרויען!
וואָלט איך מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלזייטיקע בילדונג,
פּראַקטישע און אָרנאַמענטאַלע,
וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט עס געהאַט?
וואָלט איך געווען ווי דער הויפּט־לערער,
פילאַנטראָפּישער אייגנטימער, קלוגער שטאַטסמאַן,
וואָס פאַר אַ באַטרעף וואָלט עס געהאַט?
וואָלט איך געווען צו אייך, ווי דער באַלעבאָס, וואָס באַשעפטיקט
און צאָלט אייך,
וואָלט עס אייך צופרידן געשטעלט?

דער געלערנטער, דער טוגנטהאַפטער, וואוילטעטיקער,
און דאָס געווינלעכע;
אַ מענטש ווי איך — און קיינמאָל ניט דאָס געווינלעכע.

נישט קיין דינער און נישט קיין האַר בין איך;
איך נעם נישט מער גערן אַ גרויסע פרייז, ווי אַ קליינע פרייז —
דער לוין איז מיינער, ווער עס זאָל פון מיר ניט געניסען;
איך וועל זיין גראָד מיט אייך און איר זאָלט זיין גראָד מיט מיר.

אויב איר שטייט ביי דער אַרבעט אין שאַפּ, שטיי איך אַזוי נאָענט,
ווי דער נאָענטסטער אין זעלביקן שאַפּ;
אויב איר שענקט מתנות אייער ברודער,
צי אייער טייערסטן פריינט,
פאָדער איך דאָס זעלביקע, וואָס אייער ברודער,
צי אייער טייערסטער פריינט;
אויב אייער געליבטער, מאַן, ווייב, איז ווילקאָמען
ביי טאָג צי ביי נאַכט,
מוז איך פערזענלעך זיין אַזוי ווילקאָמען;
אויב איר ווערט דערנידעריקט, פאַרברעכעריש, קראַנק,
ווער איך אויך אַזוי צוליב אייך;
אויב איר געדענקט אייערע נאַרישע אומגעזעצלעכע מעשים,
מיינט איר, אַז איך קאָן נישט געדענקען מיינע אייגענע נאַרישע
אומגעזעצלעכע מעשים?

אויב איר זויפט, זויף איך ביי דער צווייטער זייט פון טיש;
אויב איר באַגעגנט עפּעס אַ פרעמדן אין גאַס
און קריגט אים אָדער זי ליב,
וואָס איז, איך באַגעגן אָפט פרעמדע אין גאַס און קריג זיי ליב.

וואָס איז? וואָס האָט איר געדענקט וועגן זיך?
זענט איר, הייסט עס, יענע, וואָס האַלטן זיך קלענער?
זענט איר עס די, וואָס האָבן געדענקט,
אַז דער פּרעזידענט איז גרעסער פון אייך?

אָדער אַז דער רייכער איז דערפאַלגרייכער פון אייך?
צי דער געבילדעטער קליגער פון אייך?

ווייל איר זענט פאַרברודיקט צי באַפּרישטשעט,
צי איר זענט אַמאָל געווען שיכור, אָדער אַ גנב;
צי קראַנק, רומאַטיש, אָדער אַ פּראַסטיטוטקע,
אָדער איר זענט עס איצט;
צי פון לייכטזין אָדער אומפּאַטענץ,
צי דערפאַר וואָס איר זענט ניט קיין געלערנטער,
און האָט קיינמאָל ניט געזען אייער נאָמען געדרוקט,
גיט איר צו, אַז איר זענט ווינציקער אומשטערבלעך?

3

נשמות פון מענער און פרויען!
נישט אייך רוף איך אָן אומזיכטבאַרע, אומהערבאַרע,
אומבאַרירבאַרע און וואָס באַרירן נישט;
נישט וועגן אייך וועל איך אַרגומענטירן פ אַ ר און ק ע ג ן,
און זיך אויס'טענה'ן צי איר לעבט, צי נישט;
איך גיב צו עפנטלעך, ווער איר זענט, אויב קיינער גיט עס ניט צו.

דערוואַקסענע, האַלב־דערוואַקסענע און קליינע קינדער,
פון דעם לאַנד און פון יעדן לאַנד, אין הויז און אין דרויסן,
זע איך איינעם פונקט אַזוי גוט ווי דעם צווייטן;
איך זע אַלץ וואָס ס'איז הינטער דעם און דורך זיי.

דאָס ווייב — און זי איז נישט קיין האָר קלענער ווי דער מאַן ;
די טאָכטער — און זי איז אַזוי גוט ווי דער זון ;
די מוטער — און זי איז אין אַלעם אַזוי וויכטיק ווי דער פאָטער ;
קינדער פון אומוויסנדיקע און אַרימעלייט,
אינגלעך, וואָס לערנען אַ מלאכה ;
יונגע חברה־לייט, וואָס אַרבעטן אויף פאַרמס און אַלטע לייט,
וואָס אַרבעטן אויף פאַרמס ;
מאַטראָסן, סוחרים, ברעג־אַרבעטער, אימיגראַנטן ;
די אַלע זע איך —
די נעענטערע און ווייטערע זע איך גלייך ;
קיינער וועט פון מיר ניט אַנטרינען און קיינער זאָל ניט האָבן
קיין פאַרלאַנג פון מיר צו אַנטרינען.

איך ברענג וואָס איר דאַרפט זייער נויטיק,
דאָך האָט איר עס שטענדיק.
ניט קיין געלט, ליבעס, קליידער, עסנוואַרג —
נאָר עפּעס וואָס איז אַזוי גוט, ווי די אַלע זאַכן.
איך שיק נישט קיין אַגענט אָדער פאַרמיטלער,
איך באָט ניט אָן קיין ווערט פון עפּעס,
נאָר איך באָט אָן די ווערט אַליין.

פאַראַן עפּעס, וואָס ווערט איינעם אייגן אויף איצט
און אויף שטענדיק ;
ס'איז נישט עפּעס אַזוינס וואָס ווערט געדרוקט,
געפּריידיקט, דיסקוטירט —
עס מיידט אויס דיסקוסיעס און דרוק ;
מען קאָן עס ניט פאַרקערפּערן אין אַ בוך —
ס'איז נישטאָ אין ד ע ם בוך.
ס'איז פאַר א י י ך , ווער איר זאָלט ניט זיין —
ס'איז נישט ווייטער פון אייך, ווי אייער געהער און זע־קראַפט
זיינען נישט ווייט פון אייך.
דאָס נאָענטסטע, געוויינלעכסטע, פאַרטיקע דייטן אַף דעם אָן ;
עס ווערט פון זיי שטענדיק אַרויסגערופן.

איר קאָנט לייענען אַ סך שפּראַכן,
און דאָך וועגן דעם גאָרניט לייענען;
איר קאָנט לייענען דעם פּרעזידענט'ס מעלדונג,
און דאַרטן גאָרנישט געפינען פון דעם.
גאָרנישט פון דעם אין די באַריכטן פון דעם אויסערן־מיניסטעריום,
צי דעם פינאַנץ־מיניסטעריום, צי אין די טעגלעכע צייטונגען,
צי אין די וועכנטלעכע צייטונגען, אָדער אין דעם צענזוס,
צי אין די שטייער־באַריכטן, אָדער אין די פּרייזקוראַנטן
און חשבונות פון ווערט־פּאַפּירן.

4

די זון און שטערן, וואָס האַלטן זיך אין רוים;
די ערד אין פאָרם פון אַן עפּל, און מיר אויף איר;
געוויס איז דאָס האַלטן זיך פון דער ערד אין רוים
אַ גרויסאַרטיקע זאַך;
איך ווייס נישט וואָס ס'איז, נאָר אַז ס ' א י ז וואונדערבאַר
און אַז ס'איז גליק.
און אַז דער אַל־איינשליסנדיקער זין פון אונזער זיין דאָ
איז נישט קיין ספּעקולאַציע, אָדער אַ קלוג ווערטל,
צי אַ פּלאַן צום אויסשפּירן,
און ס'איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף דערצו מזל,
עס זאָל אונז גוט זיין און אָן מזל וואַרט אויף אונז דורכפאַל,
און נישט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן צוליב אַ געוויסן צופאַל
צוריקגעצויגן ווערן.

דאָס ליכט און שאָטן, דאָס מערקווירדיקע געפיל פון קערפּער
און זעלבסט־דערקענטעניש;
דער הונגעריקער באַגער, וואָס שלינגט געמיטלעך אַלעם איין;
דער אומענדלעכער שטאָלץ
און דאָס מענטשלעכע רייסן זיך צו עפּעס;
די פריידן און ליידן, וואָס מען קאָן מיט קיין ווערטער
ניט דערציילן;
די וואונדער, וואָס יעדער באַנעמט אין יעדן, וואָס ער זעט,

און די וואונדער, וואָס פילן שטענדיק אָן יעדע מינוט, —
פאַר וואָס האָסטו זיי אָנגענומען, חבר?
האָסטו זיי אָנגענומען פאַר אַ פאַך אַזאַ? צי פאַרם־אַרבעט?
צי פאַר פּראָפיטן פון אַ קראָם?
צי קריגן דורך זיי אַ שטעלע פאַר זיך?
צי אויסצופילן די ליידיקע צייט פון הערן און דאַמען?

האָט איר געדענקט, אַז די לאַנדשאַפט איז געוואָרן וואָס זי איז,
כדי מען זאָל קענען פון איר מאָלן אַ בילד?
צי מאַן און פרוי —
כדי מען זאָל זיי קענען באַשרייבן און באַזינגען?
אָדער דער כוח פון גראַוויטעט און די וואונדערלעכע געזעצן
און האַרמאָנישע פאַרבינדונגען,
און דאָס שטראָמען פון דער לופט —
אַלס קעגנשטאַנדן פאַר געלערנטע?
אָדער די ברוינע ערד און דער בלויער ים —
צוליב די מאַפּעס און לאַנד־קאַרטעס?
צי די שטערן — כדי זיי צו געבן הויך־קלינגענדיקע נעמען
און מיט זיי רוימען צו באַפּוצן?
צי דאָס וואַקסן פון זאָמען איז צוליב אַגריקולטור־טאַבעלעס,
אָדער צוליב אַגריקולטור אַליין?

אַלטע אינסטיטוציעס — די קונסטן, ביבליאָטעקן, לעגענדעס,
זאַמלונגען און די מעטאָדן, וואָס ווערן פּראַקטיצירט אין פאַבריקן
וועלן מיר זיי שעצן אַזוי הויך?
וועלן מיר שעצן אונזער געלט און אונזערע געשעפטן הויך? —
איך האָב גאָרניט קעגן דעם;
איך שעץ זיי אַזוי הויך ווי דאָס העכסטע —
אָבער אַ קינד, געבוירן פון פרוי און מאַן,
שעץ איך העכער פון אַלע ווערטן.

מיר האָבן געדענקט, אַז אונזערע שטאַטן זיינען גרויסאַרטיק,
און אַז אונזער קאָנסטיטוציע איז וואונדערבאַר;
איך זאָג ניט, אַז זיי זיינען נישט גרויסאַרטיק און גוט —
ווייל זיי זיינען עס.

איך בין אין דעם איצטיקן טאָג פּונקט אַזוי פאַרליבט אין זיי ווי איר,
אָבער איך בין פאַרליבט אין אייך און אין אַלע מיינע מיטמענטשן
איבער גאַרער ערד.

מיר האַלטן תורות און גלויבנס פאַר הייליק —
איך זאָג נישט, אַז זיי זיינען נישט הייליק;
איך זאָג, אַז זיי קומען אַלע אַרויס פון אייך
און וועלן מעגלעך ווייטער אַרויסקומען פון אייך;
נישט זיי שאַפן דאָס לעבן — איר שאַפט דאָס לעבן;
אַזוי ווי בלעטער פאַלן פון די ביימער,
ווי ביימער וואַקסן פון דער ערד,
אַזוי וואַקסן זיי אַרויס פון אייך.

5

ווען דער תהלים וועט זינגען אַנשטאָט דער תהלים־זאָגער,
ווען די הייליקע שריפט וועט פּרעדיקן אַנשטאָט דער פּרעדיקער;
ווען דער שטענדער וועט אַראָפּגיין פון דער בימה,
אַנשטאָט דער שניצער, וואָס האָט דעם שטענדער אויסגעשניצט;
ווען איך וועל קענען באַרירן ביכער,
ווי מען באַרירט לייב, ביי טאָג און ביי נאַכט
און ווען זיי וועלן מיין לייב אויך אַזוי באַרירן;
ווען אַ קורס אין אוניווערזיטעט וועט אַזוי איבערציייגן,
ווי אַ שלאָפנדיקע פרוי און קינד איבערציייגן;
ווען דאָס גאָלד אין די מינץ־קאַמערן
וועט שמייכלען ווי דעם נאַכט־וועכטער׳ס טאָכטער;
ווען וועקסל־פּאַפּירן וועלן קענען פאַרברענגען אין שטולן,
זיצנדיק קעגנאיבער מיר און זיין מיינע פריינט, —
דאַן וועל איך זיי געבן מיין האַנט און זיך רעכענען מיט זיי,
ווי איך רעכן זיך מיט מענער און פרויען ווי איר.

וויפיל ערפורכט ס׳איז דאָ אויף דער וועלט
איז פאַרקערפּערט אין אייך, ווער איר זאָלט ניט זיין.
דער פּרעזידענט איז דאָרט אין „ווייסן הויז" פון אייערטוועגן,

ניט איר זיינט דאָ פון זיינעטוועגן;
די סעקרעטאַרן זיינען פאַרנומען אין די ביוראָס פון אייערטוועגן—
ניט איר דאָ פאַר זיי;
דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז קומט זיך צונויף יעדן צוועלפטן חודש
פון אייערטוועגן;
געזעצן, געריכט־הייזער, דאָס אויספאָרמירן פון די שטאַטן,
די טשאַרטערס פון שטעט, דער האַנדל און די פּאָסט,
זיינען אַלע פאַר אייך.

הערט זיך גוט צו, שילער מיינע טייערע!
אַלע פּרינציפּן, פּאָליטיק און ציוויליזאַציע, דרינגען אַרויס פון אייך;
אַלע סקולפּטורן און מאָנומענטן
און אַלץ, וואָס ס'איז ערגעץ־וואו אויסגעקריצט,
זיינען פאַרצייכנט אין אייך;
דער תוך פון געשיכטעס און סטאַטיסטיקס, אַזוי ווייט צוריק
ווי ס'איז נאָר פאַרצייכנט געוואָרן, איז איצט אין אייך;
מיטן און לעגענדעס — אויך אַזוי;
וואו וואָלטן זיי אַלע געווען,
ווען איר וואָלט איצט ניט געאָטעמט און געווען דאָ?
די באַרימטסטע לידער וואָלטן געווען אַש,
די באַרימטסטע רעדעס און שפּילן וואָלטן געווען גאָרנישט.

די גאַנצע אַרכיטעקטור ווערט ערשט דורך א י י ך,
ווען איר קוקט אַף דעם.
(האָט איר געמיינט, אַז ס'איז דאָרט געווען אין דעם ווייסן
צי גרויען שטיין?
אָדער אין די ליניעס פון די אַרקעס און קאַרניזן?)

די גאַנצע מוזיק איז דאָס, וואָס וואַכט־אויף אין אייך,
ווען די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן דערמאַנען עס אייך.
ס'איז ניט די פידלען און קלאַרנעטן —
ס'איז ניט די פּאַיאַלן און ניט די פּויקן,
ניט די נאָטן פון דעם באַריטאָן, וואָס זינגט זיין זיסן ראָמאַנס;
ס'איז ניט פון דעם מענער־כאָר און ניט פון דעם פרויען־כאָר —
ס'איז נעענטער און ווייטער ווי זיי.

6

וועט דאָס גאַנצע, הייסט עס, צוריקקומען ?
קאָן, הייסט עס, יעדער זען אַ צייכן פונעם בעסטן,
ווען ער טוט אַ קוק אין שפּיגל ?
איז שוין נישטאָ קיין גרעסערע זאַך און מער ?
איז, הייסט עס, אַלעס דאָ אין דיר, מיט דער מיסטישער,
אומזיכטבאַרער נשמה ?

מאָדנע און שווער איז באמת דער פּאַראַדאָקס, וואָס איך ברענג ;
דאָס פאַרגרעבטע און די אומזיכטבאַרע נשמה זיינען איינס.

בויען הייזער, צומעסטן און זעגן די ברעטער ;
שמידן, גלאַז־בלאָזן, טשוועקעס־גיסן, קופּער־שמידן ;
שינדל־לייגן, שיף־בויער, האַפן־בויער,
פיש־זאַלצער, פעררי־פירער, טראָטואַר־ברוקירער ;
דער פּאָמפּ, דער האַמער־שלעגער, די גרויסע הויב־מאַשין ;
דער קוילן־אויוון, דער ציגל־אויוון ;
קוילן־שאַכטעס און אַלץ וואָס ס'איז דאָרטן אונטן —
די לאָמפּן אין דער פינצטערניש, עכאָס, געזאַנגען, —
וואָס פאַר אַ זינלעכקייט, וואָס פאַר אַ טיפע נאַטירלעכע מחשבות
עס קוקן אַרויס פון די פאַרסאַזשעטע פּנים'ער ;
אייזן־אַרבעט, פייערן פון קוזניעס אין די בערג,
אָדער ביי די טייך־ברעגן —
די מענער אַרום פאָרען זיך ביים אייזן־גוס
מיט גרויסע אייזערנע שטאַבעס —
שטיקער אייזן־ערץ, די נויטיקע פאַרשמעלצונג פון אייזן־ערץ,
קאַלער, קוילן — דער שמעלץ־אויוון און דער פייער־אויוון,
דאָס שמעלץ־שטיק אָפן גרונט פונעם צעשמאָלצענעם אייזן ;
די זיך־דרייענדיקע ראָד, די דיקע שטאַנגען פון גוס־אייזן ;
דער שטאַרקער רעלס אין בולט'ן בוכשטאַב T
געגאָסן פאַר באַן־ליניעס ;
אויל־אַרבעט, זייד־אַרבעט, ווייסע בליי־אַרבעט, די צוקער־פאַבריק,
די פּאַרע־זעג, די גרויסע מילן און פאַבריקן ;

שטיין־האַקערייַ, אויסגעקאַרבטע באַפּוצונגען פאַר פּאַסאַדן,
פענצטער אָדער טיר־קאַרניזן;
דער האַמער, די שאַרפע דלאַטע, דאָס שוך־דראַשעקל
צו באַשיצן דעם גראָבן פינגער ביים קאַרבן,
דער שטריק־דריל, דער דריל־שפּיץ, די פּאַדקאווע־שפּיצן;
דער קעסל קאָכיקער וואַנט־צעמענט און דאָס פייער אונטערן קעסל,
די קאַטן־פּעק, דעם לאַסט־טרעגער'ס האַקן;
די זעג און דעם זעגער'ס באַוועגונגען,
דער פורעם פון דעם פורעם־גיסער,
דעם קצב'ס מעסער, די אייז־זעג און יעדע אַרבעט אַרום דעם אייז;

די מכשירים פאַרן פאָטאָגראַף־אַפּאַראַט,
דאָס געצייג פון דעם שטריק־ציער אויף שיפן,
פון דעם פאַראַנקערער פון קליינע שיפן,
פון דעם זעגל־מאַכער, פון דעם וואָס גרייט־צו די קלעצער;
גומי־אַרטיקלען, פּאַפּיר־אַרטיקלען, פאַרבן, בערשטלעך,
בערשטל־מאַכער, גלעזער'ס־געצייג;
דער האָלץ־קינסטלער, דער קליי־טאָפּ,
צוקערוואַרג־אָרנאַמענטן,
געשליפענע פלעשער און גלעזער;
די שערן און פרעסלעך, די אָל און דער רימען,
די מאָס פון אַ האַלב־קוואַרט און אַ קוואַרט;
די סטאַיקע און דער שטול,
די גענזענע פעדער און די שטאָלענע פּען;
דאָס פאַבריצירן אַלע סאָרטן שאַרף־געצייג;
די ביר־ברויערייַ, דאָס ברויען, דער מאַלץ, פעסער,
אַלץ וואָס ווערט געמאַכט פון ברויערס,
אויך פון די וויין־מאַכער און עסיק־מאַכער;

לעדער־מאַכער, וואַגן־מאַכער, קעסל־מאַכער, שטריק־דרייער;
דיסטילירער, שילדן־מאָלער, קאָלעד־לעשער, קאַטן־קלייבער,
עלעקטראָ־פּלעטער, עלעקטראָ־טאַיפּער, פלאַטן־מאַכער;
שאַב־מאַשינען, הובלען, שנייד־מאַשינען, אַקער־מאַשינען,
דרעש־מאַשינען, פאַרע־וואַגנס;

דער וואָגן, דער אָמניבוס, דער שווערער לאַסט־וואָגן;
דאָס שיסן פייערווערק,
דאָס אַרויפשיסן קאָלירקע פייערווערק ביינאַכט,
פאַרשידענע אוזאַרן און פונקען־שפּריצן;

רינד־פלייש אין קצב׳ס יאטקע, דעם קוילערס שעכט־הויז,
דער קוילער אין זיינע יאטקע־קליידער;
די שטאַלן פון לעבעדיקע חזירים; דער שלאָג־האַמער,
דער שווייך־האַקן, דער פאַרע־קעסל, דאָס אַרויסנעמען די אינגעווייד,
דעם שעכטער׳ס שפּיז, דעם פּאַקער׳ס האַמער און איבערגעענוג
ווינטער־אַרבעט ביים פּאַקן חזיר;
מעל־אַרבעט, דאָס מאָלן דעם ווייץ, קאָרן, קוקורוזע, רייז —
די פעסלעך, האַלב־ און פערטל־פעסלעך;
די אָנגעלאָדענע באַרזשעס,
די הויכע הויפנס אויף די האַפנס און אַפליג־פלעצער;

די מענער און די אַרבעט פון מענער אויף די באַן־סטאַנציעס,
אַף ברעג־שיפלעך, פישער־שיפלעך און קאַנאַלן;
די טעגלעכע רוטינע פון דיין אייגן לעבן,
צי פון יעדן מענטשנס לעבן —
דער שאַפּ, דער הויף, די קראָם, די פאַבריק;
אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום דיר ביי טאָג און ביינאַכט!
אַרבעטער! ווער דו זאָלסט ניט זיין — דיין טעגלעך לעבן!
אין דעם אַלץ און אין זיי אַלע ליגט די שווערסטע אָנשטרענגונג —
אַ סך מער ווי דו האָסט אָפּגעשאַצט און אַ סך ווינציקער אויך;
אין זיי — ווירקלעכקייטן פאַר דיר און מיר;
אין זיי — לידער פאַר דיר און מיר;
אין זיי שליסטו איין —
דו און דיין נשמה שליסן־איין אַלץ, אָפּגעזען פון יעדער אָפּשאַצונג;
אין זיי — אַלע בעסטע אַנטוויקלונגען;
אין זיי — אַלע טעמעס און אָנצוהערעניש.

איך זאָג ניט דורכאויס, אַז וואָס איר זעט ווייטער פון דעם אַלץ
איז נוצלאָז;

איך ראַט אייך ניט ביי דעם זיך אָפּצושטעלן ;
איך זאָג ניט, אַז וויכטיקע זאַכן,
וואָס איר האָט געהאַלטן פאַר גרויס,
זיינען ניט גרויס ;
נאָר איך זאָג, אַז קיין זאַך פירט ניט צו קיין גרעסערס,
ווי עס פירן יענע.

7

ווער איר זוכן ווייט אַוועק ? איר וועט סוף־כל־סוף צוריקקומען,
כדי צו געפינען דאָס בעסטע, אָדער אַזוי גוט ווי דאָס בעסטע,
אין זאַכן וואָס זיינען אייך אַמבעסטן באַקאַנט ;
אין מענטשן אַמנאָענטסטן צו אייך — געפינען דאָס זיסטע,
קרעפטיקסטע, באַליבטסטע.
גליק, וויסן—נישט אין קיין אַנדער פּלאַץ, נאָר אין ד ע ם פּלאַץ,
ניט אין קיין אַנדער שעה, נאָר אין ד ע ר שעה.
דעם ערשטן וואָס דו זעסט און באַרירסט :
דעם פריינט, ברודער, נאָענטסטן שכן,
וועסטו אין אים שטענדיק געפינען — דעם מאַן.
אין דער מאַמען, געליבטער, צי ווייב — די פרוי.
די פּאָפּולערע געשמאַקן און פאַכן קומען אַרויס
פון לידער און פון אומעטום.
איר, אַרבעטס־פרויען און אַרבעטס־מענער פון די שטאַטן,
איר האָט אייער אייגן הייליק און קרעפטיק לעבן, —
אַלץ טרעט־אָפּ דאָס פּלאַץ פאַר מענער און פרויען ווי איר זענט.

יאָרן מאָדערנע

(1865)

יאָרן מאָדערנע, יאָרן נאָך־ניט־געקומענע,
אייער האָריזאָנט גייט־אויף!
איך זע, ווי עס פאַרנעמט זיך צו וואונדערלעכע געשעעענישן;
איך זע, ניט נאָר אַמעריקע — איך זע ניט נאָר פרייהייט'ס לאַנד,
נאָר אויך אַנדערע פעלקער גרייטן זיך.
איך זע ריזיקן אויפשטייג און אָפּגאַנג —
איך זע נייע פאַרבינדונגען — איך זע די סאָלידאַריטעט פון ראַסן;
איך זע: אַן אומבאַזיגבאַרער כוח שטייגט־אויף
אַף דער בינע פון דער וועלט.
(האָבן די אַלטע קרעפטן, די אַלטע מלחמות
אָפּגעשפּילט זייער ראָל?
האָבן זיך די מעשים, וואָס האָבן געפּאַסט פאַר יענע צייטן,
פאַרענדיקט?).

איך זע: פרייהייט, גוט באַוואָפנט, זיגרייך און שטאָלץ.
מיט געזעץ אויף איין זייט און פרידן אויף דער צווייטער —
אַ וואונדערלעכער דריילינג, אַלע גייען זיי פאַרויס
קעגן דער אידייע פון קאַסטע.
וואָס פאַר אַ געשיכטלעכע אַנטפּלעקונגען זיינען עס די,
צו וועלכע מיר דערנענטערן זיך מיט אַזאַ שנעלקייט!
איך זע מיליאָנען קעגן מיליאָנען אין שנעלן מאַרש.
איך זע די צאַמען פון אַלטע אַריסטאָקראַטיעס געבראָכן.
איך זע די גרעניצן פון אייראָפּייאישע קעניגן אָפּגעשאַפט.
(אַלע אַנדערע פאַרשווינדן).

קיינמאָל זיינען נאָך אַזעלכע שאַרפע פראַגעס
ניט געשטעלט געוואָרן, ווי איצט.
קיינמאָל איז נאָך דער מאַסן־מענטש, זיין נשמה,
ניט געווען אַזוי ענערגיש, אַזוי ענלעך צו גאָט.

וויי, ווי דער כוח צווינגט און טרייבט און לאָזט די מאַסן ניט צורו;
זיין געוואַגטער טראָט איז אַף דער יבשה, אַפן ים און אומעטום.
ער באַזעצט דעם פּאַסיפיק, די אינזלען;
מיט דער דאַמף־שיף, מיטן עלעקטרישן טעלעגראַף,
מיט די צייטונגען
און מיט דער גאַנצער קריג־מאַשינעריע,
מיט די אַלע זאַכן און פאַבריקן איבער גאָר דער וועלט,
קייטלט ער צונויף אַלע לענדער, די גאַנצע געאָגראַפיע.

וואָס פאַר אַ געמורמל איז עס, אָ, לענדער,
וואָס פאַרלויפט אייך דעם וועג,
וואָס שניידט־דורך די גרונטן פון די ימים?
פאַראייניקן זיך אַלע פעלקער צוזאַמען?
וועט די גאַנצע וועלט האָבן איין האַרץ?
פאַרמירט זיך אויס די מענטשהייט אין איין גאַנצן כלל?
ווייל, אָ, די טיראַנען ציטערן און קרוינען ווערן פאַרטונקלט.
די באַוועגלעכע ערד באַגעגנט זיך מיט אַ נייער ערע,
אפשר מיט אַן אַלגעמיין־הייליקן קריג.
קיינער ווייסט ניט וואָס נאָכדעם וועט זיין —
די טעג און די נעכט זיינען פול מיט אַזוינע פאַרצייכנס.

יאָרן פראָפעטישע! דער רוים אויף מיין וועג איז פול מיט צויבער
און איך מי זיך אומזיסט אַדורכצוקוקן.
טאָמן נאָך ניט געבוירענע, דאָס וואָס דאַרף אינגיכן קומען,
געשטאַלטיקט זיך אַרום מיר.
דאָס אומגלויבלעכע, היציקע יאָגן זיך —
דער באַגייסטערטער טרוימען־פיבער, אָ, יאָרן!
אייערע טרוימען, אָ, יאָרן, ווי זיי דרינגען־דורך דורך מיר!
(איך ווייס ניט, צי איך שלאָף, צי איך וואַך).
די שוין עקזיסטירנדיקע אַמעריקע און איראָפּע פאַרבלאַסן,
פאַרגייען אין שאָטן הינטער מיר.
דאָס ניט־געשעענע, ריזיקער ווי ווען ס'ניט איז פריער,
קומט־אָן, קומט אָן, מיר אַנטקעגן.

מיינע לידער הערן־אויף — איך לאָז זיי איבער ;
פון הינטער די בלעטער, וואו איך בין געווען באַהאַלטן,
דערשיין איך אַליין, אינגאַנצן פון דיינעטוועגן.
חבר ! דאָס איז נישט קיין בוך ;
ווער עס רירט דאָס אָן, רירט־אָן אַ מענטשן.



וואָלט וויטמאַן אין 1869

אין דער רגע, אַ בענקענדיק־פֿאַרקלערטער

(1860)

אין דער רגע, זיצנדיק אַליין, אַ בענקענדיק־פֿאַרקלערטער,
דאַכט זיך מיר, אַז אין אַנדערע לענדער זיצן איצט
אַנדערע מענטשן בענקענדיק־פֿאַרקלערטע ;
מיר דאַכט זיך, אַז איך קאָן אַריבערקוקן אַהין און זיי זען :
אין דייטשלאַנד, איטאַליע, פֿראַנקרייך, שפּאַניע —
אָדער ווייט, ווייט אַוועק, אין כינע, צי אין רוסלאַנד אָדער אינדיע,
וואו זייריידן אַנדערע שפּראַכן.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז ווען איך וואָלט געקענט יענע מענטשן,
וואָלט איך זיך צו זיי צוגעבונדן, ווי איך טו עס
צו מענטשן אין מיין אייגן לאַנד.
אָ, איך ווייס, מיר וואָלטן געקענט זיין ברידער און געליבטע ;
איך ווייס, איך וואָלט געווען גליקלעך מיט זיי.

איך אַליין ווער דער פאַרוואונדעטער

(1855)

פון דער סעריע: „וואָלט וויטמאַן"

דער פאַרפאַלגטער שקלאַף, וואָס פאַלט אַ געיאָגטער,
פאַלט־צו צום פּלויט שוועראָטעמענדיק, באַדעקט מיט שוויים;
דעם ווייטיק, וואָס שטעכט ווי נאָדלען זיינע פיס און האַלדז;
דעם מערדערלעכן שרויט און די קוילן, —
דאָס אַלץ פיל איך, אָדער בין עס אַליין.
איך בין דער פאַרפאַלגטער שקלאַף, איך צאַפּל זיך
ביים ביס פון די הינט;

גהינום און פאַרצווייפלונג באַפאַלן מיך;
אַ שאָס און נאָך אַ שאָס פון דעם וואָס צילט;
איך קלאַמער זיך אָן די שטאַכעטן פונעם פּלויט;
מיין פאַרגליווערט בלוט טריפט צוזאַמען
מיט מיין צעריבענער הויט;
איך פאַל אַף די שטעכערס און שטיינער;

די רייטער יאָגן זייערע אָפּגעשטאַנענע פערד;
זייערע גוואַלדן הערן זיך נאָענט;
זיי חוזק'ן אַריין אין מיינע זשומענדיקע אויערן,
און שלאָגן מיך ווילד מיט די הענטלעך פון די בייטשן.

ווייטיקן זיינען די מלבושים, וואָס איך בייט;
איך פרעג ניט דעם פאַרוואונדעטן, ווי ער פילט —
איך אַליין ווער דער פאַרוואונדעטער.

איך זיץ און קוק אַרויס

(1860)

איך זיץ און קוק אַרויס אויף אַלע זאָרגן פון דער וועלט,
און אויף יעדער אונטערדריקונג און שאַנד;
איך הער דאָס באַהאַלטענע קאַנוואולסיווע כליפּען
פון יונגע מענטשן,
אין גרויס אַנגסט מיט זיך אַליין, איבערפילט מיט חרטה
אויף באַגאַנגענע טאַטן.

איך זע אין אָרימקייט, ווי די מאַמע, אַ מיסברויכטע פון די קינדער,
שטאַרבט פאַרנאַכלעסיקט, אויסגעדאַרט, פאַרצווייפלט;
איך זע די פרוי, אַן אויסגענוצטע פון איר מאַן;
איך זע דעם נבזה'דיקן פאַרגוואַלטיקער פון יונגע פרויען.

איך באַמערק יענע, וואָס ווערן פאַרברענט פון אייפערזוכט
און פון ניט־באַלוינטער ליבע;
יענע, וואָס זוכן זיך אויסצובאַהאַלטן;
איך זע די אַלע זאַכן איבער גאָר דער ערד.

איך זע, וואָס מלחמות, פּעסט און טיראַניי טוען־אָן;
איך זע מאַרטירער און פאַרשפאַרטע אין טורמעס;
איך קוק זיך־צו צו אַן אומגליק אויפן ים;
איך זע, ווי מאַטראָסן וואַרפן גורל, ווער עס זאָל געטויט ווערן,
כדי צו ראַטעווען די איבעריקע לעבנס;
איך זע ווי רשעות'דיקע מענטשן דערנידעריקן
און באַליידיקן די אַרבעטער, די אָרימע, די נעגערס און ענלעכע;
די אַלע זאַכן, די אַלע געמיינהייטן און יסורים אָן אַ סוף, זע איך;
איך זיץ, איך קוק זיך צו,
איך זע, איך הער און איך בין שטום.

איר, פֿאַרברעכער, גע׳משפּט׳ע אין געריכט

(1860)

איר, פֿאַרברעכער, גע׳משפּט׳ע אין געריכט ;
איר, פֿאַראורטיילטע, אין די טורמע־צעלן ;
איר, פֿאַר׳משפּט׳ע מערדער, געקאָוועטע אין קייטן ;
ווער בין איך עס, וואָס איך זאָל ניט גע׳משפּט ווערן,
צי זיצן אין טורמע ?
איך, ניט ווינציקער טייפֿליש און אומ׳רחמנות׳דיק,
פֿאַרוואָס זאָלן אויך מיינע הענט און פֿיס
ניט זיין געקאָוועט אין קייטן ?

איר, גאַסן־פֿרויען, וואָס פֿאַראַדירט
איבער די טראָטואַרן,
צי זינדיקט אין אייערע צימערן ;
ווער בין איך עס, וואָס איך זאָל אייך רופֿן מער זינדיק,
ווי איך אַליין בין ?

אָ, שולדיקער !
איך בין זיך מודה — איך באַווייז זיך אין מיין אמת׳ן ליכט !
(אָ, פֿאַרערער ! לויבט מיך ניט ;
מאַכט מיר ניט קיין קאָמפּלימענטן !
איר שטויסט מיך אָפּ מיט דעם.
איך זע, וואָס איר זעט ניט ; איך ווייס, וואָס איר ווייסט ניט.)

איך שטיק זיך אַ פֿאַרברודיקטער אין מיינע אייגענע ביינער ;
הינטער אָט דעם פּנים, וואָס זעט אויס אַזוי גלייכגילטיק,
יאָגן זיך גהינום׳דיקע שטראָמען ;
תאווה און פֿאַרדאַרבנקייט זיינען מיר גאַנץ אייגן ;
כ׳האָב ליידנשאַפֿטלעך ליב די הפֿקר׳דיקע מענטשן ;
איך פֿיל, איך בין אַ זייעריקער ;
איך אַליין געהער צו יענע פֿאַרברעכער און גאַסן־פֿרויען,
און פֿון איצט־אָן און ווייטער וועל איך זיי ניט אָפּזאָגן,
ווייל ווי קען איך אָפּזאָגן זיך אַליין ?

צו אַ געוויינלעכער גאַסן־פרוי
(1860)

שרעק זיך ניט, זיי רואיק מיט מיר.
איך בין וואָלט וויטמאַן, פריי און לעבנסלוסטיק ווי די נאַטור;
נישט ביז די זון וועט דיך אויסמיידן, וועל איך דיך אויסמיידן;
נישט ביז די וואַסערן וועלן זיך אָפּזאָגן צו שימערן פאַר דיר,
און די בלעטער צו שאָרכן פאַר דיר, וועלן מיינע ווערטער
זיך אָפּזאָגן צו שימערן און שאָרכן פון דיינעטוועגן.

מיידל מיינס, איך באַשטעל זיך צו טרעפן מיט דיר
און איך זאָג דיר אָן, זאָלסט זיך ריכטן און גרייטן,
זאָלסט די ווערט זיין מיך צו באַגעגענען,
און איך זאָג דיר אָן: זאָלסט זיין גערולדיק און פולקאָם,
ביז איך וועל קומען.

דערוויַיל, באַגריסט דיך מיין טיף־באַדייטנדיקער בליק —
דו זאָלסט מיך ניט פאַרגעסן.

אָ, פֿאַרצווייפֿלטער, אָט איז מיין האַלדז ;
איך שווער, דו וועסט נישט אונטערגיין ;
הענג אויף דיין גאַנצע לאַסט אויף מיר.

צו אַ דורכגעפאַלענעם רעוואָלוציאָנער אין אייראָפּע

(1856)

1

האַלט־אָן דעם מוט! ברודער מיינער, שוועסטער מיינע!
האַלט־אָן! וואָס עס זאָל ניט טרעפן—פרייהייט גייט ניט אונטער;
דאָס איז גאָרנישט; אונטערדריקונג, וואָס קומט נאָך אַ דורכפאַל,
צי צוויי דורכפאַלן, צי אַ צאָל דורכפאַלן;
צי דורך דער גלייכגילטיקייט, צי אומדאַנקבאַרקייט פון די מאַסן;
צי דורך וועלכער־עס־איז אומגעטריישאַפט;
צי דורך דעם, וואָס די הערשנדיקע מאַכט ווייזט אירע שאַרפע ציין,
אירע סאָלדאַטן, קאַנאַנען, שטראַף און געזעצן.

רעוואָלט! נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל רעוואָלט!
דאָס אין וועלכן מיר גלויבן, וואַרט שטענדיק באַהאַלטן
אין אַלע וועלט־טיילן,
אויף אַלע אינזלען און אינזל־גרופּעס איבערן ים.
דאָס אין וואָס מיר גלויבן, בעט זיך ביי קיינעם ניט, זאָגט ניט צו;
איז רואיק און קלאָר, איז זיכער אין זיך;
ווייסט ניט פון קיין אַנטמוטיקונג;
און וואַרט געדולדיק; וואַרט ביז די צייט וועט קומען.
(דאָס זיינען געזאַנגען ניט נאָר פון לאָיאַליטעט,
נאָר אויך געזאַנגען פון אויפשטאַנד.
ווייל איך בין דער געשוואוירענער דיכטער
פון יעדן אומדערשראָקענעם בונטאַר איבער גאָר דער וועלט,
און דער וואָס גייט מיט מיר, לאָזט איבער פרידן
און טעגלעכע רוטינעס הינטער אים,
און שטעלט זיין לעבן אין קאָן,
אומגעבראַכט צו ווערן יעדע רגע).

2

רעוואָלט! און אַ מפּלה די טיראַנען!

דער שטרייט קאַכט. קולות, צאָרן און טרעוואגע,
אַטאַקע און צוריקטריט;
דער שונא זיגט, אָדער ער מיינט, אַז ער זיגט,
דאַן קומט: טורמע, עשאַפאָט, געקאָוועטע הענט, פיס און האַלדז,
קוילן פון בליי טוען זייער אַרבעט;
באַוואוסטע און נאָמענלאָזע העלדן גייען אַוועק פון דער וועלט;
די בעסטע רעדנער און שרייבער וואַגלען אין גלות —
זיי ליגן קראַנקע אין ווייטע לענדער;
די זאַך פון באַפרייאונג שלאָפט, די מעכטיקסטע שטימעס
שווייגן שטיל, זיך וואַרגנדיק מיטן אייגענעם בלוט;
די יונגע לאָזן אַראָפּ זייערע אויגן צו דער ערד
ווען זיי באַגעגענען זיך;
און דאָך, נאָך דעם אַלעמען, האָט די פרייהייט
ניט פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ
און דער שונא האָט עס ניט אינגאַנצן באַהערשט.

ווען פרייהייט גייט אַוועק פון אַ פּלאַץ,
איז זי ניט די ערשטע צום גיין, נישט די צווייטע, נישט די דריטע,
זי וואַרט ביז אַלע פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ — זי גייט די לעצטע...
ווען עס לאָזן זיך אויס אַלע זכרונות
פון העלדן און מאַרטירער;
און ווען דאָס גאַנצע לעבן, אַלע נשמות פון מענער און פרויען,
וועלן פאַרשווינדן פון אַ געוויסן טייל אויף דער ערד,
דאַן, נאָר דאַן, וועט פרייהייט, אָדער די אידייע פון פרייהייט,
פאַרשווינדן פון יענעם טייל ערד.
און דער שונא וועט עס פולשטענדיק באַהערשן.

אָ, פראַנקרייכ׳ס שטערן

(1871—1870)

1

אָ, פראַנקרייכ׳ס שטערן!
די העלקייט פון דיין האָפענונג, דיין קראַפט און רום,
ווי אַ שיף אַ שטאָלצע, וואָס האָט שיפן פיל דעם וועג געוויזן,
זעסטו איצט צעשעדיגט אוים.
אַ שיף־סקעלעט, אָן מאַסטן, פון ווינט געטריבן;
די מענגעס אין געדראַנג, צעטומלטע, זיך האַלב טרינקענדיג,
אָן אַ רודער, אָן אַ פירער.

2

פאַרפינצטערטער, שטאַרק־געטראָפענער שטערן!
ניט נאָר פראַנקרייכ׳ס פלאַנעט —
סימבאָל פון מיין נשמה, איר טייערסטע האָפענונג
פון קאַמף און פון וואָגן;
פון וואונדערלעכן רייסן זיך צו פרייהייט;
פון באַגייסטערטן שטרעבן צום וויטן אידעאַל;
דעם באַגייסטערטנ׳ס טרוים פון ברידערלעכקייט,
פון קאַמף קעגן טיראַן און דעם גלח.

3

שטערן געקרייציקטער! פון פאַרעטער פאַרקויפט!
שטערן שמאַכטנדיקער איבער אַ לאַנד פון טויט — העלדיש לאַנד!
מאָדנע שטיפעריש, ליידנשאַפטלעך, לייכטזיניק לאַנד.
אומגליקלעכע! דאָך, פאַר דיינע טעות׳ן, גרויסהאַלטונג, זינד,
וועל איך ניט שטראָפן דיך אַצינד.
דיין אומפאַרגלייכבאַרער ווייַ און פיין האָט אַלץ פאַרמעקט,
און דיך אַ הייליקע געלאָזט.

ווייל אין סאַמע מיט פון אַלע דיינע פעלערן, האָסטו הויך געצילט.
ווייל קיינמאָל האָסטו זיך באמת ניט פאַרקויפט
ווי גרויס דער פרייז.
ווייל דו כאַפּסט זיך זיכער אויף ביינאַכט מיט אַ געוויין
פון שלאָף פאַרטשאַדעטן.
מיט דעם אַליין, וואָס צווישן דיינע שוועסטער האָסטו, דו ריזיקע,
צעריסן יענע וואָס האָבן דיך פאַרשעמט.
מיט דעם, וואָס ניט דו קענסט, ניט דו וועסט די קייטן טראָגן;
דעם צלם, דיין בלוי צעקרימט געזיכט, דיינע דורכגעשטאָכענע
הענט און פיס;
די שפּיז, וואָס מ'האָט אַריינגעשטאָכן אין דיין זייט.

4

אָ, שטערן, אָ, פראַנקרייכ'ס שיף, צוריקגעשטויסענע, באַטריגטע!
האַלט־אויס, שטערן געטראָפענער! אָ, שיף, זעץ־פאָר דיין וועג!

אַזוי זיכער, ווי יעדנס שיף, די ערד אַליין,
איז פון טויטלעכע פייערן און קאָכעדיקן כאַאָס,
פון ספּאַזמעס צאָרנדיקע, גיפטיקע,
אַרויסגעקומען אַ פולקאָם־מעכטיקע און שיינע,
און גייט פאַראויס איר וועג אונטער דער זון —
אַזוי וועסטו, אָ, שיף פון פרייַנקרייך!

פאַרביי וועלן די טעג, די וואָלקנס וועלן פאַרשווינדן,
די מאַטערניש וועט זיין געענדיקט,
די לאַנג־געגאַרטע אויסלייזונג וועט קומען,
דאַן, אָ, נייגעבוירן, הויך איבער דער איראָפּייאישער וועלט
(אין צופרידנקייט דיין פּנים פון ווייט,
צו אונזער פּנים, צו קאָלאָמביא געווענדט),
וועט דיין שטערן ווידער, אָ, פראַנקרייך —
דיין ליכטיקער, שאַרף־לויכטנדיקער שטערן,
אין הימלשן פרידן, לויטערער און העלער ווי שטענדיק,
אייביק שיינען.

די וואַלאַבאַוט־מאַרטירער

(אין ברוקלין, אין אַן אַלטן סקלעפּ, אָן וועלכן עס־איז צייכן פון ספּעציעלער אָנערקענונג, ליגן אין דעם איצטיקן מאָמענט צונויפגעוואָרפן די איבערבלייבעכצן פון די בעסטע און פריסטע רעוואָלוציאָנערע פּאַט־ריאָטן פון ענגלישע שיף־קאַזעמאַטן און טורמעס פון די צייטן פון 1776—1883, אין און אַרום ניו־יאָרק, און פון איבער גאַנץ לאָנג־איילאַנד. פיל טויזנטער פון זיי זיינען דאַן באַגראָבן געוואָרן אין די טראַנשייען און אין די זאַמד־בערגלעך פון וואַלאַבאַוט).

גרעסער פון דעם געדעכעניש פון אכילעס און יוליסעס,
מער, אַ סך מער, ווי ד י י ן קבר, אַלעקסאַנדער,
יענע פולע וועגענער פון אַש־פאַרקילטן לייב,
שפּליטער און שפּענער פון צעפּרעסענע ביינער,
אַמאָל געוועזענע מענטשן, אַמאָליקער אַנטשלאָסענער מוט,
שטרעבונג, קראַפט —
די טרעפ צו דיר, איצטיקער טאָג,
צו דיר, אַמעריקע.

צו יענע, וואָס זיינען דורכגעפאַלן

(1888)

צו יענע, וואָס זיינען דורכגעפאַלן אין זייערע ריזיקע שטרעבונגען;
צו נאָמענלאָזע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געפאַלן
אין די פאָדערשטע רייען;
צו איבערלייגטע, איבערגעגעבענע אינזשינערן,
צו עקשנות׳דיקע רייזנדע, צו שיף־פּילאָטן;
צו פיל וואונדערבאַרע לידער און בילדער ניט אָנערקענטע, —
וואָלט איך אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט,
באַדעקט מיט לאָרבער־קראַנצן,
הויך, הויך איבער אַלע איבעריקע, —
צו אַלע, וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן פאַר זייער צייט,
באַהערשט פון אַ זעלטענעם פייערדיקן מוט.
אויסגעלאָשן פון אַ פריצייטיקן טויט.

פויק־סיגנאַלן *)

(1865)

1

צום אָנהויב, אָ, לידער, פאַר אַ פרעליודע,
קלאַפט גרינג אויס אַף דער אָנגעצויגענער פויק —
דעם שטאָלץ און פרייד פון מיין שטאָט.
ווי אַזוי זי האָט די אַנדערע געפירט צום קריג —
ווי זי האָט געגעבן דעם סיגנאַל;
ווי אַזוי זי איז מיט מונטערע גלידער, ניט וואַרטנדיק קיין רגע,
　　מיטאַמאָל אויפגעשפרונגען;
(אָ, פרעכטיקע! אָ, מאַנהעטן, מיין אייגענע,
　　מיין אומפאַרגלייכבאַרע!
אָ, שטאַרקסטע דו, אין דער שעה פון געפאַר, אין קריזיס!
אָ, עכטער פון שטאָל!)
ווי דו האָסט אַ שפרונג געטאָן! ווי דו האָסט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך
　　די פרידנס־קליידער מיט גלייכגילטיקער האַנט;
ווי דיין ווייכע אָפּערע־מוזיק האָט זיך געביטן און די פויק
　　און דער טרומפייט האָבן זיך דערהערט אויף איר פלאַץ;
ווי אַזוי דו האָסט געפירט צום קריג
(דאָס זאָל דינען פאַר אונזער פרעליודע, זעלנער־געזאַנגען.)
ווי מאַנהעטנ׳ס פויק־סיגנאַלן האָבן געפירט.

2

פערציק יאָר האָב איך אין מיין שטאָט געזען סאָלדאַטן אין פּאַראַד;
פערציק יאָר, ווי אַ מאַסן־ספּעקטאַקל, ביז אומדערוואַרט
　　האָט די מאַמע פון דער שפּע׳דיקער, ברויזנדיקער שטאָט,
וואַכנדיק אינדערמיט פון אירע שיפן, אירע הייזער,
　　איר רייכטום אָן אַ שיעור,

---

*) דער רוף צום בירגער־קריג — ל. מ.

מיט אירע מיליאָן קינדער אַרום איר,
פלוצים, אין טויט־שטילער נאַכט,
ווען ס'איז אָנגעקומען נייעס פון דער סאוט,
האָט זי, אַן אָנגעצונדענע,
אַ זעץ געטאָן מיט פאַרדריקטער פויסט אויפן ברוק.

אַן עלעקטרישער פונק — די נאַכט האָט אים אין זיך איינגעהאַלטן,
ביז פאַרטאָג, מיט אַ געמורמל פון באַדראָאונג,
האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די מיריאַדן פון אונזער בינשטאָק.

דאַן זיינען זיי געקומען טומלדיק צו שפרינגען פון די הייזער,
פון די וואַרשטאַטן און פון אַלע טירן —
און, זע, מאַנהעטן באַוואָפנט זיך!

3

צו די פויק־סיגנאַלן, שנעל!
די יונגעלייט שטעלן זיך אין ריי און נעמען וואַפן;
די מעכאַניקער באַוואָפענען זיך,
(דעם מויערער'ס קעלנע, דאָס שאָב־אייזן, דעם שמיד'ס האַמער —
אַוועקגעוואָרפן אין איילעניש);
דער לאָיער לאָזט איבער זיין אָפיס, און נעמט זיך צום וואַפן;
דער ריכטער פאַרלאָזט דאָס געריכט־הויז;
דער טרייבער לאָזט איבער זיין וואָגן אין גאַס, שפרינגט אַרונטער,
אַראָפוואַרפנדיק אין איילעניש די לייצעס
אויף די רוקנס פון די פערד;
דער אָנגעשטעלטער פאַרלאָזט די קראָם —
דער באַלעבאָס, דער בוכהאַלטער, דער דינער, אַלע פאַרלאָזן;
אָפטיילונגען פאַרזאַמלען זיך אומעטום,
לויט אַלגעמיינער איינשטימיקייט, און באַוואָפענען זיך;
די נייע רעקרוטן, אינגלעך נאָך —
די עלטערע ווייזן זיי, ווי אַזוי צו טראָגן זייער אויסשטאַטונג—
זיי פאַרשפיליען די פאַסעקעס פאָרזיכטיק.
אינדרויסן גייט אָן באַוואָפענונג; אין די הייזער—באַוואָפענונג;
דער בליאַסק פון די ביקסן־רערן;

די ווייסע ביידלעך צעלייגט אין די לאַגערס —
די באַוואָפנטע וואַך־זעלנער אַרום זיי;
קאַנאָנען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג;
באַוואָפנטע רעגימענטן קומענדאָן יעדן טאָג, גייען דורך דער שטאָט
און פאַרן־אָפּ מיט די שיפן פון די האַפנס.
(ווי גוט זיי זעען אויס, ווען זיי מאַרשירן אַרונטער צום טייך,
פאַרשוויצטע, מיט זייערע ביקסן אויף די אַקסלען!
זייערע ברוינע פּנים׳ער און זייערע קליידער און זייערע ראַניצעס
באַדעקט מיט שטויב!)
ווי איך האָב זיי ליב! איך וואָלט זיי אַרומגענומען!

דאָס שטאָטישע בלוט האָט אויפגעפלאַמט —
באַוואָפנט! באַוואָפנט זיך!
הערט זיך אַ געשריי אומעטום;
די פאָנען האָבן זיך צעפלאַטערט אויף די קירכע־טורעמס,
און אויף אַלע פאָלקס־געביידעס און קראָמען;
טרערן פון צעשיידונג —
די מוטער קושט איר זון — דער זון קושט זיין מוטער;
(זי קאָן ניט פאַרטראָגן דאָס שיידן זיך —
דאָך קיין וואָרט ניט אים צו פאַרהאַלטן).

די רוישיקע אַרויסבאַגלייטונג —
די רייען פאָליציי, וואָס גייען פאָראויס, מאַכנדיק פריי דעם וועג.
דער אויסברוך פון באַגייסטערונג —
די ווילדע, פריידיקע אויסרופן פון די מאַסן פאַר זייערע ליבלינגס;
די אַרטילעריע — די שטומע קאַנאָנען, אין גאָלדיקן גלאַנץ,
געצויגן מיט לייכטער געקלאַפּעריי איבער די שטיינער;
(שטומע קאַנאָנען, וואָס וועלן שוין לאַנג ניט בלייבן שטום!
באַלד וועלן זיי, פאַנאַנדערגעשטעלטע, אָנהויבן זייער רויטן שפּיל.)
דער אַלזייטיקער געמורמל פון צוגרייטונג —
די פולע אַנטשלאָסנקייט פון באַוואָפענונג;
די שפּיטאָל־מכשירים — לייוון, באַנדאַזשן, מעדיקאַמענטן;
די פרויען וואָלונטירן אַלס קראַנקן־שוועסטער —

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת;
איצט איז דאָס נישט גלאַט קיין פּאַראַד.
קריג! אַ באַוואָפנט פאָלק גייט אין אַטאַקע —
באַגעגענען די שלאַכט.
קיין צוריק!
קריג! מעג עס געדויערן וואָכן, חדשים, צי יאָרן —
אַ באַוואָפנט פאָלק גייט דעם קריג אַנטקעגן.

4

מאַנהעטן אין מאַרש!
אָ, עס פאָדערט זיך אַ גרויסאַרטיק ליד
לכבוד אַ מענלעכן לעבן אין לאַגער!
און די שווערע אַרטילעריע!
די קאַנאָנען, העל ווי גאָלד —
די אַרבעט פון ריזן — אַרומצוגיין ווי געהעריק אַרום קאַנאָנען.

שטעלט זיי אויף! נישט ווי אין די לעצטע פערציק יאָר —
צום סאַלוטירן פון עמיצנס כבוד וועגן;
לייגט איצט אַריין אין זיי נאָך עפּעס, אַ חוץ פּולווער און וואַטע.

5

און דו, מאַמע פון די שיפן! דו, מאַנהעטע!
אַלטע אויפזעערין איבער דער שטאָלצער, פריינטלעכער,
רווישיקער שטאָט!
אָפט אין פרידן און רייכטום
פלעגסטו אינמיטן צווישן אַלע קינדער זיך פאַרקלערן,
אָדער אומבאַמערקטערהייט מאַכן אַן אומצופרידענעם פּנים;
אָבער איצט שמייכלסטו אַ פריילעכע!
באַגייסטערטע, אַלטע מאַנהעטע!

1861

באַוואָפנט יאָר! יאָר פון קאַמף!
ניט קיין צאַרטע גראַמען אָדער סענטימענטאַלע ליבעס־פּערזן
פאַר דיר, שרעקלעך יאָר!

נישט דו, ווי עפּעס אַ בלאַס דיכטערל ביים שרייב־טיש,
שטאַמלענדיק פּיאַניסימאָ;
נאָר ווי אַ שטאַרקער מאַן, אַ גלייך־פּלייציקער,
אָנגעטאָן אין בלויע קליידער, מאַרשירנדיק פאָראויס,
מיט אַ ביקס אויפן אַקסל,
מיט אַ געזונטן בויגיקן קערפּער, דאָס פּנים און די הענט —
זון־פאַרברוינט,
מיט אַ מעסער אַריינגעשטעקט אין לעדער־פּאַס.

ווען איך האָב געהערט דיין הויך געשריי,
דיין הויך־קלינגענדיקע שטימע,
וואָס טראָגט זיך איבערן קאָנטינענט;
דיין מענלעכע שטימע, אָ, יאָר,
ווען האָסט זיך אַ הויב געטאָן אין די גרויסע שטעט;
צווישן די מענער אין מאַנהעטן האָב איך דיך געזען,
אַלס איינעם פון די אַרבעטער, די איינוואוינער פון מאַנהעטן;
אָדער מיט ברייטע טריט דורכשניידנדיק די פּרעריס פון אילינאָי
און אינדיאַנאַ,
שנעל דורכקרייצנדיק דעם מערב,
מיט אַן עלאַסטישן גאַנג אַראָפּשטייגנדיק פון די אַלעגעיני־בערג;
צי שטראָם־אַראָפּ די גרויסע אָזערעס, אָדער אין פּענסילווייניע,
צי אַף אַ שיף איבער דעם אָהאַיאָ טייך;
אָדער דרום־צו, מיט די טענעסי אָדער קאָמבערלאַנד טייכן,
צי ביי טשאַטאַנוגאַ איבער די בערג־שפּיצן.

געזען האָב איך דיין גאַנג,
געזען האָב איך דיינע שטאַרקע גלידער, געקליידט אין בלוי,
טראָגנדיק געווער — געזונט יאָר!
געהערט דיין אַנטשלאָסענע שטימע,
וואָס האָט זיך ווידער און ווידער הויך געטראָגן;
יאָר, וואָס האָט זיך פּלוצים צעזונגען
מיט רונד־ליפּנדיקע מיילער פון קאַנאָנען;
איך זינג דיך איבער — איילנדיק, קראַכנדיק, טרויעריק,
אומרואיק יאָר!

אַ ליד געווידמעט צו אַ מיידל אָדער צו אַ בחור פון די שטאַטן

(1856)

רייף־ווערנדיקע יוגנט — בחור צי מיידל !
געדענקט דעם גרונט־אמת פון די שטאַטן ;
געדענקט דעם צוזאָג פון די ערשטע דרייצן שטאַטן —
פון דאַמאָלס אָן און ווייטער וועגן רעכט, לעבן, פרייהייט
און גלייכהייט פון די מענטשן ;
געדענקט וואָס ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די גרינדער
און גוטגעהייסן געוואָרן פון די שטאַטן,
אונטערגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס פון די פאַרטרעטער,
און געלייענט פון וואַשינגטאָנ'ען, דעם הויפט פון דער אַרמיי.
געדענקט דעם ציל פון די גרינדער — געדענקט וואַשינגטאָנ'ען !

געדענקט די ריזיקע מענטשהייט,
וואָס שטראָמט פון יעדער ריכטונג אַהער קיין אַמעריקע ;
געדענקט די גאַסט־פריינטלעכקייט,
וואָס געהערט צו פעלקער און מענטשן ;
(פאַרשאָלטן זאָל זיין דאָס פאָלק, פרוי, מאַן —
אָן גאַסטפריינטלעכקייט !).
געדענקט, אַז רעגירונג מוז באַדינען יעדן איינציקן.
קיינער, נישט דער פרעזידענט, זאָל האָבן אַ האָר מער,
ווי איר, צי איך ;
קיין איינציקער איינוואוינער פון אַמעריקע זאָל האָבן ווינציקער,
ווי איר צי איך ;

איר דאַרפט דערוואַרטן, אַז פון די דרייסיק, אָדער פופציק מיליאָן,
וועט ווערן הונדערט מיליאָן, צי צוויי הונדערט מיליאָן
גלייכבאַרעכטיקטע,
פרייע מענער און פרייע פרויען, דורך ליבע פאַראייניקט.

צו אַ פרעזידענט

(1860)

אַלץ וואָס דו טוסט און זאָגסט איז פאַר אַמעריקע
פאַרפירערישע מיראַזשן ;
דו האָסט ניט געלערנט פון דער נאַטור
און פון דער פאָליטיק פון נאַטור ;
דו האָסט ניט באַנומען די וואונדערלעכע גרויסקייט,
אויפריכטיקייט, ערלעכקייט ;
האָסט ניט באַגריפן, אַז נאָר ז י י זיינען צוגעפאַסט צו די שטאַטן,
און אַלץ וואָס ס'איז קלענער,
וועט פריער אָדער שפעטער פאַרשווינדן פון די שטאַטן.

צו די שטאַטן

(1860)

פאַרוואָס פרעגן מיר פראַגעס אַזוי צוריקגעהאַלטן ?
פאַרוואָס דרימלען מיר — איך און איר ?
ווי טונקל עס ווערט ! שליים טראָגט זיך איבער די וואַסערן.
ווער זיינען זיי, ווי פלעדער־מייז אין נאַכט־הינט,
מיט זייערע גניבה'שע בליקן אין דער הויפּט־שטאָט ?
וואָס פאַר אַ שמוציקע פּרעזידענטעריי !
(אָ, דרום, מיט דיינע פאַרפענדיקע זונען !
אָ, צפון, מיט דיינע נאָרדישע קעלטן !).

זיינען עס יענע טאַקע די אמת'ע קאָנגרעסלייט ?
זיינען עס יענע די גרויסע ריכטער ?
איז ד אָ ס דער פּרעזידענט ?
אויב אַזוי וועל איך נאָך שלאָפן אַביסל.
ווייל איך זע, אַז די שטאַטן, צוליב סיבות, שלאָפן נאָך . . .

(מיט דער געדיכטער פינצטערניש,
מיטן געררודער פונעם דונער און פייער־בליצן,
וועלן מיר זיך אַלע אויפכאַפּן —
דרום, צפון, מזרח, מערב, דאָס לאַנד און די ים־ברעגן,
מיר וועלן זיך זיכער אויפכאַפּן.)

אריבערפאָרנדיק מיט דער ברוקלינער פערי

(1856)

1

פליסנדיקער שטראָם אונטער מיר!
איך זע דיך פּנים־צו־פּנים.
וואָלקנס אין מערב! זון, אַ האַלבע שעה פאַר אונטערגאַנג,
אייך זע איך אויך פּנים־צו־פּנים.

מענגעס מענער און פרויען אין געוויינלעכע קליידער!
ווי נייגעריק איך בין וועגן אייך!
די הונדערטער און הונדערטער,
וואָס קערן זיך אום אַהיים אַף די פעריי־שיפן,
וועקן מיין נייגיר מער, ווי איר שטעלט זיך עס פאָר.
און איר, וואָס וועט אַריבערפאָרן פון ברעג צו ברעג אין יאָרן אַרום,
איר ליגט מיר מער אין זין,
מער ווי איר קענט זיך עס פאָרשטעלן.

2

דאָס פאַרגעניגן, וואָס איך שעפּ פון אַלע זאַכן יעדע שעה פון טאָג;
דער פּשוט׳ער, געפּאַסטער, איינהייטלעכער פּלאַן:
איך אַליין אין טיילן, יעדער איינער אין טיילן —
דאָך אַ טייל פון דעם גאַנצן פּלאַן.
די איבער׳חזר׳ונגען, וואָס זיינען געווען און וועלן קומען;
די וואונדער, וואָס זיינען ווי קרעלן אויפגעסיליעט
אַף מיינע מינדסטע בליקן און געהערן —
אויפן שפּאַציר אין גאַס, און ביים אַריבערפאָרן דעם טייך;
דער שטראָם, וואָס יאָגט אַזוי שנעל,
שווימענדעק מיט מיר ווייט אַוועק;
די אַנדערע, וואָס וועלן קומען נאָך מיר,
דער בונד צווישן מיר און זיי;

די זיכערקייט וועגן אַנדערע —
וועגן זייער לעבן, זייער ליבע, זען און הערן.

אַנדערע וועלן דורכגיין די טויערן פון דער פּערי,
און אַריבערפאָרן פון ברעג צו ברעג;
אַנדערע וועלן זיך צוקוקן צום געיאָג פון די שטראָמיקע וואַסערן;
אַנדערע וועלן זען די שיפן אין צפון און מערב מאַנהעטן,
און די הויכן פון ברוקלין צו דרום און מזרח־צו;
אַנדערע וועלן זען די אינזלען גרויס און קליין.
פופציק יאָר שפּעטער, וועלן עס אַנדערע זען, ביים אַריבערפאָרן,
אַ האַלבע שעה פאַר זון־פאַרגאַנג;
אין הונדערט יאָר אַרום, אָדער אין הונדערטער יאָרן אַרום,
וועלן עס אַנדערע זען און זיך פרייען מיטן זונפאַרגאַנג,
מיט דעם אָנקום פון דעם צופלוס,
און דעם אָפּלויף פון דעם וואַסער־שטראָם צוריק אין ים אַריין.

3

ניט צייט, ניט פּלאַץ איז וויכטיק—ווייטקייט איז קיין אָפּשטעל ניט;
איך בין מיט אייך, מענער און פרויען פון שפּעטערדיקן דור,
צי פון אַזוי פיל שפּעטערדיקע דורות;
איך שפּאַר זיך דורך, איך קום אויך צוריק,
איך בין מיט אייך און איך ווייס ווי אַזוי דאָס איז.

פּונקט ווי איר פילט, ווען איר קוקט אַפן טייך און הימל,
אַזוי האָב איך געפילט.
פּונקט ווי יעדער פון אייך איז איינער
פון אַ לעבעדיקער מאַסע,
בין איך געווען איינער פון אַ מאַסע;
פּונקט ווי איר זענט דערפרישט פון דעם פריידיקן טייך
און דעם ליכטיקן שטראָם,
בין איך געווען דערפרישט;

פונקט ווי איר שטייט אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש
און דאַך טראָגט איר זיך מיטן שנעלן שטראַם,
אַזוי בין איך געשטאַנען און זיך שנעל געטראָגן.
פּונקט ווי איר קוקט אַף די אומצייליקע מאַסטן
און די דיק־געבויגענע לופט־רערן פון דאַמף־שיפן —
האָב איך געקוקט.

איך בין אויך פיל־פיל מאָל דעם טייך אַריבער,
אַ האַלבע שעה פאַר זון־פאַרגאַנג.
איך האָב נאָכגעקוקט די דעצעמבער־מעוועס —
איך האָב זיי געזען הויך אין דער לופטן,
שוועבנדיק מיט אומבאַוועגלעכע פליגל,
וויגנדיק די קערפּערס;
איך האָב געזען, ווי דאָס גלאַנציקע געל האָט באַלויכטן
אַ טייל פון זייערע קערפּערס
און געלאָזט דאָס איבעריקע אין שאַרפן שאָטן;
איך האָב געזען זייער לאַנגזאַמען דרייען זיך אין קרייזן,
און דאָס פּאַמעלעכדיקע פאַרנעמען זיך דרום־צו.

אויך האָב איך געזען דעם אָפּשיין פון דעם זומערדיקן הימל
אין וואַסער,
דאָס פינקלען פון דעם שטראַלנדיקן וואַסער־וועג
האָט געבלענדט מיינע אויגן;
כ'האָב געקוקט אַף די שטראַלנדיקע שפּיזן אַרום דעם געשטאַלט
פון מיין קאָפּ אין זון־געצונדענעם וואַסער;
געקוקט אַף די בערג־נעפּלען צו דרום און דרום־מערב צו;
געקוקט אַף דער פּאַרע, וואָס האָט זיך געהויבן
ווי געשוירענע וואָל פון פיאָלעטן־קאָליר;
געקוקט אַראָפּ צום באַרטן צו זען די אָנקומענדיקע שיפן;
כ'האָב געזען זייער אָנקומען, געזען אויפן דעק יענע,
וואָס זיינען געווען נאָענט;
געזען די ווייסע זעגלען פון די צוויי־מאַסטיקע
און איין־מאַסטיקע שיפן;

געזען די פֿאַראַנקערטע שיפֿן;
די מאַטראָסן אַרבעטנדיק ביי די קאַנאַטן,
אָדער רייטנדיק אַף די באַלקנס;
די רונדע מאַסטן; די זיך־וויגנדיקע באַוועגונגען פֿון די שיפֿן;
דעם געשלענגלטן שנור שפּיציקע פֿענדלעך;
די גרויסע און קליינע דאַמפֿערס אין גאַנג;
די פּילאָטן אין די פּילאָטן־שטיבלעך;
דעם וויסן שוים, וואָס די שיף לאָזט איבער;
דאָס שנעלע רוישיקע געדריי פֿון די רעדער;
די פֿאָנען פֿון אַלע פֿעלקער;
זייער אַראָפּגעלאָזט־ווערן צו זונפֿאַרגאַנג;
די קרייזיקע כוואַליעס אין בין־השמשות;
דעם שעפּ־לעפּל פֿון וואַסער־ראַד;
די שטיפֿערישע כוואַליע־קרוינען בליאַסקענדיק;
די ווייטע וואַסער־שטרעקעס, וואָס ווערן טונקלער און טונקלער;
די גרויע ווענט פֿון די שטיינערנע וואַרע־הייזער ביי די האַפֿנס;
די שאָטנדיקע גרופּעס שיפֿן אויפֿן וואַסער;
אַ גרויסן שלעפּ־דאַמפֿער,
די באַרזשעס צוגעשפּאַרט צו זיינע זייטן;
אַ היי־שיף; דאָס פֿאַרשפּעטיקטע שנעל־שיפֿל.
אַפֿן שכנ׳ישן ברעג, אין די גיסערייען —
די פֿייערן פֿון די קוימענס, וואָס ברענען הויך און פֿלאַמיק
    אין דער נאַכט אַריין,
און וואַרפֿן זייערע שוואַרץ־שפּרינגענדיקע שאָטנס,
קעגן דעם ווילד־רויטן און געלן ליכט,
איבער די דעכער פֿון די הייזער,
אַראָפּ צום צעבראָכענעם גאַסן־ברוק.

4

די און אַלע אַנדערע זאַכן זיינען געווען פֿאַר מיר די זעלבע,
ווי זיי זיינען פֿאַר אייך;
איך מאַך זיך גרייט אייך צו זאָגן — אויך איך קום צוריק.

איך האָב זייער ליב געהאַט יענע שטעט;
איך האָב זייער ליב געהאַט דעם פּרעכטיקן, דעם האַסטיקן טייך;
די מענער און פרויען, וואָס איך האָב געזען,
זיינען מיר אַלע נאָענט געווען;
אַנדערע ווידער קוקן צוריק צו מיר, ווייל איך קוק פאָראויס צו זיי.
(די צייט וועט קומען, כאָטש איך בלייב דאָ
איבער דעם טאָג און די נאַכט).

5

וואָס־זשע איז עס צווישן אונז?
וואָס איז דער באַדייט פון די צענדליקער און הונדערטער יאָרן
צווישן אונז?

וואָס עס זאָל נישט זיין — מאַכט ניט אויס,
ווייטקייט מאַכט ניט אויס און פּלאַץ איז קיין חילוק נישט.

6

אויך איך האָב געלעבט.
די בערגיקע ברוקלין איז נאָך פאַר מיר געווען;
אויך איך האָב געשפּרייזט אין די גאַסן פון דעם אינזל מאַנהעטן
און זיך געבאָדן אין די אַרומיקע וואַסערן;
אויך איך האָב געפילט אין זיך
דאָס רעגן פון פלוצימדיקע נייגעריקע פראַגעס;
אינמיטן טאָג, צווישן מענגעס מענטשן, פלעגט עס מיט מיר טרעפן;
אַהיים גייענדיק שפּעט ביינאַכט,
צי ווען איך בין געלעגן אין בעט
פלעגט עס אָנקומען אַף מיר.

אויך איך בין אַרויסגעקומען
פון דעם אייביק־זיך־אויפלייזנדיקן שטראָם.
אויך איך האָב געפונען דערקענטעניש דורך מיין לייב.

איך האָב געוואוסט, אַז וואָס געווען בין איך געווען דורך מיין לייב,
און וואָס איך וועל זיין, האָב איך געוואוסט,
וועל איך זיין דורך מיין לייב.

7

ניט נאָר אויף אייך אַליין פאַלן די פלעקן פון פינצטער,
אויך אויף מיר האָט דער חושך געוואָרפן זיינע טונקעלע פלעקן.

מיינע שענסטע מעשים האָבן מיר אויסגעזען
בלאַנק און פאַרדעכטיק;
מיינע גרויסאַרטיקע געדאַנקען, ווי איך האָב זיך זיי פאַרגעשטעלט,
זיינען זיי דען ניט געווען אָרעם אין דער ווירקלעכקייט?
ווען מענטשן ניט לאַכן פון מיר?

איך זענט ניט די איינציקע וואָס וויסן, וואָס שלעכט זיין מיינט;
איך בין דער, וואָס האָט געוואוסט, וואָס שלעכט זיין מיינט.
איך אויך האָב געדרייט דעם אַלטן קנופּ פון ווידערשפּרוכן;
געפּלאַפּלט, זיך געשעמט, חרטה געהאַט, געליגט, גע׳גנב׳עט,
מקנא געווען, האָב געוואוסט פון באַטרוג, כעס, תאווה,
הייסע פאַרלאַנגען, וואָס כ׳האָב ניט געוואַגט צו דערמאָנען;
געווען וואַקלדיק, גאוה׳דיק, גייציק, פלאַך, כיטרע,
פּחדנות׳דיק, בייזווייליק;
דער וואָלף, די שלאַנג, דער שווין האָבן ניט געפעלט אין מיר;
דער שווינדלערישער בליק, דאָס פּוסטע וואָרט, דער זנות־פאַרלאַנג
האָט ניט געפעלט;
אָפּזאָג, האַס, אָפּלייגן אויף שפּעטער, געמיינהייטן, פוילקייט —
קיין איינס פון זיי האָט ניט געפעלט.

8

אָבער איך בין געווען דער מאַנהעטענער,
פריינטלעך און שטאָלץ!

יונגוואַרג האָט מיט קלאָרע קלינגענדיקע שטימעס
מיך ביים היימישסטן נאָמען גערופן,
ווען זיי האָבן מיך געזען קומען צו פאַרבייגיין;
זייערע אָרעמס האָבן מיך געהאַלדזט ווען איך בין געשטאַנען;
כ׳האָב געפילט דעם צופעליקן אַליין
פון זייער לייב קעגן מיינעם, ווען כ׳בין געזעסן;
פילע פון יענע, וואָס כ׳האָב ליב געהאַט,
האָב איך געטראָפן אין גאַס,
אַף אַ פערי, צי אַף אַן עפנטלעכן צוזאַמענקום,
און זיי קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט;
געלעבט דאָס זעלביקע לעבן וואָס אַלע,
דאָס זעלביקע לאַכן, נאָגעניש און שלאָפן;
געשפּילט די ראָלע, וואָס קוקט אַליך צוריק אויפן שוישפּילער
אָדער שוישפּילערין;
די זעלביקע ראָלע, וואָס איז דאָס וואָס מיר מאַכן פון איר:
אַזוי גרויס ווי אונז געפעלט, אָדער אַזוי קליין ווי מיר ווילן —
אָדער ביידע — אי גרויס, אי קליין.

9

נעענטער נאָך טו איך זיך צו אייך דערנענען;
וואָס איר טראַכט וועגן מיר,
האָב איך אַזוי פיל געטראַכט וועגן אייך;
איך האָב זיך צוגעגרייט פון פריער;
איך האָב אייך ערנסט אינזינען געהאַט,
איידער נאָך איר זענט געבוירן געוואָרן.

ווער האָט עס געקענט וויסן וואָס מיר וועט אַנטקעגן קומען?
ווער נאָך ווייסט ווי איך, וואָס פאַר הנאָה עס פאַרשאַפט מיר?
ווען וועט עס איינפאַלן, אַז איך קוק איצט אויף אייך,
כאָטש איר קענט מיך ניט זען?

ס׳איז ניט איר אַליין, ניט איך אַליין;
ניט עטלעכע ראַסן, ניט עטלעכע דורות,
ניט עטלעכע יאָרהונדערטער;

ס'איז וואָס יעדער א י ז געקומען,
ק ו מ ט, אָדער ו ו ע ט קומען,
פון דעם נויטיקן זרע־שטראָם,
פון דעם אַלגעמיינעם מיטלפונקט פון אַלץ,
און ווערט אַ טייל פון אַלץ.
יעדע זאַך באַווייזט עס — דאָס קלענסטע
ווי דאָס גרעסטע באַווייזן עס;
אַ הויט אַזאַ הילט אַלץ איין און הילט־איין די נשמה
אויף אַ באַשטימטער צייט.

10

איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס קען מיר דען זיין פּרעכטיקער
און וואונדערלעכער,
ווי מיין מאַסטן־באַזוימטער מאַנהעטן?
מיין טייך אין זונפאַרגאַנג
און מיינע אין שפּיצן־געקרויזטע כוואַליעס
פונעם אָפּפלוס און צושטראָם;
די פלאַטערנדיקע ים־פייגל, די היי־שיף אין בין־השמשות,
און דאָס פאַרשפּעטיקטע שנעל־שיפל.
מערקווירדיק! וואָס פאַר אַ געטער קענען איבערשטייגן יענע,
וואָס דריקן מיין האַנט,
און מיט שטימעס, וואָס זיינען מיר ליב,
רופן זיי מיך הויך ביי מיין היימישסטן נאָמען,
ווען איך דערנענטער זיך.
מערקווירדיק! וואָס איז דען איידעלער פון דעם,
וואָס בינדט מיך צו צו דער פרוי אָדער צום מאַן,
וואָס קוקט מיר אין פּנים אַריין;
וואָס גיסט מיך איצט אַריין אין אייך,
און גיסט מיין זין אין אייך אַריבער.
מיר פאַרשטייען זיך דאָך, ניט אמת?
וואָס איך האָב אייך פאַרשפּראָכן אָן ווערטער,
האָט איר דען ניט אָנגענומען?

וואָס די לערע האָט ניט געקענט אויסלערנען,
וואָס דאָס פריידיקן האָט ניט דערגרייכט —
איז איצט דערגרייכט — ניט אמת?
וואָס ס'איז ניט דערגרייכט געוואָרן מיטן כוח פון דעם
געלייענטן וואָרט,
האָב איך פּערזענלעך דערגרייכט — אפשר ניין?

11

פליס־זשע, טייך! פליס־צו מיטן צופלוס,
און שטראָם־אַפּ מיטן שטראָם!
שטיפט־זשע, שטיפט כוואַליעס גריוועדיקע, אין שפּיצן געקרויזטע!
וואונדער־שיינע וואלקנס פון זונפאַרגאַנג!
פאַרפלייצט מיט אייער פּראַכט מיך,
אָדער די דורות מענער און פרויען נאָך מיר;
פאָרט פון ברעג צו ברעג, איר אומציילבקע מאַסן פאָרער!
שטייט גראָד מאַנהעטאַ'ס שלאַנקע מאַסטן!
הייבט זיך הויך, איר ברוקלינ'ס שיינע הויכן!
נייגעריקער, פאַרטומלטער מוח, פולסיר!
צעוואַרף פראַגעס און ענטפערס!
שפּרייט־ אויס דאָ און אומעטום אייביקן שטראָם פון אויפלייזונג!
גאַפט, אויגן ליבנדיקע און דורשטיקע, אינדערהיים, אין גאַס,
צי אויף פאַרזאַמלונגען!
צעקלינגט זיך, שטימעס פון יונגע לייט!
הויך און קלינגענדיק רופט מיך ביי מיין היימישסטן נאָמען!
לעב, אַלט לעבן! שפּיל די ראָלע,
וואָס קוקט צוריק אויף די שפּילער!
שפּיל די אַלטע ראָלע, די ראָלע וואָס איז גרויס אָדער קליין,
ווי איינער שאַפט זי!
באַקלערט זיך נאָר, איר וואָס פאָרשט מיך,
צי קוק איך ניט אויף אייך דורך וועגן אומבאַוואוסטע;
זייט פעסט, פאַרענטש, האַלט־אונטער יענע,
וואָס שפּאַרן זיך נאַכלעסיק אָן,
און דאָך טראָגן זיי זיך איבערן טייך מיטן האַסטיקן שטראָם;

פליט, מעוועס! פליט זייטוועגס,
אָדער דרייט זיך אין גרויסע קרייזן הויך אין דער לופטן;
נעמט־אויף, איר וואַסערן, דעם זומערדיקן הימל,
און האַלט אים געטריי, ביז אַלע אַראָפּגעלאָזטע אויגן
וועלן האָבן גענוג צייט אים אָפּצונעמען פון אייך;
פּאַלט־פאַנאַנדער, איר שיינע ליכט־שפּיזן פון אַרום דעם געשטאַלט
פון מיין קאָפּ,
צי אַרום עמיצן אַנדער׳ס קאָפּ אין זון־געצונדענעם וואַסער;
קומט שיפן פון דער אונטערשטער בוכטע!
פאָרט אַהין אָדער צוריק, ווייסע זעגל־שיפן —
אייך־מאַסטיקע און צוויי־מאַסטיקע און צופיר־שיפלעך!
צעפלאַטערט זיך, פאָנען פון אַלע פעלקער!
און ווערט ווי געהעריק אַראָפּגעלאָזט ביי זונפאַרגאַנג;
ברענט הויך אייערע פייערן, קוימענס פון גיסערייען!
וואַרפט שוואַרצע שאָטנס מיטן אָנקום פון דער נאַכט!
וואַרפט רויט און געל ליכט איבער די דעכער פון די הייזער;
דערשיינונגען, איצטיקע אָדער שפּעטערדיקע,
גיט דעם צייכן פון אייער זיין;
הויט, דו נויטיקע, היל אויף ווייטער איין די נשמה;
זאָלן זיך שפּרייטן די וואונדערלעכע ריחות —
אַרום מיין לייב פאַר מיר און אַרום אייער לייב פאַר אייך;
וואַקסט, שטעט!
ברענגט אייער פּראַכט, ברענגט אייער פּראַכט,
איר שפּע׳דיקע, רייכע טייכן;
שפּרייט־זשע זיך אויס, איר, וואָס אין גייסטיקייט קאָן אייך אפשר
קיינער ניט איבערשטייגן;
האַלט אייערע פלעצער, קעגנשטאַנדן, וואָס קיינער איז ניט
גלייך צו אייך אין דויערהאַפטקייט.

12

מיר נידערן אַראָפּ אויף אייך און אויף אַלע זאַכן —
מיר פאַרהאַלטן אייך אַלע;

מיר באַגרייפן די נשמה נאָר דורך אייך, איר ריכטיקע
ממשות'דיקייטן און פּליסיקייטן;
דורך אייער קאָליר, פאָרם, פּלאַץ, דערהויבנקייט, אידעאַלקייט;
דורך אייך — יעדער באַוויז, פאַרגלייך און אַלע השערות
און באַשטימטקייטן וועגן אונז אַליין.

איר האָט געוואַרט, איר וואַרט שטענדיק,
איר שטומע, שיינע דינער! איר אָנפאַנגער!
מיר נעמען אייך ענדלעך אויף מיט פרייע חושים
און בלייבן אויף ווייטער אומדערזעטיקט.

איר וועט אונז מער ניט קענען גובר זיין און אַנטרינען פון אונז;
מיר באַנוצן זיך מיט אייך און וואַרפן אייך ניט אַוועק;
מיר פלאַנצן אייך אַף שטענדיק איין אין זיך;
מיר דערגרונטעווען אייך ניט, מיר האָבן אייך ליב;
אויך אין אייך איז דאָ פולקאָמענהייט;
איר טראָגט־צו אייער טייל צו דער אייביקייט;
גרויס צי קליין, איר שטעלט־צו אייער טייל דער נשמה!

איך הויב־אָן פון דעם פיש־פּאַרמיקן פּאָמאַנאָק,

וואו איך בין געבוירן געוואָרן,

וואו סיהאָט מיך אַף דער וועלט געבראַכט און גוט דערצויגן

אַ זעלטן־גוטע מאַמע ;

לואיזא (וואן וועלסאָר) וויטמאַן
וואָלט וויטמאַנ׳ס מוטער

דער וואונדער באַשטייט נישט אין איינע אָדער צוויי
אויסדערוויילטע זאַכן —
אויב וואונדער, איז יעדער ברעקל אין לעבן אַ וואונדער.
איך זאָג, אַ מענטש לעבט אייביק —
זאָגט איר: דאָס איז אַ וואונדער !
דעם מענטשנס ווערן אין דער מאַמעס בויך
איז אַ וואונדער !
ווען איר פרעגט מיך,
ווייס איך נישט פון קיין אַנדער זאַך,
נאָר פון וואונדער.

איך זינג דעם איך

דעם א י ך זינג איך. אַ פּשוט'ן איינצלנעם מענטשן ;
דאָך זאָג איך דאָס וואָרט דעמאָקראַטיש, דאָס וואָרט מ אַ ס ן.

פיזיאָלאָגיע פון קאָפּ ביז די שפּיץ־פינגער זינג איך ;
ניט פיזיאָנאָמיע אַליין, ניט מאַרך אַליין איז מוזע־ווירדיק —
איך זאָג : דאָס גאַנצע וועזן איז מער ווערט ;
די פרוי באַגלייך מיטן מאַן זינג איך.

דאָס לעבן, ריזיק־גרויס איןליידנשאַפט, פולס און קראַפט ;
פריידיק, גרייט פאַר פרייסטער האַנדלונג,
אונטער הימלישן געזעץ —
דעם מאָדערנעם מענטשן זינג איך.

וואָלט וויטמאַן

(1855)

איך יובל זיך אַליין ;
און וואָס איך נעם־אָן, זאָלט איר אויך אָננעמען ;
ווייל יעדער אַטאָם, וואָס באַלאַנגט צו מיר,
באַלאַנגט אויך אַזוי גוט צו אייך.

איך גיי אַרום און לאָז וואוילגיין מיין נשמה ;
איך גיי אום און רו ווען מיר געפעלט,
זיך צוקוקנדיק צו אַ שפּיזל גראָז.

הייזער און צימערן זיינען פול מיט דופטן —
די פּאָליצעס זיינען פול מיט פיינע ריחות ;
איך אַליין אָטעם דעם זיסן ריח,
ער איז מיר באַקאַנט און ער געפעלט מיר ;
די זיך שפּרייטנדיקע ריחות וואָלטן מיך אויך פאַר׳שיכור׳ט,
ווען איך וואָלט זיך ניט געווערט.

די לופט איז ניט קיין דופט —
זי גייט זיך ניט פאַנאַנדער אין דופטיקע ריחות,
זי האָט ניט קיין אַראָמאַט ;
לופט איז שטענדיק מיין גוסט, איך בין פאַרליבט אין לופט.

איך וועל גיין צום בערגל ביים וואַלד,
איך וועל זיך אַנטפּלעקן און זיין נאַקעט.
איך גיי אוים פון גאַרונג צו זיין אין באַריר מיט זיך.

•—•

דער דאַמף פון מיין אייגענעם אָטעם ;
עכאָס, וואַסער־קרייזן, סודות׳דיק זשומען, ליבע־וואָרצל,
זיידן־פאָדעם, האָקן און וויינרעב ;

מיין אויסאָטעמען און איינאָטעמען, דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ;
דאָס פּאָמפּען פון בלוט און לופט דורך מיינע לונגען;
דאָס דערשמעקן דעם גערוך פון גרינע בלעטער
און טרוקענע בלעטער,
פון דעם ים־ברעג, פון טונקעלע ים־פעלזן און פון היי־שטאַל;

דער קלאַנג פון ווערטער אַרויסגעשטויסן פון מיין שטימע;
ווערטער פריי־געלאָזן צום געדריי פונעם ווינט;
אַ פּאָר לייכטע קושן, אַ פּאָר אומאַרמונגען;
אויסגעשטרעקטע אָרעמס צום אַרומנעמען;
דאָס שפּיל פון שיין און שאָטן אויף די ביימער,
ווען די בויגזאַמע צווייגן הוידען זיך;

די פרייד פון זיין אַליין, אָדער אין געדראַנג פון די גאַסן,
צי איבער די פעלדער און אַרויף־באַרג;
דאָס געפיל פון געזונט; די פרייד פון מיטטאָג־צייט;
דאָס געזאַנג מיינס, ווען איך הויב זיך אויף פון בעט
און באַגעגן די זון.

●—●

רעכנט איר, אַז אַ טויזנט אַקער איז אַ סך?
רעכנט איר, אַז די ערד איז אַ סך?
האָט אייך גענומען אַזוי לאַנג זיך אויסצולערנען לייענען?
האָט איר זיך געפילט אַזוי שטאָלץ,
צו דערגיין דעם מיין פון לידער?

בלייבט מיט מיר אַ טאָג און אַ נאַכט,
און איר וועט באַזיצן דעם שורש פון אַלע לידער;
איר וועט באַזיצן דאָס גוטס פון דער ערד און פון דער זון
(עס זיינען נאָך מיליאָנען זונען פאַרבליבן);
איר וועט מער נישט נעמען קיין זאַכן פון צווייטער
און דריטער האַנט;
נישט קוקן דורך די אויגן פון טויטע;
זיך נישט שפּייזן אויף די גייסטער פון ביכער;

אויך דורך מ י י נ ע אויגן וועט איר ניט קוקן;
אויך נישט נעמען קיין זאַכן פון מיר;
איר וועט זיך צוהערן צו אַלע זייטן,
און זיי דורכלייטערן דורך זיך אַליין.

●—●

דאָס זיינען געדאַנקען פון אַלע מענטשן
אין אַלע דורות און לענדער —
זיי זיינען ניט מיינע אייגענע געדאַנקען;
אויב זיי זיינען ניט אייערע פונקט אַזוי פיל ווי מיינע,
זיינען זיי גאָרנישט, אָדער אַזוי גוט ווי גאָרנישט;
אויב זיי זיינען ניט דאָס רעטעניש
און דער ענטפער צום רעטעניש,
זיינען זיי גאָרנישט;
אויב זיי זיינען ניט פונקט אַזוי נאָענט, ווי זיי זיינען ווייט,
זיינען זיי גאָרנישט.

דאָס איז גראָז, וואָס וואַקסט אומעטום וואו ערד איז דאָ,
און וואו וואַסער איז דאָ;
דאָס איז די געוויינלעכע לופט, וואָס באָדט די ערד.

●—●

מיט מוזיק שטאַרקער קום איך—מיט מיינע קלאַרנעטן און פויקן!
איך שפּיל מאַרשן ניט נאָר פאַר אָנערקענטע זיגער —
איך שפּיל קרעפּטיקע מאַרשן פאַר באַזיגטע און געפאַלענע.

האָט איר געהערט, אַז ס'איז גוט צו געווינען דעם טאָג?
איך זאָג, אַז ס'איז אויך גוט צו פאַלן —
שלאַכטן ווערן פאַרלוירן אין זעלביקן גייסט, ווי זיי ווערן געוואונען.

איך קלאַפּ אין פויק פאַר די טויטע;
איך טרומפּייטער אַמהעכסטן און פריילעכסטן פון זייערטוועגן.

וויוואַט צו יענע, וואָס זיינען דורכגעפאַלן!
און צו יענע, וועמענס קריג־שיפן עס זיינען אונטערגעגאַנגען אין ים!

און צו יענע, וואָס זיינען אַליין אונטערגעגאַנגען אין ים!
און צו אַלע גענעראַלן, וואָס האָבן פאַרלוירן שלאַכטן!
און צו אַלע בייגעקומענע העלדן!
און צו די אומצייליקע אומבאַקאַנטע העלדן,
וואָס זיינען גלייך מיט די סאַמע באַוואוסטע העלדן.

●—●

דאָס איז דער מאַלצייט פאַר יעדן גלייך געגרייט;
דאָס איז דאָס פלייש פאַרן נאַטירלעכן הונגער;
ס'איז פאַרן שולדיקן פונקט אַזוי ווי פאַרן גערעכטן;
איך בין גרייט זיך צו טרעפן מיט יעדן;
איך וועל ניט דערלויבן צו קריוודען
אָדער באַזייטיקן קיין איינציקן מענטשן;
די מעטרעסע, דער טעלער־לעקער, דער גנב, — ווערן דאָ געלאַדן;
דער שקלאַף מיט די גראָבע ליפּן איז געלאַדן;
דער ווענעריש־קראַנקער איז געלאַדן:
עס זאָל מיר נישט זיין קיין אונטערשייד צווישן זיי
און די איבעריקע.

דאָס איז דער דריק פון אַ שעמעוודיקער האַנט;
דאָס איז דאָס פלאַטערן און דופט פון האָר;
דאָס איז דער באַריר פון מיינע ליפּן צו אייערע;
דאָס איז דער געמורמל פון בענקשאַפט;
דאָס איז די וויטע טיף און הויך, וואָס שפּיגלט־אָפּ מיין אייגן פּנים;
דאָס איז מיין פאַרטיפן זיך אין זיך,
און צוריק צום אויבערפלאַך.

דענקט איר, אַז איך האָב עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן צוועק?
גוט, זאָל זיין איך האָב — ווייל די אַפּריל־רעגנס האָבן,
און דער גלאַנץ פון פעלד האָט עס אויך.

דענקט איר, אַז איך וועל איבעררעשן?
איבעררעשט דאָס טאָג־ליכט?

איבערראַשט דאָס פּאַרטאָגיקע פֿויגל־צוויטשעריי אין וואַלד?
איבערראַש איך מער ווי זיי?

אין אָט־דער שעה דערצייל איך פֿאַרטרויענסווערטע זאַכן:
איך וואָלט עס אפשר קיין אַנדערע ניט דערציילט —
אייך דערצייל איך עס.

●—●

ווער גייט עס דאָרט? פֿראָסט, גאַרנדיק, מיסטיש, נאַקעט;
ווי קומט עס, וואָס איך קריג אַרויס קראַפט פֿונעם רינדער־פֿלייש,
וואָס איך עס?

וואָס איז דער אמת'ן איז אַזוינס אַ מענטש?
וואָס בין איך? וואָס זענט איר?

צו אַלץ וואָס איך צייכן־אָן אַלס מיין אייגנס,
זאָלט איר קעגנשטעלן אייער אייגנס;
אויב נישט, האָט איר פֿאַרלוירן צייט
זיך צוהערנדיק צו מיר.

●—●

איך בין דער דיכטער פֿון דעם קערפּער,
און איך בין דער דיכטער פֿון דער נשמה.
די הימלישע פֿאַרגעניגנס זיינען מיינע,
און די יסורים פֿון גהינום זיינען מיינע;
דאָס ערשטע נעם איך אָן און באַרייכער עס —
דאָס צווייטע טייטש איך אויס אין אַ נייעם זין.

איך בין דער דיכטער פֿון דער פֿרוי, אַזוי גוט ווי פֿון דעם מאַן;
און איך זאָג: עס איז אַזוי גרויסאַרטיק צו זיין אַ פֿרוי,
ווי צו זיין אַ מאַן;
און איך זאָג: עס איז ניטאָ קיין גרעסערע זאַך,
ווי צו זיין די מוטער פֿון מענטשן.

איך זינג דאָס געזאַנג פון גרויסן־זיך און שטאָלץ זיין;
מיר האָבן שוין געהאַט גענוג אונטערטעניקייט און בעטלעריי;
איך ווייז, אַז גרויסקייט באַשטייט נאָר אין אַנטוויקלונג.

האָסט שוין איבערגעיאָגט אַלעמען? ביסט שוין פּרעזידענט?
ס'אַ נאַרישקייט—יעדער פון זיי וועט נאָך מער ווי דערגרייכן אַהין
און ווייטער גיין.

●—●

וואָלט וויטמאַן בין איך, אַ קאָסמאָס,
דער זון פון מעכטיקן מאַנהעטן;
שטורמדיק, גופיק, זינדיק, און איך עס, טרינק און פּרוכפּער זיך;
איך בין ניט סענטימענטאַל —
איך בין ניט דער, וואָס שטעלט זיך א י ב ע ר מאַן און פרוי,
צי באַזונדער פון זיי;
נישט מער באַשיידן ווי אומבאַשיידן.

שרויפט־אָפּ די שלעסער פון די טירן!
שרויפט־אָפּ די טירן פון די ראָמען!

ווער עס דערנידעריקט אַ צווייטן, דערנידעריקט מיך;
און וואָס עס ווערט געטאָן און וואָס עס ווערט געזאָגט,
קומט־אָן צום סוף צוריק צו מיר.

דורך מיר ברויזט און ברויזט באַגייסטערונג,
דורך מיר — דער צייט־שטראָם און רעכענונג.

איך זאָג אַרויס דעם העכסטן לאָזונג —
איך גיב דעם צייכן פון דעמאָקראַטיע.
איך שווער! איך וועל קיין זאַך ניט נעמען פון וואָס אַלע קריגן ניט
זייער גלייכן טייל, אויף גלייכע באַדינגונגען.

דורך מיר — פיל לאַנגע, שטומע שטימעס;
שטימעס פון אומענדלעכע דורות פון קנעכט;

שטימעס פון גאַסן־פרויען און פאַרזועענישן;
שטימעס פון קראַנקע און פאַרצווייפלטע,
און פון גנבים און קאַרליקעס;
שטימעס פון פאַרבאַריטונג און תקופות פון וואַקסן
און פון די פעדים, וואָס באַהעפטן די שטערן —
און פון מוטער־טראַכט און פון זכר'שאַפט,
און פאַר דעם רעכט פון יענע, וועלכע אַנדערע דערדריקן;
פון די נישטיקע, פלאַכע, נאַרישע, פאַראַכטעטע.

דורך מיר — פאַרבאָטענע שטימעס;
שטימעס פון געשלעכט און תאוה,
שטימעס פאַרשלייערטע, פון מיר אַנטשלייערט;
שטימעס אומאַנשטענדיקע, פון מיר געלייטערטע און געענדערטע.

איך פאַרשטעל זיך ניט דאָס מויל;
איך באַריר מיין בויך אַזוי צאַרט,
ווי איך באַריר מיין קאָפּ און מיין האַרץ;
דאָס פאָרן זיך איז ביי מיר ניט מיאוס'ער פון דעם טויט.

איך גלויב אין גופ'יקן, איך גלויב אין די אַפּעטיטן;
זען, הערן, פילן — זיינען וואונדער.
און יעדער טייל און ריר אין מיר איז אַ וואונדער.

הייליק בין איך אינערלעך און אויסערלעך,
און הייליק ווערט אַלץ פון מיין באַריר,
און אַלץ וואָס באַרירט מיך ווערט הייליק.

דאָס ליד פון דעם אָפענעם וועג

(1856)

צופוס און מיט אַ גרינג געמיט, נעם איך זיך צום אָפענעם וועג ;
געזונט, פריי, די וועלט פאַר מיר ;
דער לאַנגער ברוינער שטעג פאַר מיר,
פירט אַהין וואוהין איך וויל.

פון איצט־אָן זוך איך נישט קיין גליקן ;
איך אַליין בין גליק.
פון איצט אָן קלאָג איך זיך נישט. כ'לייג ניט אָפּ,
כ'דאַרף גאָרנישט ;
שטאַרק און צופרידן, לאָז איך זיך איבערן אָפענעם וועג.

די ערד — דאָס איז גענוג ;
איך דאַרף ניט די שטערן נעענטער ווי זיי זיינען ;
איך ווייס, אַז זיי זיינען גאַנץ גוט דאָרט וואו זיי זיינען ;
איך ווייס, זיי זיינען גענוג פאַר יענע, וואָס געהערן צו זיי.

(דאָך זעט, איך נעם־מיט מיט זיך די וואונדערבאַרע לאַסטן :
איך טראָג זיי, מענער און פרויען —
איך טראָג זיי מיט זיך וואוהין איך גיי.
איך שווער, ס'איז פאַר מיר אוממעגלעך זיך צו באַפרייען פון זיי ;
זיי פילן מיך אָן, און איך וועל זיי אויך אָנפילן.)

•—•

דו, וועג, איבער וועלכן איך לאָז זיך גיין און קוק זיך אַרום !
איך גלויב, אַז דו ביסט ניט אַלעס וואָס איך זע ;
איך גלויב, אַז אַ סך וואָס מ'קאָן ניט זען איז אויך דאָ.

אָט איז די טיפע לערע פון אויפנעמען : אָן פאַרצוג, אָן אָפּזאָג.
דער שוואַרצער מיט זיין קאָפּ וואָלענע האָר,

דער פאַרברעכער, דער קראַנקער, דער אומגעבילדעטער,
זיינען ניט פאַרווערט.
דאָס געבורט, דאָס יאָגן זיך נאָכן דאָקטאָר, דעם בעטלער'ס טראַט,
דעם שיכור'ס וואַקלען זיך, די גרופּן לאַכנדיקע אַרבעטער,
דער אַנטלאָפענער יונגלינג, דעם רייכנ'ס פּייעטאָן, דער פּראַנט,
דאָס אַנטלויפנדיקע פּאָרל, דער מאַן, וואָס גייט פרי אין מאַרק אַריין,
דער טויטן־וואָגן, דאָס אַריבערפירן מעבל אין שטאָט אַריין,
דאָס צוריקפאָרן פון שטאָט,
זיי גייען־פאַרביי — איך גיי אויך פאַרביי — אַלץ גייט פאַרביי —
קיינעם קאָן מען ניט פאַרווערן;
אַלע אָן אויסנאַם זיינען דערלויבט,
אַלע אָן אויסנאַם זיינען מיר ליב.

●—●

פון דער שעה אָן, פרייהייט!
פון דער שעה אָן דערקלער איך זיך באַפרייט פון גרעניצן
און אויסגעטראַכטע צאַמען —
איך גיי וואוהין איך גאָר, מיין אייגענער האַר,
דורכאויס און פולשטענדיק;
איך הער זיך־צו צו אַנדערע און באַטראַכט גוט וואָס זיי זאָגן;
איך שטעל זיך אָפּ, איך פאָרש־נאָך, איך נעם־אויף,
איך איבערלייג זיך;
נאָר איידל, מיט אַ ווילן, וואָס מען קאָן ניט דערווידערן,
באַפריי איך זיך פון דעם, וואָס וויל מיך פאַרהאַלטן.

איך אָטעם־אַריין גרויסע אָטעם־צוגן פון רוים;
דער מזרח און דער מערב זיינען מיינע,
און דער צפון און דער דרום זיינען מיינע.

איך בין גרעסער און בעסער, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט;
איך האָב גאָר נישט געוואוסט,
אַז איך פאַרמאָג אין זיך אַזויפיל גוטסקייט.
אַלעס זעט מיר אויס שיין;
איך קען האַלטן אין איין איבער'חזר'ן צו מענער און פרויען:

איר האָט מיר אַזויפיל גוטס געטאָן,
איך וועל אייך אָפּטאָן דאָס זעלביקע.

איך וועל אָפּדינגען פאַר זיך און פאַר אייך אין מיין גאַנג;
איך וועל זיך צעוואַרפן צווישן מענער און פרויען אין מיין גאַנג;
איך וועל צעוואַרפן צווישן זיי נייע פריידן און רויקייטן;
אויב עמיצער זאָגט מיר אָפּ — אַרט מיך נישט;
ווער עס נעמט מיך אויף — ער אָדער זי —
זאָלן זיין געבענטשט און זאָלן מיך בענטשן.

●—●

הער! איך וועל זיין אָפנהאַרציק מיט דיר:
איך זאָג ניט צו די אַלטע גלאַטע באַלוינונגען;
נאָר איך זאָג צו רויע נייע באַלוינונגען;
דאָס זיינען די טעג, וואָס ווערסט מוזן דורכלעבן:

וועסט נישט קענען אָנהורבען, וואָס מען רופט־אָן רייכטום;
דו וועסט דאַרפן צעוואַרפן מיט ברייטער האַנט
אַלץ וואָס דו פאַרדינסט און דערגרייכסט.
ביסט נאָר־וואָס געקומען צו דער שטאָט,
וואוהין דיין גורל האָט דיך געפירט;
האָסט זיך נאָר־וואָס איינגעאָרדנט, ווי עס באַדאַרף צו זיין,
קומט שוין אַ באַפעל, נישט צום דערווידערן, אַז דו מוזט פאַרלאָזן;

דו וועסט דאַרפן אויסשטיין דעם איראָנישן שמייכל
און דאָס שפּעטן פון יענע, וואָס בלייבן איבער;
מיט וואָס פאַר אַ ליבע מען זאָל דיך ניט ווענן פאַהאַלטן,
וועסטו נאָר קענען ענטפערן מיט אַ ליידנשאַפטלעכן קוש
פון שיידונג;
וועסט ניט קענען דערלויבן, אַז די אויסגעשטרעקטע הענט נאָך דיר
זאָלן דיך פאַרהאַלטן.

●—●

לאָמיר גיין! דורך שטרייטן און שלאַכטן!
דער אָנגעצייכנטער ציל קאָן נישט געביטן ווערן.

זיינען די קאַמפן פון דער פאַרגאַנגענהייט געווען דערפאָלגרייך ?
וואָס איז געווען דערפאָלגרייך ? דו אַליין ? דיין פאָלק ? די נאַטור?
איצט פאַרשטיי מיך ריכטיק :
אין דעם עסענץ פון זאַכן ליגט באַהאַלטן עפּעס אַזוינס,
אַז מיט דער באַפרידיקונג, פון וואָס פאַר אַ דערפאָלג
עס זאָל נישט דערגרייכט ווערן,
שאַפט זיך די נויטווענדיקייט פאַר נאָך אַ גרעסערן קאַמף.

מיין רוף איז דער רוף פון שלאַכט — איך נער אַקטיוון רעוואָלט :
ווער עס גייט מיט מיר, דאַרף קומען גוט באַוואָפנט ;
ווער עס גייט מיט מיר, גייט אָפט מיט ווינציק שפּייז, נויט,
בייזע שונאים און אַנטלויפער.

●—●

לאָמיר גיין ! דער וועג איז פאַר אונז !
ער איז זיכער. איך האָב אים אַליין אויסגעפּרואווט.
מיינע אייגענע פיס האָבן אים גוט אויסגעפּרואווט.

לאָמיר גיין ! לאָז זיך ניט פאַרהאַלטן !
זאָל דאָס פּאַפּיר בלייבן אויפן שרייב־טיש ניט פאַרשריבן,
און דאָס בוך אַף דער פּאָליצע ניט געעפנט !
זאָל דאָס געצייג בלייבן אין ווערקשטאַט !
זאָל דאָס געלט בלייבן נישט פאַרדינט !
לאָז איבער די שולע ! הער זיך ניט צו צום געשריי פונעם לערער !
לאָז דעם פּרעדיקער פּרעדיקן אויפן באַלעמער !
זאָל דער אַדוואָקאַט טענה'ן אין געריכט,
און דער ריכטער טייטשן דאָס געזעץ.

מיין קינד ! איך גיב דיר מיין האַנט !
איך גיב מיין ליבע, טייערער פון געלט.
איך גיב דיר זיך אַנשטאָט דרשות אָדער געזעץ ;
וועסטו ז י ך מיר געבן ? וועסטו גיין מיט מיר ?
וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען אַזוי לאַנג ווי מיר לעבן ?

איך האָב געזאָגט

(1855)

פון דער סעריע : „וואָלט וויטמאַן"

איך האָב געזאָגט,
אַז די נשמה איז ניט וויכטיקער פונעם קערפּער,
און איך האָב געזאָגט,
אַז דער קערפּער איז נישט וויכטיקער פון דער נשמה ;
און קיין זאַך, נישט גאָט אַליין, איז גרעסער פאַר עמיצן,
ווי זיין אייגענער איך איז.

און ווער עס גייט אַ מייל אָן מיטגעפיל,
גייט צו זיין אייגענער לויה, אָנגעטאָן אין תכריכים,
און איך, צי איר, אָן אַ צענער אין קעשענע,
קענען קויפן דעם העכסטן פּונקט פון דער ערד,
און אַ בליק צו טאָן מיטן אויג, צי ווייזן אַ פּאַסאָליע אין איר שויט,
שטייגט איבער די לערעס פון אַלע צייטן ;
און ס'איז נישטאָ קיין פאַך, צי קיין באַשעפטיקונג,
וואָס דער יונגערמאַן וועלכער אַרבעט דערביי,
זאָל ניט קענען ווערן קיין העלד ;
און ס'איז ניטאָ די זאַך, וואָס זאָל ניט זיין ווייך גענוג
צו ווערן דער חלל פאַרן אַקס, פאַר דעם זיך קרייזנדיקן אוניווערז.
און איך זאָג צו יעדן מאַן אָדער פרוי :
זאָל דיין נשמה בלייבן רואיק און זיכער קעגן אַ מיליאָן אוניווערזן.

און איך זאָג צו די מענטשן :
זייט נישט נייגעריק וועגן גאָט.
ווייל איך, וואָס בין נייגעריק וועגן אַלץ,
בין ניט נייגעריק וועגן גאָט.
(קיין וואָרט און אויסדרוק קאָן נישט דערציילן,
ווי רואיק איך בין וועגן גאָט און וועגן טויט).

איך הער און פאַרנעם גאָט אין יעדער זאַך,
דאָך פאַרשטיי איך גאָר נישט וועגן גאָט.

און איך פֿאַרשטיי אויך נישט,
ווער קאָן זיין מער וואונדערבאַר, ווי איך אַליין ?

פֿאַרוואָס זאָל איך וועלן זען גאָט, בעסער ווי דעם היינטיקן טאָג ?
איך זע עטוואָס פֿון גאָט יעדע שעה פֿון די פֿיר־און־צוואַנציק שעה,
און יעדע רגע.
אין די פּנים׳ער פֿון מענער און פֿרויען זע איך גאָט,
און אין מיין אייגן פּנים אין שפּיגל.

איך געפֿין בריוו פֿון גאָט, פֿאַרלוירן אין דרויסן —
און יעדער איינער איז גע׳חתמ׳עט אין גאָט׳ס נאָמען,
און איך לאָז זיי דאָרטן,
ווייל איך ווייס : אַז וואו איך זאָל נישט גיין,
וועלן נאָך און נאָך קומען, אויף אייביק און אייביק.

צום מזרח און צום מערב

(1860)

צום מזרח און צום מערב,
צו די מענטשן פונעם שטאַט ביי די ים־ברעגן
און פון פּענסילוועניע,
צום צפון־קאַנאַדער און צום דרום־מענטשן וואָס איך האָב ליב;
מיט פולקאָמענעם צוטרוי צו אייך, ווי צו זיך אַליין —
דאָס פאָלגענדיקע:
די באַצילן געפינען זיך אין אַלע מענטשן;
איך גלויב, אַז דער הויפּט־זין פון די שטאַטן
איז איינצושטעלן אַ פריינטשאַפט,
אַזוי דערהויבן, וואָס מ'האָט נאָך פריער אַזוינס ניט געזען,
ווייל איך גלויב אַז זי וואַרט
און זי האָט שטענדיק ביז איצט געוואַרט,
פאַרבאָרגן אין אַלע מענטשן.

איך בין דער מאַנהעטענער, פריינטלעך און שטאָלץ.



וואָלט וויטמאַן אין פייפיס קאַפע צווישן פריינט.

צייכענונג.

פון דעם אייביק זיך וויגנדיקן וויגל

(1860)

אַמאָל, פּאָמאַנאָק,
ווען די שנייען זיינען צעגאַנגען;
ווען בעז־ריחות האָבן אָנגעפּילט די לופט
און מאַי־גראָז איז געוואַקסן,
האָבן זיך אויף דעם ים־ברעג
צוויי אַלאַבאַמאַ־געסט פאַרהאַלטן — צוויי צוזאַמען.

אין זייער נעסט, פיר אייעלעך, העל־גרינע, ברויך־געפּלעקטע.
דער ע ר איז יעדן טאָג דאָ הין־און־הער אַרומגעפלויגן;
יעדן טאָג, די ז י אַף איר נעסט, אַ שטילע, מיט שיינענדיקע אויגן;
און איך, יעדן טאָג, אַ נייגעריק קינד, ניט צו־נאָענט,
ניט צו שטערן זיי, האָב זיך פּאָרזיכטיק צוגעקוקט,
אויפגענומען, געטייטשט.

●—●

שיין! שיין! שיין!
גיס, וואונדערלעכע זון, דיין וואַרעמקייט!
וואַרעם אונז צוזאַמען, אונז צוויי צוזאַמען!

צוויי צוזאַמען!
ווינטן בלאָזן דרום, ווינטן בלאָזן צפון,
טאָג קומט ווייס, נאַכט קומט שוואַרץ,
אין דער היים, צי בערג, צי טייכן,
זינגענדיק די גאַנצע צייט, ניט מערקנדיק די צייט,
ווייל מיר זיינען צוויי צוזאַמען.

●—●

ביז פּלוצים, אַמאָל,
איין פּאָרמיטיק, האָט די ז י זיך ניט באַוויזן אין איר נעסט,

געטויט געוואָרן אפשר, און דער ע ר האָט ניט געוואוסט;
ניט געקומען איז די זי ד ע ם פּאַרמיטיק, ניט דעם צווייטן,
און קיינמאָל מער זיך ניט באַוויזן.

פון דאַן־אָן, דעם גאַנצן זומער, אינעם רוישן פון דעם ים,
און ביינאַכט, אין שטילן דרויסן, אונטער פולער לבנה,
איבער דעם רוי־כוואַליענדיקן ים,
אָדער בעת זיין פלאַטערן פון דאָרן־קוסט צו דאָרן־קוסט בייטאָג,
האָב איך אים געזען און אָפט געהערט, דעם געבליבענעם ע ר,
דעם איינזאַמען גאַסט פון אַלאַבאַמאַ.

בלאָזט! בלאָזט! בלאָזט!
בלאָזט שטאַרקער, ים־ווינטן, ביים פּאַמאַנאָק־ברעג!
איך וואַרט און וואַרט, ביז איר ברענגט מיר צו בלאָזן מיין פּאָר!

●—●

יאָ, ווען די שטערן האָבן געפינקלט,
איז אַ גאַנצע נאַכט אַפן שפּיץ פון אַ מאָכיקן פלאַנקן,
נידעריק, כמעט אינמיטן פון די פּאַטשנדיקע כוואַליעס,
געזעסן דער איינזאַמער זינגער און גערופן זיין פּאָר.

וואונדערבאַר, אַרויסרופנדיק טרערן,
האָט זיך געגאָסן אַ געזאַנג, וואָס איך, פון אַלע מענטשן,
פאַרשטיי זיין באַטייט.

יאָ, מיין ברודער! איך פאַרשטיי.
אפשר אַנדערע ניט; נאָר איך האַלט טייער יעדן טרעל.
ווייל איינמאָל, און מער ווי איינמאָל, אומבאַמערקטערהייט,
האָב איך זיך געשלייכט צום ברעג פון ים,
שטיל, מיידנדיק לבנה־שיין, מיט שאָטנס זיך צונויפגיסנדיק, —
כ׳געדענק נאָך איצט די אומדייטלעכע געשטאַלטן,
די עכאָס, די פאַרשיידענע קלאַנגען און דאַכטענישן,
דאָס כוואַליענדיקע וויים, אומדערמידלעך שלאָגנדיק אָן ברעג —

און איך אַ קינד, אַ באָרוועסער, מיט האָר צעשויבערטע אין ווינט,
האָב זיך לאַנג און לאַנג צוגעהערט.

צוגעהערט צו געדענקען, צו זינגען.
און איצט זעץ איך איבער די טענער,
דיך געדענקענדיק, מיין ברודער.

●—●

גלעט! גלעט! גלעט!
כוואַליע אויף כוואַליע, נאָענטע גלעטן זיך,
און איבער זיי אַן אַנדער כוואַליע,
נעמען זיך אַרום און קושן זיך נאָענטע,
נאָר מיין געליבטע גלעט מיך ניט, גלעט מיך ניט.

נידעריק הענגט די שפּעטע לבנה.
אָ, ווי לאַנגזאַם זי באַוועגט זיך. אָ, מיר דאַכט,
אַז זי באַוועגט זיך פול און שווער מיט ליבע, מיט ליבע.

אָ, אַ ווילדער שפּאַרט זיך, שפּאַרט זיך דער ים
אָף דער יבשה, מיט ליבע, מיט ליבע.
אָ, נאַכט! זע איך ניט מיין געליבטע דאָרט פלאַטערן
צווישן די שלאַנגדיקע כוואַליעס?
וואָס איז עס פאַר אַ שוואַרצער פּינטל, וואָס כיזע אין שוים אין ווייסן?

הויך! הויך! הויך!
הויך רוף איך צו דיר, מיין ליבע!
הויך און קלאָר טרייב איך מיין שטימע איבער די כוואַליעס,
געוויס מוזטו הערן ווער ס'איז דאָ,
דו מוזט דערקענען ווער איך בין, מיין ליבע.

נידעריק־הענגענדיקע לבנה,
וואָס איז עס פאַר אַ טונקעלער צייכן אין דיין ברוינעם געל?
אָ, ס'איז דאָס געשטאַלט, דאָס געשטאַלט פון מיין פּאָר!

אָ, לבנה, האַלט זי דאָרט מער נישט אָפּ פון מיר.
ערד! ערד! ערד!

אין וועלכער זייט איך ווענד זיך,
דאַכט מיר: וואָלסט געקענט צוריקגעבן מיר מיין פּאָר,
ווען וואָלסט נאָר געוואָלט;
ווייל איך בין כמעט זיכער, אַז איך זע זי קוים באַמערקבאַר
וואוהין איך זאָל ניט קוקן.

אָ, אויפגייענדיקער שטערן!
אפשר וועט זי, ווען איך באַגער אַזוי שטאַרק,
אויפגיין מיט עמיצן פון אייך.
אָ, האַלדז! אָ, ציטערדיקער האַלדז!
טרעל העלער דורך דער לופט!

שנייד־דורך די וועלדער, די ערד;
ערגיץ הערט זיך צו, דעם קלאַנג צו כאַפּן, זי, וועמען איך באַגער.

זינג־אויס געזאַנגען!
איינזאַמע נאַכט־געזאַנגען!
געזאַנגען פון איינזאַמער ליבע! טויט־געזאַנגען!
געזאַנגען אונטער יענער לאַנגזאַמער גילער, פאַרגייענדיקער לבנה!
אָ, אונטער דער לבנה, וואָס הענגט אַראָפּ כמעט אין ים אריין!
אָ, אומזיניקע, פאַרצווייפלטע געזאַנגען.

נאָר שטיל! שטילער!
צאַרט! איך וועל נאָר וואָרבלען;
און דו מעכטיק־טומלדיקער ים, וואַרט אַ רגע!
ווייל ערגיץ, גלויב איך, האָב איך געהערט מיין פּאָר מיר ענטפערן.
אַזוי שוואַך, איך מוז זיין שטיל, שטיל צו קענען הערן;
נאָר ניט אינגאַנצן שטיל, ווייל זי וועט ניט קענען קומען באַלד צו מיר.

אַהער, מיין געליבטע!
דאָ בין איך! דאָ!

מיט דעם קוים־אָנהאַלטנדיקן טרעל מעלד איך זיך צו דיר:
מיין צאַרטער רוף איז צו דיר, צו דיר, מיין געליבטע.
לאָז זיך ניט פאַרלאָקן ערגעץ אַנדערש!
דאָרט איז דער פייף פונעם ווינט, ניט מיין קול;
דאָרט איז דאָס פלאַטערן, דאָס פלאַטערן פונעם צווייג;
דאָרט זיינען די שאָטנס פון די בלעטער.

אָ, פינצטערניש! אָ, ס׳איז אומזיסט!
אָ, איך בין זייער קראַנק און עלנט!

אָ, ברוינער קרייז אין הימל, אַרום דער לבנה,
וואָס הענגט איבערן ים!
אָ, אומרואיקער אָפּשיין אין ים!
אָ, האַלדז! אָ, קלאַפּנדיק האַרץ!
אָ, אַלץ — און איך זינג אומזיסט, אומזיסט אַ גאַנצע נאַכט.

און דאָך מורמל איך, מורמל איך ווייטער.
אַ געמורמל, דו אַליין ברענגסט מיך ווידער צום זינגען.
איך ווייס ניט פאַרוואָס.

אָ, פאַרגאַנגענהייט! אָ, לעבן! אָ, פרייד־געזאַנגען!
אין דער לופט, אין די וועלדער, איבער פעלדער;
געליבטע! געליבטע! געליבטע! געליבטע! געליבטע!
נאָר מיין געליבטע איז מער נישט, מער נישט מיט מיר,
מיר ביידע מער נישט צוזאַמען.

דאָס ליבע־שפּיל פון די אָדלערס

(1876)

איך קרייז־אַרום דעם וועג אַרום טייך
(מיין פאַרמיטאָג־שפּאַציר, מיין רו).
אין דער לופט, אונטערן הימל, הערט זיך אַ ווייך,
פלוצימדיק געראַוויש,
דאָס ליבע־שפּיל פון אָדלערס,
זייער שנעלע ליבע־באַהעפטונג, הויך אין דער לופטן;
מיט פעסט־צוזאַמענגעשלאָסענע קלאָען,
דרייט זיך ווילד אַ לעבעדיקער ראָד;
פיר פאַטשנדיקע פליגל, צוויי שנאָבלען,
אַ צונויפגעגאָסענע מאַסע, זיך קרייזנדיק, זיך ראַנגלענדיק,
פאַלן זיי, דרייען זיך אין שווערע רינגען,
קייקלען זיך אַראָפּ־צו.
ביז נידעריק איבערן טייך, כאַפּן זיי דאָס גלייכגעוויכט,
צוויי, און דאָך ווי איינער.
אַ רגע שטיל, אַ באַוועגלאָזער, שטילער באַלאַנסיר אין דער לופטן,
די קלאָען צענומען, זיך פאַנאַנדערגעטיילט,
און ווידער אַרויף, מיט שטאַרקע פליגל,
לאַנגזאַם און שיפּע־פליענדיק באַזונדער —
זי — איר וועג, און ער — זיינעם.

פון מאַנטאָקס הויך

(1888)

איך שטיי ווי אויף עפּעס אַ מעכטיקן אָדלער'ס שנאָבל,
מיין בליק צום מזרח איבערן ים געווענדט —
(קיין זאַך נישט חוץ ים און הימל),
די זיך־וואַרפנדיקע כוואַליעס, דער שוים, די שיפן אין דער ווייט;
דער ווילדער אומרו, די שניי־געקרייזטע כוואַליע־קרוינען;
דער שטענדיק־קומענדיקער, קומענדיקער שטראָם פון כוואַליעס,
וואָס אייביק זוכן זיי די ברעגן.

צום ים

(1860)

איך וואַרף זיך אַף דיין ברוסט, מיין טאַטע,
איך קלאַמער זיך אָן דיר אַזוי,
אַז דו קענסט מיך ניט אָפּשטויסן.
איך האַלט דיך אַזוי שטאַרק,
ביז דו מוזט מיר עפּעס ענטפערן.

קוש מיך, מיין טאַטע,
באַריר מיך מיט דיינע ליפּן,
ווי איך באַריר יענע, וועלכע איך האָב ליב,
און ווייל איך האַלט דיך נאָענט צו זיך,
אָטעם מיר אַריין דעם סוד פון דעם געמורמל,
וואָס איך בין אַזוי מקנא.

אין שיף־קאַיוטעס אויפן ים

(1870)

1

אין שיף־קאַיוטעס אויפן ים.
דאָס אומענדלעכע בלוי שפּרייט זיך אומעטום ;
פייפנדיקע ווינטן און די מוזיק פון די כוואַליעס —
די גרויסע געפערלעכע כוואַליעס ;
אָדער אַן איינזאַמע באַרקע וועגט זיך אויפן רויען ים,
וואו פריידיק, פול מיט צוטרוי, שפּרייט זי די ווייסע זעגלען,
שפּאַלט די לופט דורך פינקלענדיקן שוים בייטאָג,
אָדער דורך פיל־שטערנדיקער נאַכט.
אפשר וועלן ים רייזנדע, יונג און אַלט, פאָרט לייענען מיך,
דעם אָנדענק פון דער יבשה,
מיט פולער פאַרשטענדעניש.

2

„אָט זיינען אונזערע געדאַנקען פון רייזנדע,
ווערט מען דאָרטן אפשר זאָגן —
„דאָ באַווייזט זיך פאַר אונז ניט נאָר באָדן, פעסטער באָדן:
דער הימל גרייכט אַהער,
מיר פילן דעם זיך־וויגנדיקן דעק פון שיף אונטער אונזערע פיס ;
מיר פילן דעם אומאויפהערלעכן פולס —
דעם פלוס און שטראָם פון שטענדיקער באַוועגונג ;
די טענער פון אומגעזעענע מיסטעריעס ;
די אומבאַשטימטע, אומענדלעכע אָנדייטונגען אַף ים־וועלט ;
די פליסנדיקע זילבען, דער דופט, דאָס שוואַכע סקריפן פון די שטריק,
דער מעלאַנכאָלישער ריטם, די אומענדלעכע שטרעקע
דאָס אַלץ איז דאָ,
און דאָס איז דעם ימיס ליד.

3

טאָ שטאַמל ניט, אָ, בוך! דערפיל דיין באַשטימטן גורל.
דו, וואָס ביסט ניט נאָר די דערמאָנונג פון דער יבשה,
נאָר אַליין ווי אַן איינזאַמע באַרקע, וואָס שפּאַלט די לופט —
וואָהין געצילט, ווייס איך ניט אַליין —
דאָך שטענדיק פול מיט צוטרוי,
אַ באַגלייטער צו יעדער זעגלדיקער שיף — זעגל־מיט!
טראָג צו זיי מיין ליבע אין דיינע בלעטער.
(פאַר אייך, טייערע ים־רייזנדע,
האָב איך יעדן בלאַט מיט ליבע אָנגעפילט);
טראָג זיך שנעל, בוך מיינער!
קליינע באַרקע מיינע,
שפּרייט־אויס דיינע ווייסע זעגלען קעגן די חוצפּה'דיקע כוואַליעס!
זינג, זינג! זעגל ווייטער! איבער דעם גרענצלאָזן בלוי
טראָג פון מיר, צו יעדן ברעג,
דאָס ליד פאַר ים־רייזנדע און אַלע זייערע שיפן.

דאָס ליד פון דעם אוניוועדסאַלן

(1874)

1

קום, האָט די מוזע געזאָגט,
זינג מיר אַ געזאַנג, וואָס קיין דיכטער האָט נאָך ניט געזונגען:
זינג מיר דאָס אוניוועדסאַלע.

אין דער ברייטער ערד אין אונזערער,
אין דער מיט פון אומדערמעסטלעכער דיק און פסולת,
איינגעשלאָסן און אָפּגעהיט אין סאַמע האַרץ,
געפינט זיך דער זאמען פון פולקאָמענהייט.

מיט יעדן לעבן — אַ טייל, צי מער, צי ווינציקער;
אָן דעם, ווערט קיין זאַך ניט געבוירן —
פאַרהוילן, צי ניט פאַרהוילן,
דער זאָמען וואַרט.

2

אָ, שאַרף־אויגיקע, הויך־טורעמדיקע וויסנשאַפט!
ווי פון הויכע בערג־שפּיצן דעם איצט אַריבערבליקנדיק,
כסדר אַרויסגעבנדיק אַבסאָלוטע דעקרעטן.

און דאָך, זע, די נשמה איז איבער יעדער וויסנשאַפט;
אַרום איר האָט זיך דער עבר אַרומגעקליבן
ווי אַ שאָלעכץ אַרום דער ערד;
צוליב איר דרייען זיך אַלע מיריאַדן שטערן אין הימל.

איבער געדרייטע וועגן און בייוועגן,
(ווי אַ פיל־געקירעוועטע שיף אין ים)

פליסט צוליב איר דאָס טיילווייזע צום באַשטענדיקן ;
צוליב איר איז דאָס רעאַלע צום אידעאַלן געווענדט.

זי איז דאָס מיסטישע אין עוואָלוציע,
וואָס באַרעכטיקט ניט נאָר דאָס גערעכטע —
נאָר אויך דאָס, וואָס מיר רופן שלעכטס, איז באַרעכטיקט.

פון הינטער יעדן סאָרט מאַסקע,
פון דעם ריזיקן אייטערדיקן שטאָם פון פאַלשקייט,
באַטרוג און טרערן,
זאָל אַרויסקומען געזונט און פרייד — אוניווערסאַלע פרייד.

פון דעם גאַנצן גרויסן, קראַנקהאַפטן און פלאַכן,
אומענדלעכן באַטרוג,
פון דעם מערסטן שלעכטן — פאַרשיידנאַרטיקן,
פון מענטשן און שטאַטן —
עלעקטרישע קעגנווירקונג, וואָס שפּליטערט
און פילטערט זיך דורך ;
נאָר דאָס גוטע איז אוניווערסאַל.

3

איבער בערג — געוויקסן, קראַנקהייט און טרויער.
הויערט, הויערט הויך דער ניט־געכאַפּטער פויגל
אין דער לויטערער געזינטערער לופט.

פון אונטער דעם ברודיקסטן וואָלקן פון אומפּולקאָמענהייט,
שניידט זיך שטענדיק דורך אַ שטראַל פון ריינעם ליכט —
איין בליאַסק פון הימל'ס פּראַכט.

איבער דער געוויינלעכער, אַנגענומענער דיסהאַרמאָניע,
איבער דעם משוגע'נעם בבל־גערויש,
איבער פאַרטויבנדיקע אַרגיעס,

הערט זיך פון ערגעץ אַ ווייטן ברעג, אַ ניגון, וואָס גלעט און וויגט,
פון כאָר־פינאַל דאָס געקלאַנג.

4

אָ, די געבענטשטע אויגן! די גליקלעכע הערצער, וואָס זעען,
וואָס קענען אַזוי גוט דעם פירנדיקן פאָדעם,
דורך דעם מעכטיקן לאַבירינט!

5

און דו, אַמעריקע!
פאַר דער דערגרייכונג פונעם העכסטן ציל,
פאַרן געדאַנק און פינקטלעכער דורכפירונג פונעם ציל,
(ניט פאַר זיך אַליין) ביסטו געקומען.

דו אויך קרייזסט אַרום אַלץ:
אַרומנעמענדיק, טראָגנדיק, באַגריסנדיק אַלץ;
דו אויך, איבער שטעגן ברייטע און נייע,
גייסט צו דעם אידעאַלן.

די באַשטימטע גורלות פון אַנדערע לענדער,
די פּרעכטיקייטן פון עבר זיינען ניט פאַר דיר —
נאָר פּרעכטיקייטן דיינע אייגענע;
גורלות געטלעכע, גראַנדיעזע, וואָס נעמען אין זיך אַריין
און באַגרייפן אַלץ,
וואו אַלץ איז פאַר יעדן.

אַלע און אַלץ פאַר דער אומשטערבלעכקייט!
ליבע, ווי דאָס ליכט, שטיל אַרומהילנדיק אַלץ!
דער נאַטור'ס שפע — אַלעמענס ברכה!
דער צוויט און די פּרוכט פון די דורות, פּרוכט־סעדער פּרעכטיקע;
געשטאַלטן, זאַכן, פּלאַנצן, מענטשהייטן,
וואָס רייפן און ווערן גייסטיקע געשטאַלטן.

6

ענטפער מיר איבער, אָ גאָט, צו זינגען דעם דאַנקבאַרן געדאַנק!
באַשענק מיך, אים אָדער זי, וועמען איך האָב ליב,
מיט דעם נישט־אויסלעשנדיקן גלויבן אין דיין איינהייטלעכקייט.
וואָס דו זאָלסט ניט פאַרמיידן פון אונז,
נעם נישט צו ביי אונז דעם גלויבן אין דיין פּלאַנמעסיקייט,
וואָס איז איינגעשלאָסן אין צייט, רוים,
געזונט, פרידן, אוניווערסאַלע גליקזעליקייט.

איז דאָס אַ חלום?
ניין, אָן דעם — דער חלום.
און פעלט דאָס, איז לעבנ'ס לערע און פאַרמעגן — אַ חלום,
איז די גאַנצע וועלט אַ חלום.

אַ געזאַנג

(1860)

1

קום, איך וועל מאַכן דעם קאָנטינענט אומצעטיילבאַר.
איך וועל שאַפן די וואונדערלעכסטע ראַסע,
איבער וועלכער די זון האָט ווען־עס־איז געשיינט.
איך וועל שאַפן הערלעכע מאַגנעטישע לענדער,
מיט דער ליבע פון חבר׳שאַפט,
מיט דער לעבנס־לאַנגער ליבע פון חבר׳שאַפט.

2

איך וועל פלאַנצן אַזאַ נאָענטע חבר׳שאַפט,
ווי די ביימער ביי די ברעגן פון אַלע אַמעריקאַנער טייכן;
ביי די ברעגן פון אַלע גרויסע אָזערעס און איבער אַלע פּרעירים.
איך וועל מאַכן אומצעטיילאַרע שטעט,
מיט די אָרעמס פאַרוואָרפן איינע דער צווייטער אַף די אַקסלען;
מיט דער ליבע פון חבר׳שאַפט,
מיט דער שטאַרקער ליבע פון חבר׳שאַפט.

3

פון מיר צו דיר, אָ דעמאָקראַטיע,
צו דינען דיר, מיין ליבסטע!
פאַר דיר, פאַר דיר, זינג איך דאָס געזאַנג,
אין דער ליבע פון חבר׳שאַפט,
אין דער הויך־טורעמדיקער ליבע פון חבר׳שאַפט.

פון ברויזנדיקן ים, פון דער מענגע
(1865)

פון דעם ברויזנדיקן ים, פון דער מענגע,
איז אַ טראָפּן צאַרט צו מיר דערגאַנגען, מורמלענדיק:
איך האָב דיך ליב.
איידער איך גיי אויס, בין איך געקומען פון ווייט,
נאָר אַ קוק צו טאָן אויף דיר, דיך אָנצורירן,
ווייל איך האָב ניט געקענט שטאַרבן,
ביז איך וועל איינמאָל אַ קוק טאָן אויף דיר,
ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז איך קאָן דיך נאָך פאַרלירן.

דער טאַטע — שטאַרק און זעלבסט־צופרידן.



וואָלטער וויטמאַן

וואָלט וויטמאַנ'ס פֿאָטער

אַז איך האָב אין שטילקייט נאָכגעדענקט

(1870)

1

אַז איך האָב אין שטילקייט נאָכגעדענקט,
געפּאָרשט מיינע לידער, זיך באַטראַכט, נאָכגעקלערט,
איז אַ געשטאַלט פאַר מיר דערשינען, מיט אַ בליק פון אומצוטרוי ;
מוראַ'דיק אין שיינקייט, עלטער און מאַכט —

דער געניוס פון דיכטער אין אַלטע לענדער,
מיט אויגן פלאַמיקע ווי צו מיר געווענדט ;
מיט אַ פינגער ווייזנדיק אַף לידער אומשטערבלעכע :
„וואָס טוסטו זינגען" ?
האָט דאָס געשטאַלט דראָענדיק געזאָגט :
„ווייסטו דען ניט, אַז זינגער האָבן אייביק איין טעמע נאָר,
און דאָס איז : די טעמע פון קריג, דער גורל פון שלאַכטן,
דאָס שאַפן סאָלדאַטן פולקאָמענע ?"

2

„זאָל זיין אַזוי",
האָב איך געענטפערט —
„איך אויך, שאָטן שטאָלצער, זינג קריג.
וויכטיקער און גרעסער פון יעדן קריג.
פאַרנומען איז מיין בוך מיט אומזיכערן גורל —
מיט פליטה, אנגריף און צוריקטריט —
מיט זיג פאַרצויגענעם און וואַקלדיקן.
(דאָך דענק איך זיכער, אָדער אַזוי גוט ווי זיכער) :
די וועלט איז דאָס שלאַכטפעלד.
אויף לעבן און טויט, פאַר דעם לייב און פאַר דער אייביקער נשמה.
הער ! איך אויך קום אַהער זינגען דאָס געזאַנג פון קריג ;
איך, מער ווי אַלץ, גרייט־צו בראַווע סאָלדאַטן !

פֿאַר אים זינג איך

(1870)

פֿאַר אים זינג איך.
איך דערצי דעם איצט אויף דער פֿאַרגאַנגענהייט.
(ווי אַ בוים אויף זיינע וואָרצלען,
אַזוי דעם איצט אַף דער פֿאַרגאַנגענהייט).
מיט צייט און רוים ברייטער איך אים אויס,
מיט די אייביקע געזעצן שמעלץ איך אים צונויף,
כדי ער זאָל דורך זיי שאַפֿן דאָס געזעץ פֿאַר זיך אַליין.

מײַן פּוס־געשטעל איז אײַנגעפּאַסט אין גראַניט.
איך לאַך פון דעם, װאָס איר רופט אָן: נישט װערן,
און איך װײס די אומענדלעכקײט פון צײַט.

צו אַ היסטאָריקער

(1860)

דו, וואָס פאַרערסט פאַרגאַנגענהייטן!
וואָס האָסט געפאָרשט דאָס אויסערלעכע,
דאָס אויבערפלעכלעכע פון ראַסן —
דאָס לעבן, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן;
דו, וואָס האָסט באַהאַנדלט דעם מענטשן
אַלס דאָס באַשעפעניש פאַר פאָליטיק, הערשער און גלחים;
איך, דער איינוואוינער פון די אַלעגעינים, באַהאַנדל דעם מענטשן
ווי ער איז אין זיך, אין זיין אייגענעם רעכט,
האַלטנדיק שטייף דעם פולס פון ד ע ם לעבן,
וואָס האָט זיך זעלטן אַנטפלעקט,
(דער גרויסער שטאָלץ פון דעם מענטשן אין אים אַליין);
זינגער פון דער פערזענלעכקייט, צייכן איך אָן
וואָס עס וועט ערשט זיין,
פּראָיעקטיר איך די געשיכטע פון דער צוקונפט.

ווער דו זאָלסט ניט זיין, וואָס האָלטסט מיך איצט אין דיינע הענט

(1860)

ווער דו זאָלסט ניט זיין,
וואָס האַלטסט מיך איצט אין דיינע הענט —
אָן איין זאַך, וועט אַלעס זיין נוצלאָז;
איך וואָרן דיך אין צייט,
איידער דו פאַרנעמסט זיך מיט מיר ווייטער:
איך בין ניט וואָס דו האָסט זיך פאָרגעשטעלט, נאָר אַ סך אַנדערש.

ווער איז עס דער, וואָס וויל ווערן מיין נאָכפאָלגער?
ווער וויל עס ווערן אַ קאַנדידאַט פאַר מיין ליבשאַפט?

דער וועג איז פאַרדעכטיק,
דער אויסגאַנג אומבאַשטימט, אפשר צעשטערנד;
וועסט דאַרפן אויפגעבן אַלעס איבעריקע.
איך אַליין דערוואַרט צו זיין דיין גאָט, אַליין און אויסשליסלעך.
און דאַן ערשט וועט די נייע לערע
זיך ציען לאַנג און אויסמאַטערנדיק.
די גאַנצע פריערדיקע טעאָריע פון דיין לעבן,
און צושטימונג צו די אַרומיקע לעבנס,
וועלן דאַרפן אויפגעגעבן ווערן;
דערפאַר לאָז מיך בעסער איצטער אָפּ,
איידער דו פרובירסט ווייטער,
נעם־אַרונטער דיין האַנט פון מיין אַקסל,
לאָז מיך אָפּ און גיי דיר דיין וועג.

דיכטער, וואָס וועלן ערשט קומען

(1860)

דיכטער, וואָס וועלן ערשט קומען!
רעדנער, זינגער, מוזיקער פֿון דער צוקונפֿט!
ניט דער היינט וועט מיך באַרעכטיקן
און ענטפֿערן, צו וואָס איך בין.
נאָר איר, אַ נייער דור, אייגן אין דעם קאָנטינענט,
אַטלעטיש, גרעסער ווי ווער ס'ניט איז פֿריער,
שטייט־אויף! שטייט־אויף — ווייל איר מוזט ענטפֿערן —
איר מוזט מיך באַרעכטיקן.

איך אַליין שרייב נאָר אַ וואָרט צי צוויי,
וואָס דייטן־אָן די צוקונפֿט.
איך אַליין האָב זיך נאָר באַוויזן אַ מאָמענט,
און איך קייקל זיך שנעל צוריק אין דער טונקלקייט אַריין.

איך בין דער מענטש, וואָס שפּאַצירנדיק פֿאַרביי,
וואַרפֿט אויף אייך צו אַ בליק און קער זיך ווידער אָפּ,
לאָזנדיק פֿאַר אייך צו איבערצייגן און באַשטימען,
דערוואַרטנדיק די הויפּט־זאַכן פֿון אייך.

בראָדווײ

(1885)

וואָס פאַר אַ אײלנדיקע מענטשן שטראָמען בײטאָג און בײנאַכט !
וואָס פאַר אַ לײדנשאַפטן, געווינסן, פאַרלוסטן, הײסע באַגערן,
שווימען אין דײנע וואַסערן !
וואָס פאַר אַ שטורעמס פון שלעכטס, גליקזעליקײט און עלנט
ווירבלען אין דיר !
וואָס פאַר אַ נײגעריקע פרעגנדיקע בליקן — ליבעס־בליצן !
בליקן פון גניבה, קנאה, פאַראַכטונג, חזוק, האָפענונג, שטרעבן !
דו טויער, דו אַרענאַ, דו, פון די מיריאַדן
לאַנג־געצויגענע רײען און גרופעס !
(וואָלטן נאָר דײנע ברוק־שטײנער, ראָגן, פאַסאַדן,
רײכע וויטרינעס, רײזיקע האָטעלן און דײנע ברײטע טראָטואַרן
געקענט דערצײלן זײערע אינטימע געשיכטעס !)
דו, איבער וועלכער עס שאַרן זיך אומצײליקע, טאַנצנדיקע,
זיך טוקנדיקע פיס !
דו, ווי די פילפאַרביקע וועלט אַלײן,
ווי דאָס אײביק פרוכטבאַרע, שפּאָטנדיקע לעבן !
דו, פאַרמאַסקירטער, רײזיקער ספּעקטאַקל און לערע,
פאַר וועמען עס זײנען קײן ווערטער ניטאָ !

די בראַווסטע סאָלדאַטן

(1888)

בראַוו, בראַוו זיינען געווען די סאָלדאַטן
(וועמענס נעמען עס זיינען היינט באַרימט),
וועלכע האָבן איבערגעלעבט די שלאַכט ;
אַבער די בראַווסטע סאָלדאַטן
האָבן זיך געשפּאַרט צו די פאָדערשטע רייען
און געפאַלן נאַמענלאָזע, אומבאַקאַנטע.

געזאַנג פון ווערטער

(1856)

ערד, רונד, קרייזנדיק, קאָמפּאַקט — זונען, לבנות, חיות —
דאָס זיינען ווערטער צום אויסריידן;
וואַסער, גרינסן, פאַרשטיינערטע רעפּטילן,
וועזנס, פּאַראויסזאָגונגען, דאָס שטאַמלען אין דער צוקונפט;
הערט! דאָס זיינען רייכע ווערטער צום אויסריידן.
האָט איר געמיינט, אַז ד אָ ס זיינען די ווערטער —
אָט יענע גלייכע פּאַסיקלעך, האַלב־רונדן, קווערן און פּינטעלעך?
ניין, דאָס זיינען ניט די ווערטער —
די ממשות׳דיקע ווערטער זיינען אין דעם באָדן און אין ים,
זיי זיינען אין דער לופט — זיי זיינען אין אייך.

האָט איר געמיינט,
אַז יענע געשמאַקע קלאַנגען, וואָס קומען פון אייער פריינט׳ס מויל
זיינען די ווערטער?
ניין, די ריכטיקע ווערטער זיינען אַ סך געשמאַקער ווי זיי.

מענטשלעכע קערפּערס זיינען ווערטער, מיריאַדן ווערטער;
אין די בעסטע לידער קומט צוריק דאָס לייב, אַ מאַנ׳ס צי אַ פרוי׳ס,
שיין־געשטאַלטיק, נאַטירלעך, פריילעך.
יעדער טייל פייאיק, טעטיק, אויפנעמענדיק,
אָן בושה אָדער נויטווענדיקייט פאַר בושה.

●—●

לופט, ערד, וואַסער, פייער — דאָס זיינען ווערטער;
איך אַליין בין אַ וואָרט מיט זיי צוזאַמען.
מיינע אייגנשאַפטן גיסן זיך צונויף מיט זייערע —
מיין נאָמען מיינט גאָר נישט פאַר זיי;
ווען מען זאָל אים אפילו אָנרופן אין דריי טויזנט שפּראַכן,
וואָס וועט לופט, ערד, וואַסער, פייער, וויסן פון מיין נאָמען?

געזונטע אַנוועזנהייט, אַ פֿריינטלעכע אָדער באַפֿעלנדיקע באַוועגונג
זיינען ווערטער, רייד, באַדייטונגען;
דער חן פֿון געווייסע מענער און פֿרויען
איז אויך רייד און באַדייטונגען.

●—●

ווער דו זאָלסט ניט זיין! באַוועגונג און געדאַנק
זיינען פֿון דיינעטוועגן.
די געטלעכע שיף שווימט איבערן געטלעכן ים פֿון דיינעטוועגן.

ווער דו זאָלסט ניט זיין! ביסטו, ער אָדער זי,
פֿון וועמענסוועגן די ערד איז באַדנדיק און פֿליסיק;
די ביסט ער אָדער זי, פֿאַר וועמען די זון און לבנה
הענגען אין הימל;
פֿאַר קיינעם ניט מער ווי פֿאַר דיר, איז דער איצט און דער עבר,
ווייל קיינער איז ניט מער אומשטערבלעך ווי דו.

●—●

יעדער מאַן פֿון זיינעטוועגן און יעדע פֿרוי פֿון אירעטוועגן;
דאָס איז דאָס וואָרט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט,
און דאָס וואָרט פֿון אומשטערבלעכקייט.
קיינער קאָן ניט דערגרייכן פֿאַרן צווייטן — קיינער!
קיינער קאָן ניט וואַקסן פֿאַרן צווייטן — קיינער!

דאָס געזאַנג איז צום זינגער, און קומט מערסטנס צוריק צו אים;
די לערע איז צום לערער, און קומט מערסטנס צוריק צו אים;
דער מאָרד איז צום מערדער, און קומט מערסטנס צוריק צו אים;
די גניבה איז צום גנב, און קומט מערסטנס צוריק צו אים;
די ליבע איז צו דעם וואָס ליבט, און קומט מערסטנס צוריק צו אים;
דאָס געשאַנק איז צום גיבער, און קומט מערסטנס צוריק צו אים;
עס מיידט ניט אויס.
דאָס שיינרעדנערייַ איז צום רעדנער,
דאָס שוישפּיל צום שוישפּילער און צו דער שוישפּילערין,
ניט צו די צושויער.

און קיין מענטש קאָן נישט פֿאַרשטיין גרויסקייט אָדער גוטסקייט,
נאָר דורך זיך אַליין.

•—•

איך שווער, די ערד וועט זיכער זיין פּערפֿעקט
פֿאַר אים אָדער איר, וועלכע זיינען אַליין פּערפֿעקט!
איך שווער, די ערד בלייבט וואונדיק און צעריסן
נאָר פֿאַר אים אָדער איר, וועלכע זיינען אַליין וואונדיק און צעריסן!
איך שווער, ס'איז ניטאָ קיין גרויסקייט און קיין מאַכט,
וואָס פֿאַרמעסט זיך נישט מיט דער ערד'ס גרויסקייט און מאַכט!
איך שווער, עס קאָן נישט זיין קיין ווערטפֿולע טעאָריע,
סיידן זי באַשטעטיקט די טעאָריע פֿון דער ערד!
קיין פּאָליטיק, קונסט, רעליגיע, אויפֿפֿירונג, אָדער וואָס נישט איז,
האָט וועלכן־עס־איז ווערט, סיידן עס פֿאַרמעסט זיך
מיט דער גרוים פֿון דער ערד.
סיידן עס שפּיגלט־אָפּ די פּינקטלעכקייט, לעבעדיקייט, ערלעכקייט,
אויפֿריכטיקייט פֿון דער ערד.

דו, ים

(1855)

דו, ים! אויך צו דיר גיב איך זיך איבער,
איך טרעף וואָס דו מיינסט.
איך זע פון ברעג דיינע אויסגעבויגענע, רופנדיקע פינגער;
איך גלויב, אַז דו ווילסט נישט צוריקגיין, איידער דו באַרירסט מיך;
מיר דאַרפן זיך גיבן איינער דעם צווייטן אַ געלעגנהייט.
איך טו זיך אויס.
נעם מיך שנעל אַוועק, מען זאָל מיך ניט זען פון דער יבשה.
בעט מיר אוים ווייך, וויג מיך אין כוואַליענדיקן דרעמל;
באַפאַל מיך מיט פייכטקייט פון ליבע — איך וועל דיר צוריקצאָלן.

אַ פרוי וואַרט אויף מיר

(1856)

אַ פרוי וואַרט אויף מיר. זי פאַרמאָגט אַלץ.
עס פעלט קיין זאַך ניט.
אַלץ וואָלט געפעלט, ווען געשלעכט וואָלט געפעלט,
אָדער, ווען דער זאַפט פון דעם ריכטיקן מאַן וואָלט געפעלט.

געשלעכט פאַרמאָגט אַלץ:
קערפּערס, נשמות, זין, איבערצייגונגען, אומשולד,
צערטלעכקייט, רעזולטאַטן, איינפירונגען;
לידער, באַפעלן, געזונט, שטאָלץ,
דאָס מיסטיש-מוטערלעכע, די זריעה;
אַלע האָפענונגען, וואוילטעטיקייטן, מתנות;
אַלע ליידנשאַפטן, ליבעס, שיינקייטן, ערדישע פאַרגעניגנס,
אַלע רעגירונגען, ריכטער, געטער,
די וועמען מען פאָלגט־נאָך אַף אונזער ערד, —
די אַלע זיינען פאַראַן אין געשלעכט, אַלס טיילן אין זיך,
און אַלס באַרעכטיקונג פאַר דעם.

ליב איז מיר דער מאַן, וואָס ווייסט און אָנערקענט אָן בושה,
דאָס פאַרגעניגנדיקע פון זיין געשלעכט.
ליב איז מיר די פרוי, וואָס ווייסט און אָנערקענט אָן בושה
איר געשלעכט.

איצט וועל איך זיך אָפּזאָגן פון גלייכגילטיקע פרויען,
איך וועל גיין און זיין מיט יענער, וועלכע וואַרט אויף מיר,
און מיט יענע פרויען, וואָס זיינען היים-בלוטיק
און צופרידנשטעלנדיק פאַר מיר.
איך ווייס, אַז זיי פאַרשטייען מיך און זאָגן זיך ניט אָפּ פון מיר.
איך זע, אַז זיי האָבן מיך די ווערט.
איך וועל זיין דער קרעפטיקער מאַן פאַר יענע פרויען.

זיי זיינען ניט קיין פינטל קלענער פון מיר.
זייערע פּנים׳ער זיינען ברוין פון שיינענדיקער זון
און בלאָזנדיקע ווינטן.
זייער לייב פאַרמאָגט די אַלט־געטלעכע בויגזאַמקייט און קראַפט.
זיי קענען שווימען, שיסן זיך, רייטן, ראַנגלען זיך,
שיסן, לויפן, שלאָגן, אַנטלויפן, באַפאַלן,
זיך קעגנשטעלן, זיך פאַרטיידיקן;
זיי זיינען אַנטשלאָסן אין זייער אייגענער רעכט —
זיי זיינען רואיק, פאַרשטענדיק און קענען זיך באַהערשן.

איך ציִ אייך צו נאָענט צו זיך, פרויען.
איך קאָן אייך ניט אָפּלאָזן, איך וויל אייך גוטס טאָן,
איך בין פאַר אייך און איר זענט פאַר מיר,
ניט בלויז פון אונזערטוועגן, נאָר אויך צוליב אַנדערע.
איינגעוויקלט אין אייך שלאָפן גרעסערע העלדן און דיכטער,
און זיי וועלן ניט דערוואַכן פון קיין מאַנס באַריר, אַ חוץ מיינעם.

דאָס בין איך, איר פרויען,
איך מאַך מיר אַ וועג.
איך בין שטרענג, שאַרף, גרויס, עקשנות׳דיק;
נאָר איך האָב אייך ליב.
איך טו אייך ניט מער וויי, ווי עס איז נויטיק פאַר אייך,
איך גיס דעם שטאָף אָנצופאַנגען זין און טעכטער,
פאַסיקע פאַר די שטאַטן.
איך דריק מיט פאַרזיכטיקע, אָבער שטייפע מוסקולן,
מיין באַהעפטונג איז אַ פרוכטבאַרע.
איך קלאַמער זיך אַרום אַף אַן אמת׳ן, איך הער זיך ניט צו
צו קיין געבעט;
איך וואָג זיך ניט צוריקצוציען, ביז איך לאָז ניט איבער,
וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי לאַנג אין מיר.

דורך אייך לייזיק איך אויס פון זיך
די אָנגעזאַמלטע טייכן.
אין אייך וויקל איך איין אַ טויזנט קומענדיקע יאָרן.

אין אייך צעצווייג איך
דאָס בעסט־געליבטע, פון זיך און פון אַמעריקע.
פון די טראָפּן, וואָס איך טריף אַריין אין אייך,
וועלן אויסוואקסן אומגעצאַמטע, אַטלעטישע טעכטער,
נייע קינסטלער, מוזיקער און זינגער.
די קינדער, וואָס איך געבויר אין אייך,
וועלן אין זייער צייט אויך געבוירן קינדער,
איך וועל פאָדערן פולקאָמענע זין און טעכטער
פון מיינע ליבעס.
איך וועל פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן פאַרקערן מיט אַנדערע,
ווי איך פאַרקער איצט מיט אייך.
איך וועל דערוואַרטן די פרוכט פון זייערע גוס־רעגנס,
ווי איך וואַרט אויף די פרוכט פון מיינע גוס־רעגנס איצט.
איך וועל דערוואַרטן טייערע ליבע־געראַטעניש, פון געבורט,
לעבן, טויט און אומשטערבלעכקייט,
וואָס איך פלאַנץ איצט מיט אַזויפיל ליבע.

אַכט־און־צוואַנציק יונגעלייט באָדן זיך בײַם ברעג

(1855)

אַכט־און־צוואַנציק יונגעלייט באָדן זיך בײַם ברעג;
אַכט־און־צוואַנציק יונגעלייט, און אַלע אַזוי ליבלעך;
אַכט־און־צוואַנציק יאָר פון פרויען־לעבן, און אַלע אַזוי איינזאַם.

צו איר געהערט דאָס שיינע הויז קעגנאיבער דעם ברעג;
זי באַהאַלט זיך, שיין־און רייך־געקליידט,
הינטער די שטאָרן פונעם פענצטער.

וועלכער יונגערמאַן געפעלט איר צום בעסטן?
אָ, דער מיאוס'טער פון זיי זעט איר אויך אויס שיין.

וואו באַהאַלטסטו זיך, יונגע פרוי? ווייל איך זע דיך!
כאָטש דו שטייסט אַזוי פאַרכאַפּט־שטיל ביי דיר אין צימער,
שפּריצסטו זיך מיט זיי אין וואַסער דאָרטן.

אַ טאַנצנדיקע, אַ לאַכנדיקע איז זי, די נייַן־און־צוואַנציקסטע,
געלאָפן צום ברעג זיך באָדן.
די איבעריקע האָבן זי ניט באַמערקט, אָבער ז י האָט זיי געזען
און זיי ליב געקראָגן.

די בערד פון די יונגעלייט האָבן געגלאַנצט אין וואַסער,
וואַסער האָט געטריפט פון זייערע לאַנגע האָר,
וואַסער האָט געשטראָמט איבער זייערע קערפּערס.

אַן אומזיכטבאַרע האַנט האָט אויך געגלעט זייערע לייבער,
אַ ציטערדיקע האָט זיך איר האַנט אַראָפּגעלאָזט פון זייערע שלייפן
און ריפּן.

די יונגעלייט שווימען אויף זייערע רוקנס,
זייערע ווייסע בייכער סטאַרטשען אַרויף צו דער זון;
זיי פרעגן ניט, ווער עס קלאַמערט זיך אָן זיי;
זיי פרעגן ניט, ווער עס אָטעמט אַזוי שווער,
זיך בויגנדיק אויף־און־אָפּ אין האַלבן קערפּער־בויג;
זיי קלערן ניט, וועמען זיי באַשפּריצן מיט דעם וואַסער־שוים.

צו פרעמדע לענדער

(1860)

איך האָב געהערט, איר האָט געזוכט אַ באַשייד
פאַר דעם רעטעניש: די נייע וועלט:
איר זוכט צו פאַרשטיין אַמעריקע, איר אַטלעטישע דעמאָקראַטיע —
דערפאַר שיק איך אייך מיינע לידער,
כדי איר זאָלט אין זיי געפינען וואָס איר האָט געוואָלט.



וואָלט וויטמאַן — פון דזשיי. וו. אַלעקסאַנדערס אויל־פאַרב.
רעפּראָדוצירט אין „האַפּערס זשורנאַל", אין 1892.
(דער אָריגינאַל געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרקער קונסט־מוזעי).

אַ גרוס דער וועלט

(1856)

(SALUTE AU MONDE)

1

אָ, נעם מיין האַנט, וואָלט וויטמאַן!
אַזעלכע פליסנדיקע וואונדער! אַזעלכע בילדער און קלאַנגען!
אַזעלכע אומענדלעכע, צוזאַמענגעשלאָסענע רינגען,
איינער געקייטלט אין צווייטן!
יעדער איינער ענטפערט אַלעמען.
איטלעכער טיילט די ערד מיט יעדן.

וואָס ברייטערט זיך אין דיר, וואָלט וויטמאַן?
וואָס פאַר אַ כוואַליעס און ערדן?
וואָסערע קלימאַטן? וואָסערע מענטשן און לענדער זיינען עס?
ווער זיינען די קינדער? אַ טייל שפּילנדיק, אַנדערע דרעמלענדיק?
ווער זיינען די מיידלעך? ווער זיינען די פרויען?
ווער זיינען די גרויסע זקנים, וואָס גייען פּאַמעלעך,
איינער דעם צווייטן די אָרעמס אויף די אַקסלען?
וואָס פאַר אַ טייכן זיינען עס? וואָס פאַר אַ וועלדער און פרוכטן?
ווי ווערן גערופן די בערג, וואָס הויבן זיך אַזוי הויך אין די נעפּלען?
וואָס זיינען עס פאַר אַ מיריאַדן וואוינונגען, פול מיט באַוואוינער?

2

די ברייט ווערט ברייטער נאָך אין מיר. די לענג ווערט לענגער.
אַזיע, אַפריקע, אייראָפּע זיינען צום מזרח.
אַמעריקע געפינט זיך אין מערב:
אַרום דעם בויך פון דער ערד דרייט זיך דער הייסער עקוואַטאָר;
ווי מערקווירדיק עס בויגן זיך צו צפון און צו דרום
די שפּיצן פון די אַקסן!
אין מיר איז דער לענגסטער טאָג;

די זון דרייט זיך אין שיפּע רינגען,
און גייט מאָנאַטן־לאַנג ניט אונטער.
אין רעגלמעסיקן שטח פון דער צייט,
גייט אויך אין מיר אויף די מיטנאַכט־זון איבערן האָריזאָנט,
און גייט צוריק אונטער.
אין מיר—שטרעקעס, ימ'ען, וואַסערפאַלן, פלאַנצונגען, וואולקאַנען,
גרופּעס, מאַלאַיאַס, פּאָלינעזיע,
און די גרויסע מערב־אינדישע אינזלען.

3

וואָס הערסטו, וואָלט וויטמאַן?

איך הער דעם אַרבעטער זינגען, און דעם פּאַרמערס ווייב זינגען;
איך הער אין דער ווייט די קולות פון קינדער
און פון פי אין פרימאָרגן;
איך הער דעם שנעלן ביקסן־שאָס פון די יעגער אויף יאַגד,
אין די בערג פון מזרח־טענעסי און קענטאַקי;
איך הער די וואוילינגערישע געשרייען פון אויסטראַליער,
אין געיעג נאָכן ווילדן פערד;
איך הער דעם שפּאַנישן טאַנץ, מיט קאַסטאַנעטן,
אין שאָטן פון קאַשטאַנען, צו דער מוזיק פון ציבל און גיטאַרע;
איך הער די שטענדיקע עכאָס פון דער טעמזע;
איך הער פראַנקרייכ'ס פלאַמענדיקע פרייהייטס־לידער;
איך הער פון דעם איטאַליענישן שיפלער,
דעם מוזיקאַלישן רעציטאַטיוו פון אַלטע לידער;
איך הער אין אַ שניט־נאַכט דעם נעגער־כאָר אויף אַ ווירדזשיניער
פלאַנטאַציע, אין שיין פון גליענדיקן סאָסנע־סוק;
איך הער די שטאַרקע באַריטאָן־שטימע פונעם האַפן־אַרבעטער
אין מאַנהעטן;
איך הער די שיף־אַרבעטער אויסלאָדן די משא זינגענדיק;
איך הער דעם קוויטש פון די וואַסער־פייגל אויף די איינזאַמע
אָזערעס פון צפון־מערב.

איך הער דאָס שאַרשנדיקע גערויש פון הײשעריקן,
בשעת זיי שלאָגן די תבואה און דאָס גראָז מיטן שלאַק
פון זייערע שרעקלעכע וואָלקנס.
איך הער דעם מצרי'ס צוזינג, וואָס פאַלט מעלאַנכאָליש,
מיטן זונפאַרגאַנג, אויפן בוזעם פון דער שוואַרצער, בכבוד'יקער,
אומענדלעכער מוטער נילוס;
איך הער די סיגנאַלן פון די פּליטן־פירער
אויף די קאַנאַדער וואַסערן;
איך הער די סיגנאַלן פון דעם מעקסיקאַנער מויל־אייזל־טרייבער
און דעם מויל־אייזל'ס גלעקלעך;
איך הער דעם אַראַבער מועזין *) רופנדיק פון שפּיץ טעמפּל;
איך הער די קריסטלעכע גלחים ביי די אַלטאַרן פון זייערע קירכן —
איך הער ווי דער באַס און די סאָפּראַנאָ האַלטן־אונטער;
איך הער דאָס גרייז־גרויע אירלענדישע פּאָרל יאָמערן
אין גרעסטער פאַרצווייפלונג,
ווען זיי דערוויסן זיך פון זייער אייניקל'ס טויט;
איך הער דאָס געשריי פון דעם קאָזאַק
און דאָס קול פון דעם מאַטראָס,
וואָס לאָזט זיך אויפן ים ביי אָכאָטסק.

איך הער דאָס פּראַכן פון די שקלאַפן,
ווען עס ציט דער שקלאַפן־צוג —
אַ חברה ריזן, וואָס גייען צו צוויי און צו דריי געקייטלט צוזאַמען
די הענט און די פיס;
איך הער דאָס געבעט פון פרויען געבונדענע באַשטראָפט צו ווערן;
איך הער די צישנדע שמיץ פון די רימענס אין דער לופט;
איך הער דעם אידן לייענען זיינע שריפטן און זיין תהלים;
איך הער די ריטמישע מיטן פון די גריכן
און די מעכטיקע לעגענדעס פון די רוימער;
איך הער די געשיכטע פון דעם הייליקן לעבן
און דעם בלוטיקן טויט פון דעם שיינעם גאָט קריסטוס;
איך הער דעם הינדו לערנען מיט זיין באַליבטן תלמיד

*) מועזין — שמש, וואָס רופט תפילה טאָן.

די ליבעס, מלחמות, זאַגעס,
געשריבן פון פּאָעטן דריי טויזנט יאָר צוריק,
פאַרהיט און איבערגעגעבן ביז צום היינטיקן טאָג.

4

וואָס זעסטו, וואָלט וויטמאַן?
ווער זיינען די, וועמען דו באַגריסט
און וואָס איינער נאָכן אַנדערן באַגריסן זיי דיך?

איך זע אַ גרויסן רונדן וואונדער זיך קרייזנדיק אין לופט;
איך זע קליינע פאַרמס, דערפלעך, רואינען, בית־עלמינס,
תפיסות, פאַבריקן, פּאַלאַצן, שטיבלעך,ביידלעך פון ווילדע,
געצעלטן פון נאָמאַדן, אויף דער פלאַך פון דער ערד.
איך זע אויף איין זייט דעם שאָטנדיקן טייל,
וואו די שלאָפערס שלאָפן —
און דעם זוניקן טייל אויף דער צווייטער זייט.
איך זע דאָס מערקווירדיק־שטילע בייטן זיך פון ליכט און שאָטן;
איך זע ווייטע לענדער אַזוי רעאַל און נאָענט
צו זייערע איינוואוינער,
ווי מיין לאַנד איז צו מיר.

איך זע אָן אַ שיעור וואַסערן;
איך זע בערג־שפּיצן —
איך זע די סיערא־בערג פון אַנדעס און אַלעגהעניס,
וואו זיי געפינען זיך;
איך זע קלאָר די הימאַלאַיעס, טשיאַן־שאַה׳ן, אַלטאַיעס, גאַוט׳ן;
איך זע די ריזיקע הויכן פון עלברוס, קאַזבעק, באַזאַרדוס;
איך זע די ראָקי־מאַונטענס און דעם פעלזן־שפּיץ פון די ווינטן;
איך זע די שטירישע אַלפּן און די קאַרנישע אַלפּן;
איך זע די פּירענעען, די באַלקאַנען, די קאַרפּאַטן —
און צום צפון די דאָפראַ פעלדער,
און ווייט ביים ים, דעם העקלאַ־באַרג;
איך זע וועזוואוויוס און עטנא — איך זע דעם אנאהואקס;

איך זע די לבנה־בערג און די שניי־בערג
אוןְ די רויטע בערג פון מאדאגאסקאר ;
איך זע די ווערמאָנט־בערג און דעם לאַנגן שנור קארדילערן.

איך זע די אומגעהייערע מדבריות פון מערב־אַמעריקע ;
איך זע די ליביער, אַראַבישע און אַזיאַטישע מדבריות ;
איך זע די מורא׳דיק־ריזיקע אַרקטישע
און אַנטאַרקטישע אייז־בערג.

איך זע די גרעסערע אָקעאַנען און די קלענערע ;
דעם אַטלאַנטיק און דעם פאַסיפיק ;
דעם ים פון מעקסיקאָ, דעם בראַזילישן ים און דעם ים פון פערו,
די יאַפאַנישע וואַסערן און די וואַסערן פון הינדוסטאַן,
דעם כינעזישן ים און דעם גאָלף פון גווינעאַ,
דעם פאַרנעם פון באַלטישן ים, דעם קאַספישן ים, באָטניאַ,
די ענגלישע ברעגן און די בוכטע פון ביסקעי,
דעם קלאָר־זוניקן מיטללענדישן ים,
פון איינעם ביז אַלע פון זיינע אינזלען ;
די אינלענדישע פרישע ימים פון צפון־אַמעריקע,
דעם ווייסן ים און דעם ים אַרום גרינלאַנד.

איך זע פאַר זיך די ים־רייזנדע פון דער וועלט :
אַ טייל אין שטורעמס ; אַ טייל אין דער נאַכט —
די וואַך אויף איר פלאַץ.
אייניקע חילפלאָזע,
אַנדערע מיט אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן.

איך זע פאַר זיך די זעגל און דאַמף־שיפן פון דער וועלט,
אַ טייל אין גרופעס אין די האַפנס, אַנדערע אויף זייערע רייזעס ;
אייניקע רייזן אַרום דעם י ב ש ה־פ אַ ס פ ו ן ש ט ו ר ע מ ס ;
אייניקע — אַרום דעם יבשה־פאַס ווערדע ;
אַנדערע — אַרום דעם פאַס גוואַרדאַפוי, באָן, צי באַכאַדאַרע ;
אַ טייל אַרום דאָנדראַ־קאַפ ;
אַנדערע שווימען דורך די שמאָלע וואַסער־דורכגאַנגען פון סונדאָ ;

אַנדערע ביים פּאַס לאַפּאַטקאַ ;
אַנדערע — דעם בעהרינג־דורכגאַנג ;
אַ טייל אַרום האָרן־פּאַס, אייניקע אַרום גאָלף פון מעקסיקאַ,
צי ביי קובאַ אָדער האַיטי ; אַנדערע ביים האָדסאָן־ברעג,
אָדער באַפּין־אויסגוס.

אַנדערע גייען דורך דעם דאָווער־דורכגאַנג,
אייניקע שווימען אַריין אין דעם „וואַש" ;
אַנדערע — אין דעם פירטה פון סאָלוויי ;
אייניקע רייזן־אַרום „קעיפּ־קליר" ; אַנדערע—דעם לאַנד'ס ברעג ;
אייניקע שניידן־דורך דעם זודער־זעע, אָדער דעם שעלד ;
אייניקע קומען־צו צו די אַרויסגאַנגען
אָדער אַריינגאַנגען פון סענדי הוק ;
אַנדערע זיינען מיט די קומענדיקע און גייענדיקע
ביים גיבראַלטאַר, אָדער די דאַרדאַנעלן ;
אַ טייל שפּאַרן זיך עקשנות'דיק דורך די צפונ'דיקע אייז־קריעס ;
אייניקע שטייגן־אַראָפּ אָדער אַרויף דעם אָב, אָדער לענאַ ;
אַנדערע — דעם ניגער אָדער קאָנגאָ ;
אַ טייל — דעם הינדוס,
דעם בוראַמפּוטער און קאַמבאָדיאַ.
אַנדערע וואַרטן פול דאַמף ביי די האַפנס פון מאַנהעטן,
גרייט אָפּצושווימען ;
אַנדערע, האַסטיקע און פאַררויכערטע,
וואַרטן אין די האַפנס פון אויסטראַליע ;
וואַרטן אין ליווערפּול, גלאַזגאָו, דובלין, מאַרסעל, ליסאַבאָן,
נעאַפּאָל, האַמבורג, ברעמען, באָרדאָ, האַאַג, קאָפּענהאַגן ;
וואַרטן אין וואַלפּאַראַיזאָ, ריאָ־זשאַנעיראָ, פּאַנאַמאַ ;
וואַרטן געאַנקערטע אין באָסטאָן, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר,
טשאַרלסטאָן, ניו אָרלינס, גאַלוועסטאָן, סאַן־פראַנציסקאָ.

5

איך זע די רעלסן פון די באַן־ליניעס איבער גאָר דער ערד ;
איך זע זיי באַהעפטן שטאָט מיט שטאָט, שטאָט מיט שטאָט,
איבער צפון־אַמעריקע ;

איך זע זיי אין גרויס־בריטאַניע, איך זע זיי אין אייראָפּע;
איך זע זיי אין אַזיע און אין אַפריקע.

איך זע די עלעקטרישע טעלעגראַפן איבער גאָר דער ערד;
איך זע די דראָטן, וואָס טראָגן די נייעס פון מלחמות, טויטן,
פאַרלוסטן, געווינסן, ליידנשאַפטן פון מיין ראַסע.

איך זע די לאַנגע טייך־פּאַסן איבער גאָר דער ערד.
איך זע וואו דער מיסיסיפּי פליסט;
איך זע וואו דער קאָלומביאַ פליסט;
איך זע דעם סעינט לאָרענס און די ניאַגאַראַ־וואַסערפאַלן;
איך זע דעם אַמאַזאָן און דעם פּאַראַגוואַי;
איך זע די פיר גרויסע טייכן פון כינע:
דעם אַמור, דעם „געלן טייך", דעם יאַנגטצע און דעם פּערל;
איך זע וואו דער סעין שטראָמט און וואו עס שטראָמט דער דונאַי,
וואו דער לואַר, רהאָן און דער קוואַדאַלקוויווער פליסן;
איך זע דעם געדרייטן גאַנג פון דער וואָלגע,
דעם דניעפּער, דעם אָדער.
איך זע דעם טוסקאַן שווימען אַראָפּ דעם אַרנאָ,
און דעם ווענעציער זע איך שווימען איבערן פּאָ;
איך זע דעם גריכישן מאַטראָס אַרויסשיפן זיך פון דעם עגינאַ־בעי.

6

איך זע דאָס פּלאַץ פונעם אַלטן קעניגרייך פון אַשור,
און פון פּערסיע און פון אינדיע;
איך זע דאָס פאַלן פון דעם גאַנגעס
איבער דעם הויכן ברעג פון סאָקאַראַ;
איך זע דאָס פּלאַץ, וואו די אידייע פון דער געטלעכקייט
איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין מענטשלעכע געשטאַלטן;
איך זע די פּלעצער אויף דער ערד,
וואו פּריסטער האָבן פּריסטער נאָכגעפאָלגט —
וואָרזאָגער, כהנים, בראַמינען, פאַרגעטערער פון די שטערן,
לאַמאַס, מאָנאַכן, מופתים, בעלי־תפילות.

איך זע וואו די דרואידן זיינען אומגעגאַנגען
אין די בוימער־שאָטנס פון מאָנאַ —
איך זע דעם פּאַראַזיטן־פלאַנץ און אייזן־גראָז;
איך זע די טעמפּלען פון די טויטע קערפּערס פון געטער,
איך זע די אַלטע טרעפער.

איך זע קריסטוס'ן
נאָכאַמאָל עסן דאָס ברויט פון זיין לעצטן מאָלצייט,
אַרומגערינגלט פון יונגע און אַלטע לייט;
איך זע וואו דער שטאַרקער, וואונדערלעכער, יונגער הערקולעס
האָט לאַנג און טריי זיך געמיט און דאַן געשטאָרבן;
איך זע דאָס פלאַץ פון דעם אומשולדיקן, רייכן לעבן
און אומגליקלעכן גורל פון דעם שיינעם דעמערונג־יונגלינג,
דעם פול־גלידערדיקן באַקכוס.

איך זע דעם קנעפּ בליענדיק, געקליידט אין בלוי,
מיט אַ פעדער־קרוין אַף זיין קאָפּ;
איך זע הערמעס'ן, דעם זייער באַליבטן, שטאַרבן,
זאָגנדיק צו זיין פאָלק:

„באַוויינט מיך ניט.
דאָ איז ניט מיין אמתידיק היים־לאַנד,
איך האָב געלעבט אַ פאַרטריבענער פון מיין אמתיער היים —
איך גיי איצט צוריק אַהין,
איך קער זיך אום צו די הימלשע ספערן,
וואוהין יעדער איינער גייט, ווען עס קומט זיין צייט".

7

איך זע די שלאַכטפעלדער פון דער וועלט —
גראָז וואַקסט אויף זיי, צוויט און קאָרן,
איך זע די שפּורן פון אַמאָליקע און איצטיקע עקספּעדיציעס.

איך זע די נאַמענלאָזע שטיינ־מויערייען,
ווירדיקע צייכנס פון אומבאַקאַנטע געשעענישן, העלדן
און געשיכטעס פון דער ערד.

איך זע די פּלעצער פון די לעגענדעס;
איך זע סאָסנעס און טענענבוימער
אַרויסגעריסן דורך צפון׳דיקע שטורעמס;
איך זע גראַניט־סקאַלעס און פעלזן־שפּיצן —
איך זע גרינע לאַנקעס און אָזערעס;
איך זע די שטיינערנע קברים פון סקאַנדינאַווישע קריגס־לייט;
איך זע זיי, די הויך־אָנגעהורבעטע הויפנס שטיינער,
ביים ראַנד פון אומרואיקע אָקעאַנען,
כדי, ווען די גייסטער פון די טויטע לייט
וועלן מיד ווערן פון זייערע שטילע קברים,
זאָלן זיי זיך קענען אויפהויבן איבער די שטיינער
און קוקן אויף די ברויזנדיקע כוואַליעס,
און זיך אָפּפרישן דורך די שטורעמס,
אומענדלעכקייט, פרייהייט און באַוועגונג.

איך זע די סטעפּעס פון אַזיע;
איך זע די קברים־בערגלעך פון מאָנגאָליאַ;
איך זע די געצעלטן פון די קאַלמיקן און באַשקירן;
איך זע די וואַנדער־שבטים, מיט די סטאַדעס אָקסן און קי;
איך זע דאָס פלאַכלאַנד צעקאַרבט אין גראָבנס;
איך זע די דזשאָנגלס און מדבריות;
איך זע דעם קעמל, דעם ווילדן פערד, דעם ווילדן פויגל,
די שאָף מיט די פעטע עקן, די אַנטילאָפּן,
און דעם וואָלף אין זיין נאָרע.

איך זע דאָס הויכלאַנד פון אַביסיניע;
איך זע סטאַדעס ציגן זיך פּאַשענדיק,
און איך זע דעם פייגנבוים, טאַמאַרינד און טייטלבוים,
און איך זע די פעלדער פון ווייץ און קאָרן,
און איך זע די פעלדער פון גרין און גאָלד.

איך זע דעם בראַזילישן פּאַסטוך ;
איך זע דעם באָליוויער אַרויפשטייגן דעם באַרג סאָראַטאַ ;
איך זע דעם וואַכאָ דורכשניידן די פעלדער ;
איך זע דעם אומפאַרגלייכלעכן פערד-רייטער,
מיט זיין שלייף-שטריק אויפן אָרעם ;
איך זע איבער די דרום-אַמעריקאַנער סטעפּעס
דאָס געיעג נאָך דער פעל פוןווילדע פי.

8

איך זע קליינע און גרעסערע ים-פּינטלען,
אייניקע באַוואוינט, אַנדערע ניט-באַוואוינט ;
איך זע צוויי פישער-שיפלעך מיט נעצן, שטייען שטיל,
ניט ווייט פון פּאָמאַנאָק-ברעג ;
איך זע צען פישערלייט וואַרטן.
אַט אַנטדעקן זיי אַ געדיכטן שוואָרם פיש ;
זיי לאָזן אַראָפּ די פאַרבונדענע עקן פון די שלעפּ-נעצן
אין וואַסער אַריין ;
די שיפלעך טיילן זיך אָפּ, זיי גייען זיך פאַנאַנדער,
און יעדער רודערט זיין שיפל אין אַ קרייז צום ברעג,
פאַרכאַפּנדיק די פיש אין קרייז ;
יענע וואָס גרייכן פריער דעם ברעג, ציען מיט שלעפּ-ריידלעך
די נעצן אַרויס.
אַ טייל פישער-לייט רוען אין זייערע שיפלעך,
אַנדערע שטייען נאַכלעסיק ביז די קנעכל אין וואַסער,
שטייען פעסט אויף זייערע שטאַרקע פיס ;
די שיפלעך ווערן אַרויסגעצויגן טיילווייז פון וואַסער,
דאָס וואַסער פּאַטשט קעגן זיי ;
אויפן זאַמד, ווייט אַוועק פון וואַסער, ליגן הורבעס צאַפּלדיקע,
גרין-געפּלעקטע פיש.

9

איך זע דעם פאַרצווייפלטן רויטהויטיקן מאַן אין מערב,
אַרומבלאָנקען אויף די ברעגן פון מאָאינגאָ,

און בײַ דער פּעפּין אַזערע;
ער האָט געהערט דעם װאַכט־פֿױגל
און געזען די האַניק־בין און זיך אַן אומעטיקער געגומען גרייטן
צו פֿאַרלאָזן דאָס פּלאַץ.

איך זע די געגנטן פֿון אײַז און שניי;
איך זע דעם שאַרף־אויגיקן סאַמאָיעד און דעם פֿין;
איך זע דעם פֿאַנגער פֿון ים־הינט אין זײַן שיפֿל,
צילנדיק זײַן שפּיז;
איך זע דעם סיבירער אויף זײַן לייכט־געבויטן שליטן,
געשלעפּט פֿון הינט;
איך זע די פֿאַנגער פֿון ים־חזירים —
איך זע די מאַנשאַפֿט, װאָס פֿירט־אָן מיטן פֿאַנג פֿון װאַל־פֿיש
אין דרום־פּאַסיפֿיק און צפֿון־אַטלאַנטיק;
איך זע די שפּיציקע פֿעלזן, גלעטשערס, װאַסער־שטראָמען,
טאָלן פֿון דער שװייץ —
איך זע די לאַנגע װינטערס און די איינזאַמקייט.

איך זע די שטעט פֿון גאָר דער ערד
און איך װער אַ טייל פֿון יעדער שטאָט באַגלייך;
איך בין אַן עכטער פּאַריזער;
איך בין אַן איינװאױנער פֿון װין, פּעטערבורג, בערלין,
קאָנסטאַנטינאָפּאָל;
איך בין פֿון אַדעלעיד, סידני, מעלבורן;
איך בין פֿון לאָנדאָן, מאַנטשעסטער, בריסטאָל,
עדענבורג, לימעריק;
איך בין פֿון מאַדריד, קאַדיז, באַרצעלאָנאַ, אָפּאָרטאָ, ליאָן, בריסל,
בערן, פֿראַנקפֿורט, שטוטגאַרט, טורין, פֿלאָרענץ;
איך געהער צו מאָסקװע, קראָקע, װאַרשע —
אָדער צפֿון־צו צו קריסטיאַנאַ, אָדער שטאָקהאָלם —
אָדער צום סיבירער אירקוטסק,
אָדער צו אַ גאַס ערגיץ אין אײַזלאַנד;
איך לאָז זיך אַראָפּ אויף די אַלע שטעט
און הויב זיך פֿון זיי װידער אַרויף.

10

איך זע, עס הויבן זיך נעפּלען פון ניט־געפאָרשטע לענדער ;
איך זע די ווילדע טיפן, דעם פייל־און־בויגן, דעם גיפטיקן שפּליטער,
די געטשקע, די כשוף־מאַכעריי.

איך זע אַפריקאַנישע און אַזיאַטישע שטעט ;
איך זע אַלזשיר, טריפּאָלי, דערנע, מאַגאַדאָר, טימבוקטו,
מאָנראָוויאַ ;
איך זע די מענגעס פון פּעקין, קאַנטאָן, בענאַרעס, דעלהי,
קאַלקוטאַ און יעדאָ ;

איך זע דעם קרומאַן אין זיין בודקע,
און דעם דאָהמאַן און אַשאַנטימאַן אין זייערע שטיבלעך ;
איך זע דעם טערק רויכערן אָפּיום אין אַלעפּאָ ;
איך זע די קאָלירפולע מענגעס אויף די יאַרידן
פון קהיוואַ און העראַט ;
איך זע טעהעראַן, איך זע מוסקאַט און מעדינאַ,
און די זאַמד־שטרעקעס, וואָס טיילען זיי פאַנאַנדער ;
איך זע די קאַראַוואַנען, וואָס שלעפּן זיך פּאָרויס מיט מי.
איך זע עגיפּטן און די עגיפּטיאַנער —
איך זע די פּיראַמידן און אָבעליסקן ;
איך קוק אויף אויסגעקריצטע געשיכטעס, געזאַנגען, פילאָזאָפיעס,
איינגעשניטן אין פּלאַטעס פון זאַמד־שטיין, אָדער אין גראַניט ;
איך זע אין מעמפיס מומיע־הייזלן, וואו עס געפינען זיך
מומיעס, באַלזאַמירטע, געוויקלטע אין לייוונט,
ליגנדיק דאָרטן הונדערטער יאָרן ;
איך קוק אויף דעם געפאַלענעם טהעבאַן,
אויף זיינע גרויסע אויגן־אַפּל, זיין האַלדז אָן אַ זייט געבויגן,
די הענט אַריבערגעלייגט איבער דער ברוסט.

איך זע ווי די פּראַצע־מענטשן האָרעווען איבער גאָר דער ערד ;
איך זע די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס ;

איך זע די קאַליקעס פון גאַר דער ערד ;
איך זע די בלינדע, די טויבע און שטומע,
די אידיאָטן, הויקערס, משוגעים ;
איך זע די פּיראַטן, גנבים, פאַררעטער, מערדער,
פאַרשקלאַפער פון גאַר דער ערד ;
איך זע די הילפלאָזע קינדער,
און די אומבאַהאָלפענע אַלטע מענער און פרויען.

איך זע מאַן און פרוי אומעטום ;
איך זע די לויטערע ברודערשאַפט פון פילאָזאָפן ;
איך זע דאָס קאָנסטרוקטיווע פון מיין ראַסע ;
איך זע די פרוכט פון אויסדויער און מיזאַמקייט פון מיין ראַסע ;
איך זע ראַנגען, פאַרבן, באַרבאַריזמען, ציוויליזאַציעס —
איך בין צווישן זיי און מיש זיך מיט זיי אָן אונטערשייד,
און איך באַגרים אַלע איינוואוינער פון גאַר דער ערד.

11

דו, ווער דו זאָלסט ניט זיין !
דו, טאָכטער אָדער זון פון ענגלאַנד !
דו פון די מעכטיקע סלאַווישע שבטים און קעניגרייכן !
דו, רוס אין רוסלאַנד !
דו, פון ווייט־ווייטן אָפּשטאַם,
שוואַרצער, גרויס־נשמה'דיקער אַפריקאַנער,
שיין־קעפּיקער, גרויסער, העלדיש־געבויטער,
פון גורל צו גרויסקייט באַשטימטער—אויף גלייכן שטאַנד מיט מיר!
דו, נאָרוועגיער ! שוועד ; דענער ! אייזלענדער ! פּרייס !
דו, שפּאַניער פון שפּאַניע ! דו, פּאָרטוגעזער !
דו, פראַנצויזישע פרוי און פראַנצויזישער מאַן פון פראַנקרייך !
דו, בעלגיער ! דו, פרייהייט־ליבנדיקער האָלענדער !
דו, קרעפטיקער עסטרייכער ! דו, לאָמבאַרדיער !
דייטש ! באָהעמיער !

פויער פון שטייערמאַרק!
דו, שכן פון דונאַי!
דו, אַרבעטער פונעם רהיין, עלבע אָדער וועזער!
אויך דו, אַרבעטער־פרוי!
דו, סאַרדיניער, דו, באַוואַריער, שוואַב! זאַקס! וואָלאַך! בולגאַר!
דו, בירגער פון פּראַג! רוימער! נעאַפּאָליטאַנער! גריך!
דו, בויגעוודיקער מאַטאַדאָר אין דער אַרענאַ פון סעוויל!
דו, באַרג־מענטש, וואָס לעבסט אויפן טאַרוס אָדער קאַווקאַז,
און ווייסט נישט פון געזעץ!
דו פערד־פּאַסטוך פון באַך, וואָס די היטסט די שקאַפּעס
און די אָגערס אויף דער פּאַשע!
דו, שיין־לייביקער פּערזיער, וואָס שיסט פיילן אין ציל,
אין פולן גאַלאָפּ, זיצנדיק אין זאַטל!
דו, כינעזער און כינעזערין פון כינע!
דו, טאַטער פון טאַטער־לאַנד!
איר, פרויען פון גאָרער ערד, אונטערוואַרפן צו אייערע אויפגאַבעס;
דו, איד, וואַנדערנדיק אויף דער עלטער דורך אַלע געפאַרן,
כאָטש איינמאָל צו באַטרעטן דעם סירישן באָדן!
איר, אַנדערע אידן, וואַרטנדיק אין אַלע לענדער אויף אייער משיח!
דו, באַזינטער אַרמענער, פאַרקלערט ערגעץ ביי אַ טייכל פון פרת!
דו, מיט אַנגעשטעלטע אויגן אויף די רואינען פון נבוה!
דו, וואָס באַשטייגסט דעם באַרג אַררט!

דו, מידער פּילגרים, באַגריסנדיק דעם וויטן שימער
פון די טעמפּל־טורעמס אין מעקאַ!
איר, שייכן איבער דער שטרעקע פון סועץ צו באַב־על־מאַנדעב,
רעגירנדיק אייערע משפחות און שבטים!
דו, פּלאַנצער פון אוילבירטן,
היטער פון די פּרוכט אין די פעלדער פון נצרת, דמשק,
אָדער ביים ברעג פון טבריה!
דו, הענדלער פון טיבעט, אומעטום איבערן לאַנד,
וואָס דינגסט זיך אין די קראָמען פון לאַסאַ!

דו, יאַפּאַנעזער, מאַן אָדער פֿרוי !
דו, איינוואוינער פֿון מאַדאַגאַסקאַר, צייאָן, סומאַטראַ, באָרנעאָ !
איר אַלע אין די וועלט־טיילן פֿון אַזיע, אַפֿריקע,
אייראָפּע, אויסטראַליע,
אָן אונטערשיד פֿון פּלאַץ !
איר אַלע אויף די אומצייליקע אינזלען צעוואָרפֿן איבער ימ׳ען !
און איר פֿון די שפּעטערדיקע דורות,
ווען איר וועט זיך צוהערן צו מיר !
און יעדער פֿון אייך אומעטום, וועמען איך דערמאָן דאָ ניט,
אָבער איך נעם סײַ ווי אַרײַן !
געזונט צו אייך ! פֿריד צו אייך אַלעמען —
פֿון מיר און אַמעריקע צו אייך.

יעדער פֿון אונז אומפֿאַרמיידלעך ;
יעדער פֿון אונז אומבאַגרעניצט —
יעדער מיט זיין אָדער איר רעכט אויף דער ערד ;
יעדן איינעם פֿון אונז צוגעטיילט דער אייביקער זין פֿון דער ערד ;
יעדער פֿון אונז אַזוי הייליק, ווי אירגענד־ווער אויף דער ערד.

12

דו, האָטענטאָט מיטן קנאַקנדיקן גומען־קלאַנג !
איר, וואָל־האָריקע האָרדעס !
איר, שקלאַפֿן, פֿון וועמען עס טריפֿן טראָפּנס שוויס,
אָדער טראָפּנס בלוט !
איר, מענטשלעכע געשטאַלטן מיט די אומדערגרינטלעכע,
שטענדיק־איינדרוקספֿולע אכזר׳ישע געזיכטער !
איך וואָג אייך ניט אָפּצוזאָגן —
דער פֿאַרנעם פֿון דער וועלט, צייט און רוים,
מאָנען עס פֿון מיר.

דו, אָרימער טהיר־מענטש, אויף וועמען די ערגסטע קוקן אַרונטער,
מעג ווי גלענצנד אייער שפּראַך און נשמה זיין !
איר נידעריקע, אָפּשטאַרבנדיקע שטאַמען
פֿון די בערג פֿון יוטאַה, אָרעגאָן, קאַליפֿאָרניע !

דו, קאַרליק פון קאַמטשאַטקאַ, פון לאַפּלאַנד, פון גרינלאַנד !
דו, אויסטראַליער נעגער, נאַקעט, רויט־הויטיק, ברודיק,
מיט אַרויסשטאַרטשענדיקער ליפּ, וואָס קריכסט אַרום
און זוכסט דיין שפּייז !
דו, קאַפּער, בערבער, סודאַנער !
דו, אויסגעמאָרעטער, אומגעלומפּערטער,
אומגעבילדעטער בעדואין !
איר, פאַרפּעסטעטע מענגעס פון מאַדראַס, נאַנקין, קאַבול, קאַיראַ !
דו, וואָס באָדסט זיך אין גאַנגעס !
דו, אומוויסנדער וואַנדלער פון אַמאַזאָניאַ ! דו, פּאַטאַגאָניער !
דו, פידזשי־מאַן !
דו, פּעאָן פון מעקסיקאָ !
דו, שקלאַף פון קאַראַלאַינע, טעקסאַס, טענעסי !
איך האַלט גאָר ניט פון אַנדערע פיל מער ווי פון אייך ;
איך זאָג קיין איינציק וואָרט ניט קעגן אייך,
דאָרט וויַט הינטן, וואו איר געפינט זיך ;
(איר וועט אין דער ריכטיקער צייט אַרויסקומען
זיך שטעלן ביי מיין זייט).

מיין גייסט האָט מיט מיטגעפיל און אַנטשלאָסנקייט
אַרומגעקרייזט די גאַנצע ערד ;
איך האָב געזוכט מיין גלייכן און פריינט,
און איך האָב זיי געפונען גרייט פאַר מיר אין אַלע לענדער ;
איך דענק, אַז אַ גייסטיקע נאָענטקייט
האָט מיך אויסגעגלייכט מיט זיי.

13

אָ, דאַמפן ! מיר דאַכט זיך, איך האָב זיך אויפגעהויבן מיט אייך,
זיך אַוועקגעלאָזט צו ווייטע קאָנטינענטן און צוליב אורזאַכן
זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזט ;
איך דענק, איך האָב זיך געטראָגן מיט אייך, אָ, ווינטן ;
אָ, וואַסערן, מיט אייך האָב איך באַרירט אַלע ברעגן.

אומעטום איבערן ערד־קײַלעך, וואו נאָר עס לויפט פאַרביי אַ טייך,
אַ וואַסער־שטראָם, בין איך דאָרט פאַרבייגעלאָפן ;

איך האָב זיך געשטעלט אויפן באָדן פון די האַלב־אינזלען,
און אויף די הויכע פעלזן, פון דאָרטן אויסצושרייען :
אַ גרוס דער וועלט !

אין וואָס פאַר אַ שטעט עס דרינגט אַריין ליכט אָדער וואַרעמקייט,
דרינג איך אַריין ;
צו וואָס פאַר אַ אינזלען פויגל־פליגל פלאַטערן פליענדיק,
אַהין פלאַטערן מיינע פליגל.
צו אַלעמען
הויב איך הויך מיין אויסגעשטרעקטע האַנט
און גיב דעם צייכן,
וואָס וועט נאָך מיר אויף אייביק בלייבן,
פאַר אַלע באַהעלטענישן און וואוינונגען פון מענטשן.

האָט עמיצער זיך פאָרגעשטעלט, אַז ס'איז אַ גליק געבוירן צו ווערן?
איך אייל זיך, אים אָדער איר מיטצוטיילן,
אַז ס'איז פונקט אַזאַ גליק צו שטאַרבן,
און איך ווייס עס.

ווען ס'האָט דער בעז צום לעצטן מאָל
פאַר מיין טיר געבליט

(אויף פּרעזידענט לינקאָלנ'ס קבר)

(1866—1865)

ווען ס'האָט דער בעז צום לעצטן מאָל, פאַר מיין טיר געבליט,
און ס'איז פון מערב'דיקן הימל דער גרויסער שטערן
אין פריער נאַכט געפאַלן,
האָב איך געטרויערט — און וועל נאָך
מיט דעם שטענדיק צוריקקומענדיקן פרילינג — טרויערן.

אָ, אייביק צוריקקומענדיקער פרילינג!
דו ברענגסט באַשטימט אַ דריילינג מיר:
יערלעך בליענדיקן בעז, דעם פאַלנדיקן שטערן אין מערב
און דעם געדאַנק פון אים, וועמען איך האָב ליב.

פאַר מיין טיר, ביי די ווייס־געקאַלכטע שטאַכעטן,
קעגן אַלטן פאַרם־הויז,
שטייט דער הויכער קוסט פון בעז;
די בלעטלעך, האַרץ־פאַרמירט, פון טיפן גרין,
די בליטן, אויפגעשפּיצטע, צאַרט,
מיט ריח שאַרפן, ווי איך האָב ליב.
מיט יעדן בלאַט — אַ וואונדער . . .
פון אָט דעם קוסט מיט די צאַרט־קאָלירטע בליטן,
אַ צווייג מיט בליאונגען ברעך איך אָפּ.

געזאַנג וועגן טויט

(1865—1866 — אין טרויער נאָך פרעזידענט לינקאָלן)

קום, ליבער און לאַשטשענדיקער טויט,
וויבריר אַרום דער וועלט, רואיק אָנקומענדיק, אָנקומענדיק,
ביי טאָג, ביי נאַכט, צו אַלעמען, צו יעדן איינעם,
פריער צי שפעטער, איידעלער טויט.

געלויבט זאָל זיין דער גרונטלאָזער אוניווערז,
פאַר לעבן און פריידן, פאַר צילן און נייגעריקן פאַרשן;
און פאַר ליבע, זיסער ליבע — נאָר לויב! לויב! לויב!
פאַר די זיכער־אַרומנעמענדיקע אָרעמס
פון דעם קיל־פאַרהילנדיקן טויט.

טונקעלע מאַמע, שטענדיק פאַרביישלייכנדיק מיט ווייכע טריט;
האָט קיינער דיר נישט געזונגען דאָס ליד
פון פולשטענדיקן ווילקאָמען?
דאַן זינג איך עס דיר — איך גלאָריפיציר דיך איבער אַלץ;
איך ברענג דיר אַ ליד,
אַז ווען דו מוזט טאַקע קומען — קום אָן וואַקלעניש.

דערנען זיך, שטאַרקע דערלייזערין!
אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי, אַז דו האָסט זיי צוגענומען,
זינג איך אַ פרייד־געזאַנג די טויטע;
פאַרלוירן אין דעם ליבן שטראָמיקן ים דיינעם,
געוואַשן אין שטראָם פון דיין גליקזעליקייט, אָ, טויט.

פון מיר צו דיר — דערפרייענדיקע סערענאַדעס,
טענץ שלאָג איך פאָר, צו סאַלוטירן דיך —
פאַרערונג און יובל פון דיינעטוועגן;

די פּאַנאָראַמעס פון אָפענעם לאַנדשאַפט,
און דער הויך־געשפּרייטער הימל
זיינען צוגעפּאַסט,

און דאָס לעבן און די פעלדער
און די אומגעהייערע טיף־פאַרקלערטע נאַכט.

די נאַכט אין שווייגן אונטער אַזויפיל שטערן;
דער ים־ברעג און די ריזיקע כוואַליע,
ווען מענס געמורמל ס'איז מיר באַקאַנט;
און די נשמה צו דיר געווענדט,
אָ, אומענדלעכער גוט־פאַרשלייערטער טויט,
און דאָס לייב מיט דאַנקבאַרקייט זיך טוליענדיק צו דיר.

איבער די בוימער־שפּיצן וויברירט מיין ליד צו דיר!
איבער די כוואַליעס, אויף־און־אָפּ —
איבער די מיריאַדן פעלדער און ברייטע פּרעירים;
איבער אַלע געדיכט־געפּאַקטע שטעט
און שפּע'דיקע האַפנס און וועגן,
לאָז איך שטראָמען דאָס געזאַנג מיט פרייד, מיט פרייד צו דיר,
אָ, טויט!

די שלאָפנדיקע

(1855)

אויך איך קום פון דער נאַכט,
איך זאַם זיך אַ ווײַלע, אָ, נאַכט,
אָבער איך קער זיך אום צוריק צו דיר,
און איך האָב דיך ליב.

פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן זיך פאַרטרויען צו דיר?
איך האָב קיין מורא נישט —
איך קום דאָך אַזוי גוט ארויס פון דיר.
איך האָב ליב דעם לויפנדיקן רייכן טאָג,
אָבער איך פאַרלאָז ניט יענע,
וועלכע האָט מיך געהאַלטן אין זיך אַזוי לאַנג.

איך ווייס נישט ווי אַזוי איך בין געקומען פון דיר;
איך ווייס נישט וואוהין איך גיי מיט דיר;
אָבער איך ווייס, איך בין וואויל געקומען
און וועל וואויל אַוועקגיין.

איך וועל נאָר אויף אַ ווייל בלייבן מיט דער נאַכט
און אינדערפרי צוריק אויפשטיין.
איך וועל ווי עס באַדאַרף צו זיין אָפּפאַרטיקן דעם טאָג,
אָ, מאַמע מיינע,
און איך וועל זיך פינקטלעך אומקערן צו דיר.

ווען מען טוט אַ טראַכט וועגן צייט

(1855)

פאַרדעכטיקט איר דעם טויט ?
ווען איך וואָלט פאַרדעכטיקט דעם טויט,
וואָלט איך באַלד געשטאָרבן.
דענקט איר, אַז איך וואָלט געקענט
געמיטלעך און פאַרגעניגנד גיין צום אונטערגאַנג ?

•—•

געמיטלעך און פאַרגעניגנד גיי איך.
וואוהין איך גיי, קאָן איך ניט באַשטימען.
אָבער איך ווייס, אַז ס'איז גוט.
די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט ווייזן, אַז ס'איז גוט.

ווי שיין און פערפעקט די חיות זיינען !
ווי פערפעקט די ערד איז און די קלענסטע זאַך אַף דער ערד !
וואָס מען רופט גוטס איז פערפעקט און וואָס מען רופט שלעכטס
איז פונקט אַזוי פערפעקט.
דאָס גאָרטנוואַרג און די מינעראַלן זיינען פערפעקט,
די אומבאַגרייפלעכע פליסיקייטן זיינען פערפעקט ;
לאַנגזאַם און זיכער זיינען זיי געקומען צו דעם וואָס זיי זיינען,
און לאַנגזאַם און זיכער גייען זיי ווייטער.

•—•

איך שווער, איך טראַכט איצט, אַז אַלעם אָן אויסנאַם
האָט אַן אייביקע נשמה !
די ביימער האָבן עס, איינגעוואָרצלטע אין דער ערד !
די ים־פלאַנצן, די חיות האָבן אַן אייגענע נשמה !

איך שווער, ס׳איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס איז נישט אומשטערבלעך!
דער גרויסאַרטיקער וועלט־סדר איז צוליב דעם,
און דאָס שוועבן פון די וואָלקן איז צוליב דעם,
און די פּלאַנמעסיקייט איז צוליב דעם;
און אַלע פאַרבאַרייטונגען זיינען צוליב דעם!
און דערקענטעניש איז צוליב דעם;
און דאָס לעבן און דאָס מאַטעריעלע
איז דורכאויס צוליב דעם!

אַ קינד האָט געזאָגט

(1855)

אַ קינד האָט ברענגענדיק פולע הענט מיט גראָז, צו מיר געזאָגט:
וואָס איז דאָס גראָז?

ווי אַזוי האָב איך דעם קינד ענטפערן געקענט?
איך ווייס ניט מער ווי דאָס קינד, וואָס דאָס איז.

איך מיין: דאָס מוז זיין די פאָן פון מיין געמיט,
פון האָפענונגפולן גרינעם שטאָף געוועבט.

אָדער, איך מיין, דאָס מוז זיין דאָס טיכל פון דעם באַשעפער,
אַ דופטנדיק געשאַנק, אַן אָנדענק, מיט אַ באַשטימטן מיין פאַרלוירן,
אויסגעצייכנט אויף די ווינקלען־וואו איז דעם אייגנטימער׳ס נאָמען,
כדי מיר זאָלן זען, זיך וואונדערן און זאָגן:
וועמענס?

אָדער, ס׳קאָן זיין, דאָס גראָז אַליין איז אַ קינד,
דאָס עופה׳לע וואָס קומט פון די פלאַנצן.

אָדער אפשר איז עס אַנגענומענער הירעאָגליף,
און דאָס באַטייט:
שפּראָצן — אַלצאַיינס, אויף בּרייטן און שמאָלן שטח,
וואַקסן — אַלצאַיינס, צווישן שוואַרצע אָדער ווייסע לייט;
האַוואַיער, נעגער, קאָנגרעסמאַן, אַ שוועמל —
זיי קומען אַלע גלייך
פון מיר און איך נעם זיי אַלע גלייך צוריק.

אַט איצט, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זײַנען שײנע,
ניט־געשױרענע האָר פֿון קבֿרים.
צערטלעך װעל איך זיך צו דיר באַנעמען, קרײזלדיק גראָז;
מעגלעך, דו ביסט די פּאַרװאַנדלונג פֿון יונג־מענערישע הערצער;
מעגלעך, איך זאָל זײ געװען קענען,
װאָלט איך זײ געװען ליב געהאַט;
מעגלעך, דו קומסט פֿון אַלטע מענער און פֿרױען,
און פֿון עופּה׳לעך פֿרי אַרױסגענומענע פֿון מוטער׳ס שױס;
און אַט זײַט איר דער מוטער׳ס שױס.

דאָס גראָז איז צו־טונקל צו זײַן פֿון גרױע מוטער־קעפּ,
טונקעלער פֿון די קאָלירלאָזע בערד פֿון אַלטע לײַט;
טונקל גענוג צו קומען פֿון אונטער בלאַס־רױטע מױל־דעכלעך.

אָ, איך פֿאַרנעם דאָך אַזױפֿיל רײדנדיקע לשונות!
און איך װײס, אַז ניט אומזיסט קומען זײ
פֿון אונטער די מױל־דעכלעך.

הלװאי װאָלט איך געקענט אױסטײַטשן די אָנצוהערענישן
װעגן טױטע יונגע מענער און פֿרױען,
און די אָנצוהערענישן װעגן אַלטע מענער און מאַמעס,
און קינדערלעך, פֿרי־אַרױסגענומענע פֿון מוטער׳ס שױס.

װאָס, דענקט איר, איז געװאָרן פֿון די יונגע און אַלטע לײַט?
און װאָס, דענקט איר, איז געװאָרן פֿון די פֿרױען און קינדער?

זײ זײַנען געזונט און לעבן ערגעץ־װאו.
די מינדסטע שפּראָצונג צײגט, אַז ס׳איז באמת ניטאָ קײן טױט;
און אױב ער איז געװען, האָט ער געפֿירט דאָס לעבן פֿאַראױס,
און ער װאַרט ניט, צום סוף דאָס אָפּצושטעלן,

און ער האָט אויפגעהערט צו זיין
אין דער רגע, ווען דאָס לעבן האָט זיך באַוויזן.

אַלץ גייט פאָראויס און אַוועק — קיין זאַך צעפאַלט ניט;
און צו שטאַרבן מיינט אויף עפּעס אַנדערש פון דעם,
וואָס מען האָט זיך פאָרגעשטעלט,
און מ ז ל ׳ ד י ק ע ר.

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן!

(1866—1865)

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! די מורא'דיקע רייזע
איז געענדיקט שוין;
די שיף איז אַלע שטורעמס דורך, ס'איז אונזערער דער לוין;
מיר זיינען שוין ביים האַפן באַלד,
עס שאַלט דאָס פאָלק אין פריידיקן עקסטאַז;
און צו דער בראַווער שיף געוואַגטער,
זיינען אויגן גאַפנדיק געווענדט;

נאָר, א, האַרץ! האַרץ! האַרץ!
אָ, איר בלוטנדיקע טראָפּנס רויט,
אויפן דעק געפאַלן איז מיין קאַפּיטאַן
און ליגט דאָרט קאַלט און טויט.

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן!
וואַך־אויף און הער דאָס גלאָק־געקלאַנג;
שטיי־אויף —
די פאָנען פלאַטערן פאַר דיר און דער טרומפייטער שאַלט;
פאַר דיר די קראַנצן און בוקעטן גרייט,
פאַר דיר די ברעגן פול געדראַנג;
צו דיר די כוואַליענדיקע מענגע רופט,
צו דיר די פּנים'ער געווענדט;

אָט דאָ, קאַפּיטאַן! פאָטער מיינער!
אונטער דיין קאָפּ מיין האַנט געשפּרייט;
עס מוז אַ חלום זיין, אַז אויפן דעק,
ביסטו געפאַלן קאַלט און טויט.

עס ענטפערט ניט מיין קאַפּיטאַן, די ליפּן זיינע שטום און בלייך;
מיין טאַטע פילט מיין אָרעם ניט; קיין ווילן און קיין הויך;

די שיף געאַנקערט שטייט אין זיכערקייט,
פון רייזע שרעקלעכער צוריק;
שוין איז די לעצטע רייזע — אויס, איר זיג איז גרויס.

אָ, ברעגן, שאַלט! אָ, גלעקער, קלינגט!
נאָר איך אַליין מיט טרויער־טריט,
גיי אום און היט מיין קאַפּיטאַן,
וואָס ליגט דאָ קאַלט און טויט.

איך רוף אויף צום לעבן עכטע פערזענלעכקייטן;
איך רוף אַרויס גערעכטיקייט — די זיגערין;
איך רוף אויס אומקאָמפּראָמיסלעכע פרייהייט און גלייכהייט;
איך רוף אַרויס די באַרעכטיקונג פון אָפנהאַרציקייט,
און די באַרעכטיקונג פון שטאָלץ.

פיאַנערן! אָ, פיאַנערן!

(1865)

1

אָ, קומט מיינע זון־פאַרברוינטע קינדער,
פאָלגט־נאָך די ריי, מאַכט אייער וואָפן גרייט;
האָט איר אייערע פיסטאָלעטן? אייערע העק די שאַרפע?
פיאַנערן! אָ, פיאַנערן!

2

מיר טאָרן דאָ ניט זאַמען מער;
מיר מוזן גיין, אָ, טייערע מיינע,
מיר מוזן טראָגן פון געפאַר די קלעפּ;
מיר, די יונג־געזונטע פעלקער —
אַלע אַנדערע פאַרלאָזן זיך אויף אונז;
פיאַנערן! אָ, פיאַנערן!

3

אָ, איר יוגנט, מערב־יוגנט,
אומגעדולדיק, פול באַוועגונג, מענלעך שטאָלץ
און פול מיט פריינטשאַפט,
כ׳זע אייך דייטלעך, כ׳זע אייך שפּאַנען — איר, די ערשטע;
פיאַנערן! אָ, פיאַנערן!

4

זיינען אַלטע פעלקער שטיין געבליבן?
לאָזן זיי זיך אָפּ פאַרמאַטערט? האָבן זיי שוין אויפגעגעבן?
נעמען מיר אויף זיך דעם יאָך — דעם פרוף דעם אייביקן;
פיאַנערן! אָ, פיאַנערן!

5

עס בלייבט דער עבר הינטער אונז,
מיר רייסן זיך אַריין אין אַ וועלט אַ נייער, —
אַ מעכטיקע, אַן אַנדערשדיקע וועלט.
פריש און שטאַרק איז אונזער ניי־פּאַרכאַפּטע וועלט —
אַ וועלט פון מאַרש און אַרבעט.
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

6

אָפּטיילונגען שטענדיקע שיקן מיר;
טאָל־אַראָפּ און דורכגאַנגען שמאָלע, אַרויף די שיפּע בערג;
מיר באַזיגן, מיר פאַרנעמען, וואַגן,
ריזיקירן איבער אומבאַקאַנטע וועגן,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

7

אוראַלטע וועלדער האַקן מיר,
טייכן פאַרהאַלטן מיר. די מינעס וועקן מיר
און דרינגען דאָרטן טיף אַריין;
ערד־שטרעקעס אומגעהייערע צעמעסטן מיר,
נישט־באַרירטע ערד צעאַקערט ווערט,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

8

פון קאָלאָראַדאָ־לאַנד קומען מיר;
פון בערג־שפּיצן גיגאַנטישע, סיערא־בערג ריזיקע,
פון די בערג־פּלאַכן;
פון דער מינע און דעם גראָבן, פון דעם יאַגד־שפּור קומען מיר,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

9

פון נעבראַסקאַ, פון אַרקענסאַ,
פון צענטער־לאַנד די ראַסע זיינען מיר.
פון מיזורי, מיט בלוט קאָנטינענטישן אויסגעמישט;
אַלע חבר׳יש, די הענט זיך דריקנדיק —
פון דרום און פון צפון אַלע מיר,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

10

ווער קען ווידערשטיין דיר, ראַסע אומרואיקע,
אָ, ראַסע דו, געליבט פון יעדן,
ס׳טוט דאָס האַרץ מיר וויי, פון ליבן יעדן;
אָ, אין טרויער אויך איז פריידיק מיר,
פון ליבע צו אַיעדן אַנטציקט בין איך.
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

11

הויבט זי אויף הויך, די מעכטיקע, די מאַמע־האַרנטע,
וויגט זי הויך, די ליבע האַרנטע, איבער אַלע שטערן הויבע האַרנטע
(בויגט איין אייערע קעפּ.)
הויבט אויף הויך די שאַרף־ציינערדיקע און קריגערישע,
די גרויזאַמע, געפילפאַזע באַוואָפנטע האַרנטע,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

12

זעט, קינדער מיינע, קינדער, איר אַנטשלאָסענע,
אין נאָמען פון די מענגעס הינטער אונז, טאָרן מיר ניט אויפגעבן,
אָדער זיך אַ וואַקל טאָן;
געשטאַלטן פיל־מיליאָניקע, פון דורות די פאַרגאַנגענע,
פאָדערן פון אונז,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

13

פאַרויס און פאָרויס אין רייען ענג־געבונדענע,
עס וואַרט דער צואוואוקס שוין דעם פּלאַץ פון געפאַלענע
צו פאַרפילן שנעל,
דורך געפּעכט און דורכפאַלן, כסדר פאָרויס,
זיך קיינמאָל ניט פאַרהאַלטנדיק,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

14

אָ, צו שטאַרבן פאָרויסגייענדיק!
האַלטן אייניקע פון אונז ביים פאַלן? ביים שטאַרבן?
האָט די שעה געשלאָגן?
זאָל ווער פון אונז אין וועג איצט שטאַרבן —
ווערט דאָס פּלאַץ פון אַנדערע פאַרנומען,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

15

יעדער פּולס פון גאָר דער וועלט,
שלאָגט מיט אונזער פּולס, פאַר אונזערטוועגן,
מיטן קלאַפּ פון מערב'דיקן פּולס,
זיי האַלטן אויס, אַליין און צוזאַמען,
שטענדיק פאָרויסגייענדיק פון אונזערטוועגן;
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

16

פאַרשיידנאַרטיקע ספּעקטאַקלען פונעם לעבן,
אַלע שפּילן און פאָרמען, אַלע אַרבעטער ביי זייער אַרבעט,
אַלץ וואָס איז באַשעפטיקט אויפן ים, אויף דער יבשה,
אַלע שקלאַפן־אייגנטימער מיט די שקלאַפן;
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

17

אַלע הילפלאָזע, שטום־פאַרליבטע,
אַלע איינגעשפּאַרטע אין די תפיסות, די גערעכטע און די שלעכטע,
אַלע פריידיקע, אַלע טרויערנדיקע, די וואָס לעבן, די וואָס שטאַרבן,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

18

און איך, מיין גוף און מיין נשמה,
מיר, אַ זעלטענער דריילינג, וואַנדערן,
זוכן אויף אונזער וועג;
פאַרביי די ים־ברעגן,
הינטער אונז, די שאָטנס און די גייסטער טרייבן אונז;
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

19

קוק און זע, דער שנעל זיך דרייענדיקער פּלאַנעט,
אָ, די ברידער־פּלאַנעטן אַרום אים,
אַלע ענגלען זונען און פּלאַנעטן,
אַלע שווינדלענדיקע טעג, אַלע מיסטישע, חלומות־פולע נעכט;
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

20

דאָס אַלץ פון אונז, מיט אונז,
אַלץ פאַר אַרבעט סאַמע נויטיקסטער,
אין עמבריאָ דאָרט, וואַרטן נאָכפאָלגער;
מיר, די פּראָצעסיע פירן־אָן,
מיר, דעם וועג אויף ווייטער גרייטן־צו,
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן!

21

אָ, איר טעכטער פון דעם מערב!
אָ, טעכטער עלטערע און אינגערע!
אָ, איר מאַמעס און איר פרויען!
קיינמאָל זאָלט איר ניט צעטיילט זיין,
פאַראייניקט גייט אין אונזערע רייען,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

22

פאָלקס־זינגער באַהאַלטענע אויף פרעירים,
(דיכטער פאַרגאַנגענע, פון אַנדערע לענדער, איר קענט שלאָפן.
אָפגעטאָן איז אייער אַרבעט.)
דאָך, איך הער אייך קומען טרילנדיק, איר שטייט־אויף
און שפאַנט צווישן אונז,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

23

ניט פאַר זיסע פאַרגעניגנס,
ניט דאָס ווייכע קישן און דאָס שיכל,
ניט דער פרידנס־מענטש און מענטש פון ביכער,
נישט קיין רייכקייט זיכערע און זאַטע,
נישט פאַר אונז פאַרוויילונג שטילע,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

24

פרעסן פיל, די סעודה־מאַכער?
שלאָפן זיי, די פעטע בייכער?
זייערע טירן גוט פאַרריגלט און פאַרשלאָסן?
אונזער מאָלצייט פראָסט איז,
אויף דער ערד געשפרייט איז אונזער צודעק,
פיאָנערן! אָ, פיאָנערן!

25

איז די נאַכט שוין צוגעפאַלן ?
איז דער וועג געוואָרן שווערער ?
שטייען מיר אַנטמוטיקט ? אָפּגעלאָזן ?
ברענג איך אייך אַ שעה אַ גוטע אויפן וועג זיך צו פאַרגעסן,
פיאַנערן ! אָ, פיאַנערן !

26

ביז מיט קלאַנג פון דעם טרומפּייטער,
הערט פרימאָרגן־רוף אין ווייטער ווייט,
ווי הויך און קלאָר איך הער טרומפּייטער,
שנעל, צום הויפּט פון דער אַרמיי! פאַרנעמט די פּלעצער שנעלער!
פיאַנערן ! אָ, פיאַנערן !


To
Horace Traubel
from his friend the author
Walt Whitman
& my deepest heart-felt thanks
go with it to H T in getting ~~out~~
this book out — it is his book in a
sense — for I have been closely im-
prison'd & prostrated all the time
(June to December 1888) by sickness
& disability — & H T has managed it
all for me with copy, proofs, printing
binding &c. The Volume, & especially
"November Boughs" & the portraits,
could not now be existing formulated
as here, except thro' his faithful &
loving kindness & industry, daily,
unintermitted, unremunerated —
W W Dec: 1888 —
Camden New Jersey —

WHITMAN'S INSCRIPTION IN ONE OF HORACE TRAUBEL'S COPIES OF "COMPLETE POEMS AND PROSE" (1889)

וויטמאַנ'ס אַ ווידמונג צו זיין נאָענטן פריינט האראַס טראַבעל, אין אַ
בוך פון דער אויסגאַבע „לידער און פראָזע", וועלכע איז דערשינען
אין 1889.

פון וואַלט וויטמאַנ'ס פּראָזע

א

(אויסצוגן פון דער פאָררעדע צו דער ערשטער אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז", וואָס איז דערשינען אין 1855).

●—●

אַנדערע לענדער צייכענען זיך אויס דורך זייערע דעפּוטאַטן, אָבער דער געניוס פון די פאַראייניקטע שטאַטן צייכנט זיך צום בעסטן און מערסטן אויס, ניט דורך די באַאַמטע, אָדער געזעצגעבער, ניט דורך די אַמבאַסאַדאָרן, צי אויטאָרס, אוניווערזיטעטן אָדער קירכן, צי סאַלאָנען, אפילו ניט דורך די צייטונגען, אָדער דערפינדונגען, נאָר שטענדיק און מערסטנס דורך די געוויינלעכע מענטשן אין דרום, צפון, מערב, מזרח פון די שטאַטן, — דורך זייער גאַנצער מעכטיקער גרויס.

דאָך וואָלט די גרויסקייט פון דעם לאַנד געווען אַ גולמ'דיקע, אַן דער פּאַסיקער גרויס און גרויסמוטיקייט פון דעם בירגער'ס גייסט. ניט קיין פול־באַלעבטע שטאַטן, ניט קיין גאַסן און דאַמף־שיפן, ניט קיין דערפאָלגרייכע געשעפטן, ניט קיין פאַרמס, ניט קאַפּיטאַל, ניט קיין געלערנטקייט, וועט באַפרידיקן דאָס אידעאַלע אין דעם מענטשן, און אויך ניט צופרידנשטעלן דעם דיכטער.

אַ לעבעדיק פאָלק קען שטענדיק איינשניידן אַ טיפן צייכן און קען האָבן די בעסטע אויטאָריטעט פאַר אַ ביליגן פּרייז—דורך דער אייגענער נשמה. דאָס איז דער סכום פון לוינבאַרן נוצן פאַר יחידים און פאַר טעמעס פון דיכטער.

צוליב וואָס איז נויטיק צוריקצוטרעטן, דור נאָך דור, צו דער געשיכטע פון דעם מזרח? איז דען די שיינקייט און הייליקייט פון דעם וואָס דעמאָנסטרירט זיך איצט, ווינציקער וויכטיק, ווי די שיינקייט און הייליקייט פון די מיטן? פונקט ווי מענטשן קענען זיך ניט אויסצייכענען אין אַלע צייטן! פונקט ווי דאָס אַנטדעקן און דערגרייכן דעם מערב־קאָנטינענט, און דאָס וואָס ס'איז אויפגעטאָן געוואָרן אין צפון־ און דרום־

אַמעריקע, איז ווינציקער וויכטיק, ווי דאָס קליינע שפּיל פון די אַנטיק־צייטן, אָדער ווי דאָס צילאָזע שלאַף־וואַנדלעריי פון דעם מיטל־אַלטער!

●—●

דער אויסדרוק פון דעם אַמעריקאַנער דיכטער דאַרף אַריינדרינגען טיף און זיין ניי. מעגן אַנדערע פעלקער באַזינגען זייערן אַ דור, זייערע מלחמות, אילוסטרירן זייערע צייטן און כאַראַקטערן און מיט דעם זאָל זיך דאָס ליד ענדיקן. ניט אַזוי איז דאָס גרויסע געזאַנג פון דער רעפּובליק. דאָ איז די טעמע שעפעריש און האָט פּערספּעקטיווע. אויב עס קאָן זיין פאַרגליווערטקייט אין דעם פלאַכן מנהג, צי אין גע־האַרכזאַמקייט, אָדער אין געזעץ — דער גרויסער דיכטער, אָבער, גלי־ווערט קיינמאָל ניט. געהאַרכזאַמקייט באַהערשט אים ניט, עס ווערט פון אים באַהערשט.

דער גרויסער דיכטער באַנוצט פריי זיין כוח צו צעשטערן און איבערבויען, אָבער זעלטן נוצט ער זיין כוח אויף אַנצופאַלן. וואָס פאַר־גאַנגען איז פאַרגאַנגען. אויב ער שטעלט ניט אַרויס קיין העכערע מוסטערן און ער איבערצייגט ניט דורך זיך, מיט יעדן טראַט וואָס ער טוט, איז ער ניט דער וואָס מען באַדאַרף.

●—●

דער דיכטער אַרגומענטירט ניט, ער איז אורטייל. ער משפט ניט ווי דער ריכטער משפט, נאָר ווי די זון שפּרייט זיך אַרום אַן אומ־באַהאָלפענער זאַך. צוליב דעם וואָס ער זעט צום ווייטסטן, האָט ער דעם מערסטן גלויבן — זיינע געדאַנקען זיינען הימנעס פון לויב פאַר זאַכן.

דער גרעסטער דיכטער ווייסט קוים וואָס קליינלעכקייט איז, אָדער וואָס נישטיקייט איז. אויב ער אָטעמט אַריין אין עפּעס, וואָס מען האָט פריער געהאַלטן פאַר קליין, ווערט עס פאַרגרעסערט און באַ־לעבט מיט דער גראַנדיעזקייט און מיטן לעבן פון דעם אוניווערז.

דאָס לאַנד און דער ים, די חיות, פיש און פייגל, דער הימל און די שטערן, די וועלדער, בערג און טייכן, זיינען ניט קיין קליינע טעמעס — נאָר מענטשן דערוואַרטן פונעם דיכטער אַנצוצייגן מער ווי די שיינקייט און ווירדע, וואָס איז שטענדיק פאַרבונדן מיט די שטומע, רעאַלע קעגנ־שטאַנדן — זיי דערוואַרטן פון אים, ער זאָל אָנווייזן דעם וועג, צווישן רעאַליטעט און זייערע נשמות.

מענער און פרויען באַנעמען שיינקייט גאָר ניט שלעכט, אפשר אַזוי גוט ווי ער — דער דיכטער. מענטשן וואָס פאַרנעמען זיך לײדנשאַפטלעך מיט יעגעריי; מענטשן, וואָס האָבן ליב דעם וואַלד, וואָס האָבן ליב פרײ אויפצושטיין, קולטיווירער פון גערטנער און סעדער און פעלדער; די ליבע פון געזונטע פרויען פאַר שיינע מענלעכע קערפּערס, ים־רײזנדע, פערד־ריטער, די גאַרונג נאָך ליכט און דעם אָפענעם דרויסן, — דאָס זיינען אַלץ אַלטע, פאַרשידנאַרטיקע באַווייזן פון אומפעלבאַרן געפיל פאַר שיינקייט, און אַז מענטשן, וואָס האָבן ליב דעם דרויסן, פאַרמאָגן דאָס פּאָעטישע. די דיכטער דאַרפן זיי ניט העלפן דאָס צו באַנעמען.

●—●

קלאָרקייט און פלאַנמעסיקייט כאַראַקטעריזירן דעם גרויסן מייסטער: האַלט איין כלל ניט אויס, זיינען אַלע כללים איבערגעפּירט. דער מייסטער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט ניסים. ער מוז זען, אַז ס'איז פאַר אים געזונט צו זיין איינער פון דער מאָסע — ער זעט דעם ריס אין אָפּגעזונדערטער גרויסקייט.

גרויסע מייסטער קענען זיך ניט באַגיין אָן דער אידייע פון פּאָ־ליטישער פרייהייט. וואו נאָר עס זיינען דאָ מענער און פרויען, זיינען העלדן די אָנהענגער פון פרייהייט, אָבער מער פון יעדן, דאַרפן דיכטער זיין די אָנהענגער און באַגריסער פון פרייהייט. זיי זיינען די שטימע און די אויפקלערער פון פרייהייט.

די שטעלונג פון גרויסע דיכטער דאַרף זיין צו דערמוטיקן שקלאַפן און דערשרעקן דעספּאָטן. יעדער דריי פון האַלדז, יעדער טראָט און יעדער קער פון האַנט־געלענק דאַרף זיין פול מיט געפאַר פאַר די לעצטע און האָפענונג פאַר די ערשטע; קום־צו נאָענט צו זיי און כאָטש זיי ריידן ניט און גיבן ניט קיין עצות, וועסטו לערנען פון זיי די אמת'ע אַמעריקאַנער לעקציע.

עס דינען שוואַך דער פרייהייט יענע, וואָס ווערן אַנטמוטיקט נאָכדעם, ווי זייערער אַ פאַרזוך פאַלט דורך, צי איבער דער צופעליקער גלייכגילטיקייט, אָדער אומדאַנקבאַרקייט פון די מאָסן, צי פון דעם, וואָס די מאַכט באַווייזט אירע שאַרפע ציין, אָדער צוליב דעם, וואָס סאָלדאַטן ווערן באַנוצט, אָדער קאַנאָנען, צי וועלכע ניט איז שטראָף פון געזעץ.

●—●

גרויסע דיכטער דערקענט מען אויך דורך דעם, וואָס אין זיי איז ניטאָ קיין שפּיצלעך, און דורך דעם, וואָס מען דערקענט אין זיי פּול־קאָמענע, פּערזענלעכע אָפנהערציקייט.

דער דירעקטער פּרואוו פאַר אים, וואָס דאַרף זיין דער גרעסטער דיכטער, איז דער היינט. אויב ער קען זיך אַליין ניט פאַרפּלייצן מיט דער איצטיקער צייט, ווי מיט אומגעהייערע ים־שטראָמען, און אויב ער קען ניט צוציען זיין אייגן לאַנד — לייב און נשמה — צו זיך און זיך אויפהענגען אויפן האַלדז פון זיין לאַנד מיט אומפאַרגלייכלעכער ליבע און אריינוואַרפן זיינע קרעפטיקע מוסקולן אין די מעלות און חסרונות פונעם לאַנד; אויב ער אַליין ווערט ניט אַ טייל פון דער צייט און אויב עס עפנט זיך ניט פאַר אים די אייביקייט, פאַר וועלכער עס זיינען גלייך אַלע פעריאָדן, אַלע ערטער און פּראָצעסן, אַלע לעבעדיקע און ניט־לעבעדיקע געשטאַלטן; אויב עס עפנט זיך ניט פאַר אים די אייביקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט צייט און הויבט זיך אַרויס פון איר אומבאַגרייפ־לעכער נעפּלדיקייט און אומענדלעכקייט, אין דעם שווימענדיקן געשטאַלט פון איצט — דאַן, זאָל ער בעסער פאַרשווינדן אין אַלגעמיינעם שטראָם און וואַרטן אויף זיין אַנטוויקלונג.

●—●

אינגיכן וועלן מער ניט זיין קיין פּריסטער. זייער אַרבעט איז אָפּגעטאָן. זיי וועלן נאָך אפשר זיין אַ ווײַלע — אפשר אַ דור, צי צוויי און צוביסלעכווייז פאַרשווינדן.

אַ העכערער דור וועט פאַרנעמען זייער פּלאַץ. די קאָסמאָס־מענטשן, די מאַסן־פּראָפעטן, וועלן פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

אַ נייע אָרדענונג וועט קומען. אַ נייער טיפּ מענטש וועט אויפשטיין און יעדער מענטש וועט זיין זיין אייגענער פּריסטער.

דורך זייער אייגענער הייליקייט וועלן די קאָסמאָס־מענטשן און דער נייער דור דיכטער זיין די אויסטייטשער פון מענער און פרויען און פון אַלע געשעענישן און זאַכן. זיי וועלן געפינען זייער אינספּיראַציע אין רעאַלע זאַכן היינט — די סימפּטאָמען פון דער פאַרגאַנגנהייט און דער צוקונפט.

●—●

דער עקשנות׳דיקער שטאַם פון אַ ראַסע, וואָס האָט דורך די פאַרשיידנסטע אומשטענדן אָנגעהאַלטן די אידייע פון פּאָליטישער פרייהייט, וואָס איז דער כאַראַקטער פון יעדער פרייהייט, האָט באַהערשט די אויסדרוקס-מיטלען פון פריידפולע, איידעלע און עלעגאַנטע שפּראַכן. ס׳איז די מעכטיקע שפּראַך פון ווידערשטאַנד, ס׳איז דער דיאַלעקט פון שכל-הישר, ס׳איז די שפּראַך פון די שטאָלצע און בענקענדיקע ראַסן און פון אַלע וואָס שטרעבן הויך; ס׳איז די אויסדערווײלטע שפּראַך פאַרן אויסדרוק פון וואוקס, גלויבן, זעלבסטווירדע, פרייהייט, גערעכטיקייט, גלייכהייט, פריינטלעכקייט, ריזיקייט, ווייזהייט, אַנטשלאָסנקייט און מוט.

די לידער, וואָס זיינען איבערגעגאָסן פון אַנדערע לידער, וועלן מסתמא פאַרשווינדן. דער פייגלינג וועט זיכער פאַרשווינדן.

אַמעריקע גרייט זיך מיט ערנסט און צופרידנקייט אויף די געסט, וואָס האָבן שוין געלאָזט וויסן פון זיך.

דער באַווייז פון אַ דיכטער איז: ווען זיין לאַנד נעמט אים אַריין אין זיך מיט אַזוי פיל ליבע, ווי ער האָט אַריינגענומען דאָס לאַנד אין זיך

ב

פון דעמאָקראַטישע האָריזאָנטן

(געשריבן אין 1867—1868)

דאָס אַלץ־פאַרשלינגענדיקע, מאָדערנע וואָרט ביזנעס האָט איין און איינציקן ציל — דורך אַלע מיטלען, מאַכן געלט. דעם כשוף־מאַכער׳ס שלאַנג אין דער פאַבל האָט אויפגעגעסן אַלע אַנדערע שלאַנגען: געלט־מאַכעריי איז אונזער כשוף־מאַכער׳ס שלאַנג, וואָס איז ביים היינטיקן טאָג דער איינציקער הערשער אויפן פעלד; דאָס בעסטע און שענסטע, מיט וואָס מיר קענען זיך באַרימען, איז אַ באַנדע אַריסטאָקראַטיש־געקליידטע ספּעקולאַנטן און גרוביאַנעס.

אמת, אַז הינטער דעם פאַנטאַסטישן פּאַרס, וואָס ווערט אָפּגעשפּילט אויף דער ווירקלעכער בינע פון דער געזעלשאַפט, ווייט אין הינטערגרונט, מערקן זיך אמת־וואונדערלעכע זאַכן. עס גייט דאָרט אָן אַן אַרבעט, דערווייל נאָך נישט רייף און קלאָר, אָבער מיט דער צייט וועט זי אַרויס־קומען צום פאָדערגרונט און זיך לאָזן הערן, אָבער דאָס מאַכט די אמת׳ע פאַקטן ניט ווינציקער וויכטיק.

וואָס ס׳איז שייך דעם פּאָליטישן טייל פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס גרייט־צו דעם באָדן און פירט פאָראויס צו אַנדערע און ברייטערע ספערן, ווייס איך ניט, צי אפילו ביי אונז אין דער שטאַטן־רעפּובליק, באַנעמט מען דעם גרויסן זין און באַטייט פון דער פראַגע: „די רעגירונג פון דעם פאָלק, דורכן פאָלק, פאַרן פאָלק״, וואָס מיר ירש׳נען פון אייבראהאם לינקאָלנ׳ס מויל — אַ פאָרמולע, וואָס קלינגט ווי אַ ווערטער־שטיפעריי אין איר פשטות, וואָס נעמט אָבער אַרום אין איר אַלץ־אומפאַסנדיקער גרויס דאָס גרעסטע און דאָס קלענסטע, פון וועלכן מיר דאַרפן זיך לערנען.

דאָס פאָלק! ווי די ריזיקע ערד אונזערע, וואָס פאַרן געוויינלעכן טאַקטן־ציילער איז זי פול מיט וואולגאַרע ווידערשפּרוכן און פעלערן, אַזוי איז דער מענטש אין אַלגעמיין גענומען, אַ נישט צופרידנשטעלנדיקע, שטענדיקע רעטעניש און אַ באַליידיקונג פאַר די גלאַט־געבילדעטע קלאַסן; נאָר דער קאָסמיש־גרויסער קינסטלער, אין וועמען עס לויכט

דאָס אומענדלעכע, זעט דעם פאָלק'ס פילפאַכיקע, ים־רייכע אייגנשאַפטן; אָבער די פיינשמעקער, די קולטור־אינטעליגענטן, זיינען געווען און זיינען געבליבן קעגן די מאַסן; זיי קארגן ניט קיין גלאַנץ און קיין פראַכט צו באַפּוצן די שענדלעכסטע פאַרברעכנס און שווייניש פאַרדאָרבנקייטן פון דער פעאָדאַלער און דינאַסטישער וועלט, מיט איר פערסאָנאַל פון לאָרדן און קעניגן אין די קעניגלעכע הויפן, אָבער די פאָלקס־מענטשן קענען ביי זיי ניט קיין גראַמאַטיק און קומען אַרויס ביי זיי פּראָוואָרלאָזט, גראָב און ניט דערצויגן אין זייער זינדיקייט — ליטעראַטור, שטרענג גענומען, האָט קיינמאָל ניט אָנערקענט און אָנערקענט איצט אויך ניט דאָס פאָלק.

●—●

פּאָליטישע דעמאָקראַטיע מיט אַלע אירע דראַענדיקע חסרונות, ווי זי עקזיסטירט און ווערט פּראַקטיש באַנוצט אין אַמעריקע, איז אַ גוטע איבונגס־שול, צוצוגרייטן ערשט־קלאַסיקע מענטשן; זי איז די איבונגס־שול פון דעם לעבן, נישט נאָר פון דעם גוטן אַליין, נאָר פון אַלץ: מיר מאַכן איין פאַרזוך נאָכן אַנדערן, כאָטש מיר פאַלן אָפּט דורך; אַ שטאָלצע באַפרידיקונג, וואָס פאַסט פאַר פרייהייטס־אַטלעטן, פּילט־אָן דעם דאָזיקן שטח — און שוין די האַנדלונגען אַליין באַפרידיקן, נישט געקוקט אויף זייער אויסגאַנג.

וואָס מיר זאָלן ניט דערגרייכן — קאַמפּס־דערפאַרונג דערגרייכן מיר יעדנפאַלס; מיר געווינען אַ פאַרהאַרטעוועטקייט אין קרעפטיקע קאָמ־פּאַניעס, און מיר פּולסירן צום ווינציקסטנס מיט שטרעמונגען און פאַר־זוכן. צייט איז אומבאַגרעניצט, זאָלן די זיגער קומען נאָך אונז. ניט אומזיסט שפּילט דאָס שלעכטע אויך אַ ראָלע ביי אונז.

אורטיילנדיק לויט די הויפּט־מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער וועלט ביז איצט, איז גערעכטיקייט שטענדיק געווען אין געפאַר; עס איז נישטאָ די שעה, וואָס פרידן זאָל ניט טרעטן צווישן לויערנדיקע געפאַרן און עס איז נישטאָ די שטימע, וואָס זאָל ווען ס'ניט איז קענען זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין שקלאַפעריי, עלנט, רשעות, אַ לייכט־גלויביקע באַפעלקערונג און קונציק זיך־בייטנדיקע מאַסקעס פון טיראַנען.

עס טרעפט, אַז די וואָלקנס גייען זיך פאַנאַנדער אויף אַ ווײַלע און די זון שיינט אַרויס, אָבער גאַנץ שנעל לאָזט זיך ווידער די פינצטערניש אַרונטער און עס דאַכט זיך, אַז עס וועט שוין אַזוי שטענדיק זיין, און דאָך געפינט זיך אומשטערבלעכער מוט און וויטזיכטיקייט אין יעדער ניכטערער

נשמה, וואָס קאָן נישט און וועט זיך נישט אונטערגעבן אונטער קיין באַדינגונגען. זאָל לעבן די אַטאַקע! דער באַשטענדיקער אָנגריף! זאָל לעבן די אומפּאָפּולערע אידייע — דער גייסט וואָס צילט דרייסט, די קיינ־מאָל ניט אויפגעגעבענע באַמיאונגען, וואָס ווערן פאַרגעזעצט נאָך אַלע געשטערטע פּרופן און פאַרזוכן.

●—●

אַמאָל, פאַרן בירגער־קריג, בין איך אויך געווען איבערפילט מיט צווייפל און טרויער, (ווי, איך וואָג ניט צו דערציילן, וויפיל מאָל די שטימונג איז מיך באַפאַלן). אַן אויסלענדער, אַ וואוילער, קלוגער מענטש, גאַנץ איינדרוקספול האָט צו מיר געזאָגט: „איך בין אַ סך אַרומגע־פאָרן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און זיך צוגעקוקט צו די פּאָליטישנס און זיך צוגעהערט צו די רעדעס פון די קאַנדידאַטן און געלייענט די צייטונגען און באַזוכט עפנטלעכע פּלעצער און געהערט, ווי מענטשן האָבן צופעליק גערעדט און איך האָב געזען אייער באַרימטע אַמעריקע צעלעכערט פון קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער, פון אַן אומגלויבן אפילו צו זיך אַליין און אין דער אייגענער פּראָגראַם; איך האָב באַמערקט, ווי די אומפאַרשעמטע, העלישע פּנים׳ער פון שקלאַפעריי און לאַנד־צעשפּאַלטנ־קייט האָבן טראַציק אַרויסגעקוקט פון אַלע פענצטער און טירן.

„איך האָב צום אַלעם ערשטן אומעטום געפונען גנבים און טויגעניכטסן, אַלס יענע, וואָס נאָמינירן די רעגירונגס־אַמטן און אַמאָל טרעפט, אַז טאָקע זיי אַליין פאַרנעמען די זעלביקע אַמטן. איך האָב אין די צפון־שטאַטן געפונען פּונקט אַזוי פיל שלעכטס, ווי אין דער סאַוט; פון יענע, וואָס געפינען זיך אין דער נאַציאָנאַלער, שטאַטלעכער און מוניציפּאַלער רע־גירונגס־פאַרוואַלטונג, איז קיין איינציקער ניט דערווילט געוואָרן אויף אַן עכטן אופן, פון דרויסן, פונעם פאָלק, נאָר אַלע זיינען נאָמינירט און דורכגעשטופּט געוואָרן, ביי גרעסערע און קלענערע קאָקוס־מיטינגען פון פּאָליטישנס, און אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער רעגירונג דורך קאָרופּטע גענגס און קאַמפּעינעריי, ניט צוליב זייערע פעיאיקייטן און ניט צוליב זייערע פאַרדינסטן.

„איך האָב אויף אַזאַ אופן באַמערקט, ווי מיאוס די פּאַרטייען מיס־ברויכן די רעגירונג און באַהערשן זי אומפאַרשעמט און אָפן, פאַר אייגענע צוועקן״.

טרויעריקע, טיף־ערנסטע אמת׳ן! און דאָך, זיינען פאַראַן נאָך טיפערע, נאָך מער איבערצייגנדיקע, גרייפנדיקע אמת׳ן: איבער יענע

פּאָליטישנס און גרעסערע און קלענערע גענגס, איבער אַלע זייערע אומ־פאַרשעמטקייטן און באַטרוג און איבער די מעכטיקסטע פּאַרטייען, הויערט הויך אַ כוח, אפשר נאָך נישט אַקטיוו גענוג, ער האַלט אָבער דעם אור־טייל אין די הענט און גרייט זיך צום פּראָצעס פון שטרענגער שטראָף, ווען דאָס וועט פשוט ווערן נויטווענדיק.

●—●

איך טראַכט, אַז נאָך אַלעמען האָט אַמעריקע איצט דערגרייכט דעם וואונדערלעכסטן טייל פון פּאָליטישער געשיכטע אין איר העכסטער הויך. איך ווייס נישט פון קיין בעסערן, מער גראַנדיעזן געברויך און נוצן, קיין מער פּאָזיטיווע איבערצייגונג אין דעם זיגרייכן רעזולטאַט פון גלויבן אין דער מענטשהייט, ווי אַן אַמעריקאַנער, גוט־אויסגעקעמפטע, נאַציאָ־נאַלע וואַל־קאַמפּאַניע.

ווען איך קוק זיך צו צו די גרויס־שטעטיקע מענגעס פון ניו־יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, סינסינעטי, שיקאַגאָ, סט.־לואיס, סאַן־פראַנ־ציסקאָ, ניו־אָרלינס, באַלטימאָר, — ווען איך געפין זיך צווישן די דאָזיקע אומענדלעכע מענגעס פון לעבעדיקע, רוישיקע, גוט־מוטיקע,אומאָפּהענ־גיקע בירגער, אַרבעטער, אָפּיס־אַנגעשטעלטע, יוגנט, נעמט מיך אַרום אַן ערפורכט. ווען איך טראַכט פון אָט דער פרישער, פרייער, ליבנסווירדי־קער, שטאָלצער מאַסע, און איך פיל דערדריקט און פאַר׳חידוש׳ט, וואָס צווישן אונזערע גרויסע און טאַלאַנטפולע שרייבער און רעדנער האָבן נאָר אַ פּאָר און אפשר קיינער פון זיי, ביז איצט, באמת גערעדט פון אָט־די מאַסן, ניט געשאַפן קיין איינציק מאָנומענטאַל ווערק פון זייערטוועגן; ניט איינגעזאַפּט דעם הויפּט־גייסט און די ספּעציפישע אייגנשאַפטן זייערע, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט אין זייער העכסטער גרויס געבליבן איגנאָנצן ניט אָנערקענט, ניט אויסגעדריקט.

●—●

שטאַרק איז דאָס רייך פון דעם קערפּער, שטאַרקער נאָך איז דאָס רייך פון דעם פאַרשטאַנד. אָבער דאָס וואָס האָט ביז איצט אָנגעפילט און פילט נאָך אָן אין דעם איצטיקן טאָג אונזער אינטעלעקט, אונזער פאַנ־טאַזיע, דורך וועלכן מיר שאַפן זיך אונזערע סטאַנדאַרטן, קומט פון דער פרעמד. די גרויסע שאַפונגען—שעקספּיר אַריינגערעכנט, זיינען שעדלעך פאַר דער אידייע, פאַר דעם שטאָלץ און דער זעלבסט־ווירדע פון דעם פשוט׳ן מענטשן, פאַר דעם געזונטן בלוט פון דעמאָקראַטיע.

די מוסטערן פאַר אונזער ליטעראַטור, ווי מיר קריגן זיי פון אַנדערע לענדער פון יענער זייט ים, זיינען געבוירן געוואָרן אין קעניגלעכע הויפן, זיך געוואָרעמט און געוואַקסן אין דער זון־ליכט פון רייכע שלעסער און זיי אַלע שמעקן מיט גנעדיקייט פון פרינצעסינס. מיר האָבן איבערגענוג שאַפונגען פון אַ באַשטימטן סאָרט, וואָס לויט זייער פאַרנעם זיינען זיי פון אַ געוויסן בייטראַג: עלעגאַנט, מיט וויסן, גאַנץ אַנגענעם, אָבער ווען מען שטעלט זיי צו אַ פאָלקס־פּראָבע, ווען זיי ווערן געשטעלט צום פּרוף פון דער דעמאָקראַטישער פּערזענלעכקייט, ווערט פון זיי אַש.

איך זאָג, אַז איך האָב ניט געזען קיין איינציקן שרייבער, קינסטלער, לעקטאָר, וואָס זאָל זיך האָבן געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיט דעם שפּראַכ־לאַזן, נאָר מוטיקן און אַקטיוון, אַלץ־אַרומנעמענדיקן ווילן, און מיט די שטרעמונגען פון דעם לאַנד, אין אַ גייסט, וואָס איז אייגן אין זיך אַליין.

קענט איר אָט די פיין־דערצויגענע, קליינע באַשעפענישן אַנרופן אַמעריקאַנער דיכטער? קענט איר די קליין מטבעה׳דיקע, קליי־טאָפּ־אַרבעט אָננעמען אַלס אַמעריקאַנער קונסט, אַמעריקאַנער דראַמע, אַמערי־קאַנער געשמאַק און ליד? מיר דאַכט זיך, אַז איך הער פון ערגיץ אַ הויכן באַרג־שפּיץ אין דער וועסט דעם פאַראַכטנדיקן געלעכטער פון דעם געניוס פון די דאָזיקע שטאַטן.

●—●

דעמאָקראַטיע וואַרט אין דער שטיל אויף איר אייגענער צייט. זי פאַרטראַכט איר אייגענע אידייע, ניט נאָר פאַר ליטעראַטור און קונסט, ניט נאָר פאַר דעם מאַן, נאָר פונקט אַזוי פיל פאַר דער פרוי — די אידייע וועגן דער אַמעריקאַנער פרוי, (אויסגעפּלאָנטערט פון דער פאַר־פירערישער, פאַרשימלטער, אומגעזונטער לופט, וואָס הענגט אַרום דעם וואָרט: „לעידי״). די פרוי איז אַנטוויקלט און דערצויגן צו געזונטער, גלייכבאַרעכטיקטער אַרבעט און צו קענען זיין די פּראַקטישע און פּאָליטישע דעה־זאָגערין, באַגלייך מיט די מענער,—אפילו וויכטיקער פון די מענער, דורך זייער הייליקער מוטערלעכקייט, זייער באַשטענדיקע הויך־סימבאָלישע אייגנשאַפט—אָבער יעדנפאַל איז זי אַזוי וויכטיק ווי דער מאַן אין יעדער הינזיכט, אָדער ריכטיקער, פּייאַיק דאָס צו ווערן, אַזוי שנעל, ווי די פרוי וועט דאָס באַגרייפן.

עס הערט זיך שוין דער געמורמל פון עפּעס, וואָס איז מער רעוואָ־לוציאָנער. דער טאָג קומט אָן, ווען גרינטלעכע פּראַגעס וועגן דער פרוי׳ס אַריינטרעטן אין צענטער אַרענע פון דעם פּראַקטישן לעבן, פּאָליטיק,



וואָלט וויטמאַניס געבורט־פּלאַץ אין וועסט הילס, לאָנג איילאַנד

גלייכבאַרעכטיקונג א. אַז. וו., וועלן ניט נאָר דיסקוסירט ווערן אומעטום אַרום אונז, נאָר וועלן אַנטשיידעט ווערן און אַנגעווענדעט ווערן אין ווירק־לעכן עקספּערימענט.

פאַרשטייט זיך, אַז דערצו איז נויטיק, ביי אונז אין די שטאַטן, איבערצוטיילן די ראָלעס פון דעם טיפּאַזש און באַפרייען די פּערזענלעכ־קייט פון די איינפלוסן, וואָס די אָריענטאַלע, פעאָדאַלע און קירכעלעכע וועלט האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז, איינפלוסן, וואָס באַהערשן נאָך דאָס פעלד פון וויזיע און עסטעטיק אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, און כאָטש זיי מעגן זיך זיין פון אַ געוויסן נוצן אַלס אַ שטודיע פון בילדלעכקייט און מעלאָדראַמע, זיינען אָבער די איינפלוסן פון גרויס שאָדן מיט דעם, וואָס זיי שלעפּן אַרויף דעם אַמאָל אויף אונזער סצענע און אונזערע באַ־דערפענישן.

מיר האָבן אָפּט באַנוצט דאָס וואָרט: דעמאָקראַטיע, דאָך מוז איך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל איבער׳חזר׳ן, אַז דער אמת׳ער תמצית פון דעם וואָרט איז נאָך נישט אויפגעוועקט געוואָרן פון טיפן שלאָף, נישט געקוקט אויף די שטורעמס, וואָס די זילבן פון דעם וואָרט, דורך מויל און פען, האָבן שוין ביז איצט אַרויסגערופן.

ס׳איז אַ וואונדערלעך וואָרט, וועמענס געשיכטע עס איז נאָך ביז איצט ניט געשריבן געוואָרן, ווייל יענע געשיכטע דאַרף זיך ערשט אָפּ־שפּילן. אין אַ געוויסן זין איז דאָס וואָרט: דעמאָקראַטיע, אין גרויס קרובה׳שאַפט צו אַ צווייט וואונדערלעך וואָרט, וואָס ווערט אַ סך גענוצט — דאָס וואָרט: נאַטור, וועמענס געשיכטע עס וואָרט נאָך אויך ערשט אָנגעשריבן צו ווערן.

ווי איך זע עס, זיינען די טענדענצן פון דעם הייניטיקן טאָג אין די שטאַטן גענויגט צו אַזעלכע אומגעהייערע מאָראַלע און פיזישע איינ־פלוסן אין דער מענטשהייט און אַלץ־ארומנעמענדיקע באַוועגונגען, וואָס דריקן זיך אויס אויפן זעלביקן שטייגער, ווי די אימפּולסן פון די נאַטור־עלעמענטן.

●—●

אַמעריקע האָט נאָך נישט אַרויסגעלאָזן קיין אייגנאַרט, ניט מאָ־ראַליש, ניט קינסטלעריש. באַזונדערס באַמערקט מען ניט אין אַמעריקע, אַז די מוסטערן פון פּערזאָנען, ביכער, מאַניערן א. אַז. וו., וואָס האָבן זיך געפּאַסט פאַר פריערדיקע באַדינגונגען און פאַר אייראָפּייאישע לענדער, זיינען דאָ פרעמדע עקזאָטיק.

קיינע פון די שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער אויבער־פלאַך פון יענעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, גייען ניט מיט און שטראָמען ניט אַריין אין סאָציאַלער, אָדער עסטעטישער דעמאָקראַטיע. פאַרקערט, יענע שטרעמונגען גייען גראַד קעגן דעם.

אָבער אפילו אין דער אַלטער וועלט האָט קיינמאָל ניט געהערשט אַזאַ דרויסנדיקער פוץ, אַזוי פיל גייסטיקער אָנשטעל און באַרימעריי, געבויט אויף קאַסטע, אויף זעלבסט־צופרידנקייט און דורכאויס דרויסנדיקער דעראָבערונג; קיינמאָל האָט זיך ניט געמערקט אַזאַ געשיקטקייט, קליגלעריי און אַ יאָגעניש איבערצושטייגן, ווי דאָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ הויך־פונקט, אויף דער אויבערפלאַך פון דעם איצט, אין די שטאָטן.

די שרייבער פון אַ באַשטימטער צייט זאָגן־אונטער די געטער זייערע מאָטאָס און די זעלביקע שטימעס זאָגן, אַז דאָס מאָדערנע וואָרט, איז דאָס וואָרט: קולטור. זעץ איך ניט אויס אַזויפיל קעגן דעם נאָמען, צי קעגן דעם וואָרט, נאָר איך פאָדער דורכאויס, אין די אינטערעסן פון די שטאָטן, אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון קאַטעגאָריעס אין דעם פאַנאַנדער־טייל פון ראַנגען.

איך פאָדער אַ קולטור־פּראָגראַם אויסגעלייגט, ניט נאָר פאַר אַן אייג־ציקן קלאַס, צי פאַר די סאַלאָנען און לעקציע־זאַלן, נאָר מיטן אויג אויפן פּראַקטישן לעבן, מיטן בליק צו דער וועסט, צום אַרבעטער, צו די פאַקטן פון די פאַרמס, געצייג און אינזשינערן, צו די ברייטע שיכטן פון די פרויען און פולשטענדיקע פריהייט פון דער פרוי און אויך אין שיכות צום מיטל־קלאַס.

איך פאָדער פון אַזאַ פּראָגראַם אַזאַ ענדציל, וואָס זאָל זיין ברייט־מוטיק גענוג איינצושליסן דעם ברייטסטן מענטשן־שטח, און אַלס רוקנ־ביין פון אַזאַ פּראָגראַם דאַרף זיין דער צוועק אויסצופאָרמירן אַ טיפּישן, אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, וואָס זאָל זיין צוגענגלעך פאַרן געברויך פון דעם גרויסן דורכשניט פון דער מענטשהייט.

וואָס אייגנטלעך ווילן מיר פון אַ ליטעראַטור פאַר אונזער נייער וועלט? האָבן מיר דען ביז איצט ווינציק דערגרייכט? ווערט דען ניט איצט פאַרברויכט אין די פאַראייניקטע שטאָטן, זאַץ און דרוק־מאַשין אַר־בעט מער, ווי אין וועלכן ס׳ניט איז אַנדער לאַנד? ווערן דען דאָ ניט אויסגעשפּיגן און פאַרשלונגען מער אויסגאַבעס ווי אין אַנדערע לענדער?

ווערן דאָך פאַרלעגער ביי אונז שנעלער פעט ווי אומעטום (זיי מאַכן זיך באַקוועם אונטערן שוץ פון אַ פאַרפירערישן און גניבה׳שן געזעץ,

אָדער ריכטיקער, געזעצלאָזיקייט, וואָס הערשט אויפֿן געביט פֿון זשורנאַלן, אויסגאַבעס פֿון פּאָעזיע, געשיכטע, ראָמאַנטיק, הומאָריסטישע און בילדער־זשורנאַלן, פֿאַר וועלכע זיי צאָלן ניט און שטעלן זיך ווילד קעגן יעדער מינדסטער פֿאָדערונג פֿאַר געזעצלט).

איך זאָג, אַז אַ פֿאָלק קאָן פֿאַרמאָגן און צירקולירן מיט טייכן און ים׳ען לייען־מאַטעריאַל פֿון דעם סאָרט, וואָס די שטאָטן פֿאַר־מאָגן און צירקולירן אין דער איצטיקער צייט, און דאָך איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַזאַ לאַנד פֿאַרמאָגט אינגאַנצן ניט קיין ליטעראַטור.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אונזער איצטיקע אַזוי־גערופֿענע ליטעראַטור, ווי אַ ריזיקע אָנזאַמלונג פֿון קליינע מטבעות, איז פֿון אַ געוויסן נוצן, אָבער צי גייט די ליטעראַטור פֿאָראויס? צי איז זי פֿאַר אַ געוויסער צייט געגאַנגען פֿאָראויס?

געוויס איז דאָ עפּעס איינדרוקספֿולעס אין די ריזיקע טעגלעכע צייטונגען און וועכנטלעכע אויסגאַבעס, אָבער קיין ערשט־קלאַסיק ווערק, קיין איין גרויסן שרייבער אויפֿן פֿעלד פֿון דעם שעפֿערישן, גיבן די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן ניט אַרויס. דער צוועק פֿון דער ליטעראַטור דאָ איז צו אַמוזירן, צו קיצלען און פֿאַרטרייבן צייט, צו צעטראָגן נייעס און דאָס וואָס מען רעדט וועגן נייעס; צו גראַמען און לייענען גראַמען. דאָס אַלץ איז איצט אין אַן אומענדלעכער מאָס.

דאָס געיעג צווישן שרייבער, ספּעציעל נאָוועליסטן, פֿאַר דעם אַזוי גערופֿענעם דערפֿאָלג פֿון זייערע ביכער, דערפֿירט די ליטעראַטור צו אַ נידעריקן, פֿלאַכן דורכשניט, דורך וועקן די אַפּעטיטן פֿאַר דעם סענסאַ־ציאָנעלן, פֿאַרן צופֿאַל, פֿאַר אויפֿרעגונג, פֿאַר לצנות; שילדערונגען גייען ביי זיי ניט ווייטער פֿון דעם געוויינלעכן סאָרט פּעפּערדיקע גע־שיכטעס פֿונעם דרויסנדיקן לעבן.

●—●

וואָס איז די סיבה, וואָס ביי אונז אין לאַנד, אין אונזער צייט, מערקט זיך ניט קיין לאָקאַלער מוט, קיין אייגענע קלאָרקייט? וואו איז דער מיסי־סיפּי, דער קרעפֿטיקער מענטש פֿון דער וועסט, פֿון דער סאַוט? וואו זיי־נען די אמת׳ע קערפּערלעכע און גייסטיקע פֿאַקטן, אין דעם צוזאַמענשטעל פֿון אונזער ליטעראַטור? באַזונדערס אין דער פּאָעזיע? אַנשטאָט מיר זאָלן געבן אונזער אייגענע קראַפֿט, גיבן מיר אַ בינטל פֿראַנטן און איבער־זעטיקטע פּוסט־און־פּאַסניקעס, אויסגעפּוצטע, אימפּאָרטירטע מענטשעלעך,

וואָס פאַרפּלייצן אונז מיט זייערע וואָסערדיקע סענטימענטן פון סאַלאָנען, פּאַראַסאָלן, פּיאַנע־לידלעך, קלינגענדיקע גראַמען, וואָס זיינען שוין צום פינף־הונדערטסטן מאָל אַהער אימפּאָרטירט געוואָרן; אָדער מען גיט אונז אַ זיפּצעניש און כליפּעניש וועגן עפּעס; זיך יאָגנדיק פון איין צעקראָ־כענער איינבילדונג צו דער אַנדערער, שילדערט מען מענטשעלעך, וואָס פירן שטענדיק אומפאַרדייענדיקע ליבעס מיט פרויען, וואָס ליידן פון אומפאַרדייאונג.

אין אַזאַ צייט, אין אַט דער נייער וועלט, ווען רעוואָלוציעס און די וואונדערלעכסטע געשעענישן אין דער געשיכטע טראָגן זיך מיט אומ־פאַרגלייכלעכער שנעלקייט און שיינקייט איבער אונז און איבער אַלע קאָנ־טינענטן, געשעענישן וואָס ברענגען מיט זיך נייעם מאַטעריאַל, פאַנאַנ־דערשפרייטנדיק נייע האָריזאָנטן, וואָס רופן אַרויס גרעסערע באַדערפעניש־נישן, אַ געוואַגטערן אָנבאָט פון נייערע באַגריפן אין דער ליטעראַטור, דאָס נייע, וואָס שטייגט צו די העכסטע ספערן אין העכסטן דינסט פון דער קונסט, שעפנדיק באַגייסטערונג פון אונזער אַקטואַליטעט, — איז וואו־זשע איז ער, דער שעפער פון וואָרט? וואו איז דאָס בוך, וואָס שטעלט זיך אַ וויכטיקערן ציל, ווי נאָכצופאָלגן אין די אַלטע וועגן, איבער׳חזר׳ן וואָס ס׳איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, טריאומפירן מיט אַ רייכן ביכער־פאַרקויף און זוכן אויסצווזן אינטעלעקטועל און עלעגאַנץ?

קוקט זיך צו צו די וועגן און פראָצעסן, דורך וועלכע די פאַר־איניקטע שטאַטן האָבן דערגרייכט צום איצט.

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אייראָפּייאישע רייזע־מעשות, דאָס אַנ־טיקוואַרע, דאָס אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע, אַלטע מעשות, ניסים, ראָמאַנ־טיק, בעת ביי אונז געשעען שנעל אומגלויבלעך, אייגענע אומצווייפלבאַרע פאַקטן, פלאַמענדיק העל ווי פייער! פון די געשעענישן פון קאָלומבוסעס צייטן אָן, ביז דעם היינטיקן טאָג, באַזונדערס דעם לעצטן בירגער־קריג — ווען איך פאָרש די געשיכטע איבער די אַלע געשעענישן, ריר איך אָן יעדן בלאַט באַזונדער, זיך צו איבערצייגן, צי האָב איך ניט קיין טעות, צי האָב איך זיך ניט פאַרלוירן עפּעס אין אַ חלום — אָבער ס׳איז ניט קיין חלום, מיר לעבן און באַוועגן זיך אין דעם ריזיקן שטראָם פון אונזער מאַטעריאַליסטישער צייט און איר גייסטיקייט; מיר האָבן איינ־געפונדעוועט פאַר זיך דאָס רעאַלסטע פון אַלע לענדער; די גרינדער פון דעם אַלץ זיינען שוין אַוועק אין אַנדערע ספערן, אָבער וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פליכטן זיי האָבן פאַר אונז געלאָזט!

אַמעריקע פאַדערט אַ פּאָעזיע, וואָס איז געוואַגט, מאָדערן, אַלץ אַרומנעמענדיק און קאָסמיש, ווי דאָס לאַנד אַליין איז. די פּאָעזיע טאָר פאַר קיין פאַל ניט איגנאָרירן די וויסנשאַפט און דאָס מאָדערנע, נאָר פאַר־קערט, אינספּירירט ווערן פון דער וויסנשאַפט און דעם מאָדערנעם, זי מוז ווענדן אירע וויזיעס מער צו דער צוקונפט, ווי צו דער פאַר־גאַנגענהייט.

ווי אַמעריקע אַליין האָט זיך באַפרייט, אַזוי מוז זי זיך אויך באַפרייען אפילו פון די גרעסטע ווערק פון דער פאַרגאַנגענהייט. זי קען זיך באַ־ציען צו זיי מיט דרך־ארץ, אָבער זי דאַרף האָבן פולשטענדיקן גלויבן אין זיך און אין די פּראָדוקטן פון איר אייגענעם דעמאָקראַטישן גייסט.

ווי אַמעריקע אַליין, אַזוי מוז אויך די פּאָעזיע אויסקשטעלן אין דער פאָדערשטער ריי — און האַלטן הויך דורך אַלע געפאַרן — די פאָן פון דעם הייליקן שטאָלץ פון דעם מענטשן אין זיך אַליין.

מענטשן האָבן זיך שוין גענוג צוגעהערט צו לידער, אין וועלכע די דורכשניטלעכע מענטשהייט בויגט זיך נידעריק, אַ געהאַרכזאַמע, אַ באַ־ליידיקטע, אַנערקענענדיק העכערע פון זיך. אַמעריקע דאַרף ניט אַזעלכע לידער: שטאָלץ, פול־ברוסטיק און פול מיט זעלבסט־ווירדע, דאַרף זיין דאָס געזאַנג, וואָס אַמעריקע איז גרייט צו הערן מיט צופרידנקייט.

פאַרשטייט זיך, מען קאָן ניט דערוואַרטן, אַז די איצטיקע איינגע־פונדעוועטע ליטעראַרישע פּאָזיציעס זאָלן אַנטפּלעקן דאָס עכטע גאָלד, די אמת׳ע עדלשטיינער. דאָס געניוס־קינד פון דעם אַמעריקאַנער אויסדרוק שלאָפט נאָך ערגעץ ווייט אַוועק, גליקלעכערווייז, ניט דערקענט און ניט באַשעדיקט פון די ליטעראַרישע קרייזן — די קונסט־שרייבער, רעדנער און קריטיקער פון די סאַלאָנען.

אויסמיידנדיק די העכסט־ראַפינירטע, אימפּאָרטירטע, אַזוי־גערופענע טעמעס פון ספּעציעלן גאָלדענעם שניט; אויסמיידנדיק דעם סענטימענ־טאַלן שמעטערלינג־פלאַטער, וואָס רופט אַרויס צאַרטע אויפרעגונג אין די ליטעראַרישע קרייזן און דאַרף זיך היטן ניט אויפצורייצן די עמפּינד־לעכע הויט פון די איידל־געקינסטלטע שפּינוועב־פיינשמעקער, דאָס וואָס באַפרידיקט די איינגעפונדעוועטע פּאַרלעגער, — שלאָפט עס נאָך ערגיץ דאָס געניוס־קינד אין אַ דיאַלעקט פון דער וועסט, צי אין אַ היימישן וויץ פון מישיגען צו טענעסי, אָדער גאָר אין אַ גאַסן־אויסדרוק, אין אַ לידל, אָדער אַ באַמערקונג פון אַן אַרבעטער אין מאַנהעטן, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר. עס געפינט זיך אפשר דער פאָלקס־געניוס אין די וועלדער פון

מעין, אָדער אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטיבל פֿון אַ קאַליפֿאָרניער מאַינער. אפֿשר געפֿינט זיך עס אויף די ראָקי־בערג צי ביי די פּאַסיפֿיק באַן־ליניעס, אָדער ביי די פֿאַרמערס פֿון צפֿון־מערב, אָדער ביי די קאַנאַדער, צי גאָר ביי אַ שיפֿער־מאַן אויף די אָזערעס.

דאָס זיינען אודאי רויע און פּראָסטע פּלאַנץ־בייטן, אָבער נאָר פֿון אַזעלכע אָנהויבן און מאַטעריאַלן, היגע איינגעבוירענע, קענען מיט גליק אָנהויבן וואַקסן, זיך אָננעמען שפּראָצן און בליען מיט אַן עכט אַמעריקאַנער אַראָמאַט און טראָגן פּרוכטן אמת׳דיקע, דורכאויס אונזערע אייגענע.

איך זאָג, אַז עס וואָלט געווען אַ שטענדיקע חרפּה פֿאַר די שטאַטן, איך זאָג, אַז עס וואָלט געווען אַ חרפּה פֿאַר יעדן פֿאָלק, וואָס צייכנט זיך אויס דורך פֿאַרשידנאַרטיקייט, אומגעהייער ריזיקער טעריטאָריע, פּראָדוקטן, דערפֿינדערישע אַקטיוויטעטן, מיט גלענצענדער פּראַקטישקייט פֿון די מענטשן — אַז אַזאַ לאַנד זאָל זיך נישט קענען אויפֿהויבן און שטייגן איבער אַנדערע, אויך אין ליטעראַרישן און קינסטלערישן סטיל און אין אייגענעם באַשאַף פֿון אינדוסטריעלע און עסטעטישע קונסט־ווערק, אין איינקלאַנג מיט זיך אַליין.

וואָלט וויטמאַן

ביאָגראַפיש-קריטישע פאַרצייכענונגען

עס בלייבט דער עבר הינטער אונז,
מיר רייסן זיך אַריין אין אַ וועלט אַ נייער, —
אַ מעכטיקע, אַן אַנדערשדיקע וועלט.
פריש און שטאַרק איז אונזער ניי־פּאַרכאַפּטע וועלט —
אַ וועלט פון מאַרש און אַרבעט.
פּיאָנערן ! אָ, פּיאָנערן !

1

דעם 31טן מאַי, 1819, איז אין וועסט הילס, לאָנג איילאַנד, געבוירן געוואָרן וואָלט וויטמאַן, דער זינגער פון דער „נייער וועלט“, דער ערשטער גרויסער דיכטער אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, וואָס האָט אין סאַמע אָנהויב, אין סאַמע אויפבלי פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישער דע־מאָקראַטיע, אומקאָמפּראָמיסלעך איבערגעריסן מיט די טעמעס און קונסט־טראַדיציעס פון דער „אַלטער וועלט“ און מוטיק אויפגענומען **די נייע טעמע**, די טעמע פון אַרבעט — זינגענדיק אין אַ נייער און פרייער פאָרם דאָס געזאַנג פון דעם דורכשניטלעכן אַרבעטנדיקן מענטשן, האָט ער געשאַפן אַ געזונטע און קרעפטיקע ליריק, וואָס טראָגט אין זיך דעם אָנזאָג אויף **סאָציאַליטישער פּאָעזיע**.

וויטמאַנ'ס דערשיינען אויפן אַמעריקאַנער ליטעראַרישן האָריזאָנט איז ניט געווען צופעליק. ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען דער זיג פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט איז נאָך געווען פריש; דער גלי פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פאַר אַמעריקאַנער זעלבסטשטענדיקייט איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן אויסגעלאָשן; דער טינט, מיט וועלכן דזשעפערסאָן האָט געשריבן די ווערטער: „לעבן, פרייהייט און רעכט אויף גליק“, איז נאָך געווען פריש אויפן פּאַפּיר, און די פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן מיט זייערע לעבנס באַפרייט דאָס לאַנד פון דעם ענגלישן יאָך, האָבן נאָך געהאַט די אילוזיע פון אַן אייגן באַפרייט לאַנד מיט ריזיקע מעגלעכקייטן פאַר אַרבעט, וואוקס און אויפבלי, אונטער אַ נייער אָרדע־נונג — די נייע אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

וואָלט וויטמאַן, אַ קינד פון אַרבעטנדיקן פאָלק, דערצויגן אין אַ סביבה פון פּראָסטע געזונטע מענטשן, האָט דורך זיין געניאַלן חוש פאַרן לעבן און פאַרן אמת'ן זין פון דעם לעבן, אויפריכטיק געגלויבט אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, ווי אין אַ נייער אָרדענונג, וואָס אויב זי איז נאָך אַליין אין זיך, ניט פולקאָם און צופרידנשטעלנדיק, האָט זי

אָבער אויף אַזוי פיל צעריסן מיט דער אַלטער וועלט פון אונטערדריקונג און אומגלייכהייט, אַז אַט די דעמאָקראַטיע וועט מיט דער צייט פירן צו אַ נייער אָרדענונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט:

„מיר האָבן אָפּט באַנוצט דאָס וואָרט: דעמאָקראַטיע, דאָך מוז איך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל איבעריחזרין, אַז דער אמתיער תמצית פון דעם וואָרט איז נאָך נישט אויפגעוועקט געוואָרן פון טיפן שלאָף, נישט געקוקט אויף די שטורעמס, וואָס די זילבן פון דעם וואָרט, האָבן שוין ביז איצט אַרויסגערופן."

אין זיין גרויסער באַגייסטערונג פאַר אַמעריקע, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דעם אייראָפּייאיש־מיטלאַלטערישן דעספּאָטן־געזינדל, האָט וויטמאַן ניט געגלויבט און ניט געוואָלט גלויבן, כאָטש ער האָט צו אָפּט בולט געזען, אַז פאַר זיינע אויגן וואַקסט אַ יונגער, ברוטאַלער קאַפּיטאַליזם, וואָס גייט להיפּוך צו אַלע זיינע האָפענונגען.

ער האָט עס געזען און וועגן דעם געזונגען אין אַ סך פון זיינע לידער און אין זיינע: „דעמאָקראַטישע האָריזאָנטן" זאָגט ער:

„דאָס אַלץ־פאַרשלינגענדיקע, מאָדערנע וואָרט ביזנעס האָט איין און איינציקן ציל — דורך אַלע מיטלען, מאַכן געלט. דעם כשוף־מאַכערים שלאַנג אין דער פאַבל האָט אויפגעגעסן אַלע אַנדערע שלאַנגען: געלט־מאַכעריי איז אונזער כשוף־מאַכערים שלאַנג, וואָס איז ביים היינטיקן טאָג דער איינציקער הערשער אויפן פעלד; דאָס בעסטע און שענסטע, מיט וואָס מיר קענען זיך באַרימען, איז אַ באַנדע אַריסטאָקראַטיש־געקליידטע ספּעקולאַנטן און גרוביאַנעס."

און ווייטער זאָגט ער:

„וואָס סיאיז שייך דעם פּאָליטישן טייל פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס גרייט־צו דעם באָדן און פירט פאָראויס צו אַנדערע און ברייטערע ספערן, ווייס איך ניט, צי אפילו ביי אונז אין דער שטאַטן־רעפּובליק, באַנעמט מען דעם גרויסן זין און באַטייט פון דער פראַגע: „די רעגירונג פון דעם פאָלק, דורכן פאָלק, פאַרן פאָלק",

וואָס מיר ירשינען פון אייבראהאם לינקאָלנס מויל — אַ פאָרמולע, וואָס קלינגט ווי אַ ווערטער־שטיפעריי אין איר פשטות, וואָס נעמט אָבער אַרום אין איר אַלץ־אומפאַסנדיקער גרויס דאָס גרעסטע און דאָס קלענסטע פון וועלכן מיר דאַרפן זיך לערנען."

עס איז געווען זיין אומענדלעכער טיפער גלויבן אין די פאָלקס־מאַסן, אין זייער אויפריכטיקן חוש פאַרן לעבן, פאַר אמת און יושר, וואָס האָט אים געגעבן די אילוזיע, אַז אַמעריקע איז שוין איצט דאָס לאַנד פון זיין צוקונפטיקער דעמאָקראַטיע.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין וויטמאַנ׳ס צייטן איז נאָך אין אַמעריקע ניט געווען קיין באַזונדער־אָרגאַניזירטער אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל דורך זיין אייגענעם ז י י ן , און דורך זיינע אָרגאַניזירטע קאַמפן אונטער־שטרייכן דעם צווייטן קלאַס — דעם קאַפּיטאַליסטישן; אָבער וויטמאַן האָט זיך צוגעהערט צום גייסט פון דער צייט:

„עס הערט זיך שוין דער געמורמל פון עפּעס, וואָס איז מער רעוואָלוציאָנער."

זאָגט ער אין אַ צווייטן פלאַץ. אין זיינע לידער, אין זיינע עסייען און אין זיינע געשפּרעכן מיט האָראַס טראָבעל האָט ער זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אומגעקערט צו זיין גלויבן אין די מאַסן, אַז זיי וועלן אָוועקשטעלן אויף אַ געזונטן באָדן דעם סדר פון אַ נייער וועלט.

2

וועסט הילס־פאַרם איז געווען די היים פון אַ לאַנגער קייט וויטמאַן דורות — גרויס־וואוקסיקע, געזונטע, פשוט׳ע אַרבעטזאַמע מענטשן. אַזוי איז אויך געווען וויטמאַנ׳ס פאָטער, דער סטאָליער וואָלטער וויטמאַן. און וועגן זיין מוטער, זאָגט וויטמאַן:

„סיהאָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט און גוט דערצויגן אַ זעלטן גוטע מאַמע".

פון רעליגיע און רעליגיעזע צערעמאָניעס האָט מען אין סטאָליער׳ס הויז ניט געהאַלטן. אַכט קינדער האָבן די וויטמאַנ׳ס געהאַט, פון

וועלכע וואָלט איז געווען דער צווייטער, און לויט דעם געוויינלעכן פּאָלקס-שטייגער, זיינען די קינדער געוואַקסן אָן שטרענגער אויפזיכט. דאָס האָט דער קליינער, געזונטער וואָלט אויסגענוצט, זיך געגומען חבר'ן מיטן „ווילדן" דרויסן און געוואָרן אָן אָפטער גאַסט ביים רוישיקן ים־ברעג פּאָמאָנאָק:

„ווייל איינמאָל, און מער ווי איינמאָל, אומבאַמערקטערהייט,
צום ברעג פון ים זיך שלייכנדיק,
שטיל, מיידנדיק לבנה־שיין, מיט שאָטנס זיך צונויפגיסנדיק, —
כיגעדענק נאָך איצט די אומדייטלעכע געשטאַלטן,
די עכאָס, די פאַרשיידענע קלאַנגען און דאַכטעניש,
דאָס כוואַליענדיקע ווייס, אומדערמידלעך שלאָגנדיק אָן ברעג —
און איך, אַ קינד, אַ באָרוועסער, מיט האָר צעשויבערטע אין ווינט,
האָב לאַנג און לאַנג געהערט.
געהערט צו געדענקען, צו זינגען, איבערזעצנדיק איצט די טענער,

ווען וואָלט פלעג צוריקקומען אַהיים פון זיינע פרייע עקסקורסיעס, האָט ער ליב געהאַט צו הערן זיין באָבע אַנאַ דערציילן געשיכטעס פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, וואָס זי האָט אַליין בייגעוואוינט, — געשיכטעס וועגן אייגענע, וואָס האָבן זיך העלדיש באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע; וועגן אַ נעכעמיע וויטמאַן, וואָס איז געפאַלן אין אַ ברוקלינער שלאַכט און וועגן איר אייגענעם פעטער, וואָס איז אומגעקומען אַלס געפאַנגענער אין ענגלישער טורמע.

מען קאָן זיך דערפאַר פאָרשטעלן, ווי גליקלעך דער פינף־יאָרי־קער וואָלט האָט זיך געפילט, ווען אין 1824, אין דעם יאָר, וואָס די סטאַליער־פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעקליבן פון וועסט הילס קיין ברוקלין, האָט ער בייגעוואוינט אַן עפנטלעכע צערעמאָניע, וואו גע־נעראַל לאַפאַיעט, וואָס האָט געקעמפט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, איז געווען דער הויפּט־גאַסט. ביי דער געלעגנהייט האָט אים לאַפאַיעט באַמערקט, אים גענומען אויף די הענט און אַ קוש געטאָן; דאָס איז געבליבן אין וויטמאַנ'ס זכרון, ווי מען קאָן זען פון זיינע מעמוארן־בלעטלעך: „מוסטער־טעג", וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין זיינע על־טערע יאָרן.

וויטמאַנ'ס „סיסטעמאַטישע בילדונג" איז באַשטאַנען פון פיר יאָר דאָרף־שולע — פון 1824 ביז 1828. פון יענער שול איז וויטמאַן אַריבער

אין „דער שול פון לעבן״, וואו ער האָט אויף אַ פּליסיקן שטייגער זיך געלערנט און זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גאַניאַלער שילער.

ווען וואָלט איז אַלט געווען צען יאָר, האָט ער שוין געאַרבעט אין אַ לאָיער׳ס אָפיס. אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען ביכער, וואָס זיין באַלעבאָס האָט אים געהאָלפן קריגן.

אין יאָר 1831 איז ער אָנגעקומען אַלס לערן־אינגל אין דער היימי־שער דרוקעריי פון דעם: „לאָנג איילאַנדער פּאַטריאָט״. דאָרט, דער־ציילט וויטמאַן, האָט געאַרבעט אַן אַלטער שריפטזעצער מיטן נאָמען וויליאַם האַרטשאָרן — „אַ טיפּ פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע״. זיי זיינען געוואָרן נאָענטע פריינט. דער זעצער האָט געהאַט אַ סך צו דער־ציילן „פון לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן״, און וואָלט איז געווען אַ גוטער צוהערער.

אין וויטמאַנ׳ס מעמואַרן־בלעטלעך איז אויך פאַרצייכנט אַ וויכטיקער מאָמענט פון זיין יונג־אינגלש לעבן — אַן אָוונט אין 1930, ווען זיינע טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען געווען גענייגט צום קוועיקערטום, האָבן אים מיטגענומען הערן דעם דאַמאָלס פּאָפּולערן קוועיקער פּריידיקער, עליאַס היקס, וועלכער האָט יענעם אָוונט גערעדט אין אַ ברוקלינער טאַנץ־זאַל.

ווען וויטמאַן איז אַלט געווען זעכצן יאָר איז ער שוין געווען אַ גע־זונט אַנטוויקלטער, שטאַרקער בחור. ער איז געווען אַן אַקטיווער מיט־גליד אין אַ צאָל דיסקוסיע־קלובן; האָט געשלונגען ראָמאַנען, וואָסערע ער האָט נאָר געקענט קריגן, און האָט ליב געהאַט צו גיין אין טעאַטער. אין יענער צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ דרוקעריי אין ניו־יאָרק.

אין עלטער פון 17 ביז 20 יאָר, איז ער געווען אַ לערער אין די דאָרף־שולעס אַרום לאָנג איילאַנד געגנט. ווי זיינער אַ שילער פון יענער צייט; י. ה. פּראַט, דערציילט אין זיין בוך: „וואָלט וויטמאַן״, איז דער מעטאָד פון וויטמאַנ׳ס לערנען אין די קלאַסן געווען „אַ מאָדנער״: ער האָט געלערנט אַן טעקסט־ביכער, אָבער דערפאַלגרייך איז ער געווען. ער פלעגט זיך האַלטן פריי מיט די שילער.—„פאַר די קלאַסן, בעת׳ן איבער־רייס, און נאָך די קלאַסן איז ער געווען אַ אינגל צווישען אינגלעך״.

וויטמאַן האָט שוין דאַן געשריבן לידער און פאַרזייט דעם געזונטן זאָמען, וואָס איז שפּעטער אויפגעגאַנגען אין זיינע טיף־מענטשלעכע: „בלעטלעך גראָז״.

3

וויטמאַן האָט ניט געהאַלטן פון דער שרייב־קונסט אַלס אַ זאַך פאַר זיך אַליין, אָפּגעריסן פון דעם לעבן, א י ב ע ר דעם לעבן. ער האָט דורך אַלע יאָרן פון זיין לעבן און שאַפן פיינט געהאַט דעם „שרייבער", דעם „קינסטלער", וואָס קוקט אויף זיך און אויף זיין קונסט, ווי אויף עפּעס אַ העכערן ראַנג אין דער געזעלשאַפט. „איך האָב ניט ליב דעם ליטעראַרישן מענטשן ווי אַ ליטעראַרישן מענטשן", האָט וויטמאַן געזאָגט אין זיינע עלטערע יאָרן צו האָראַס טראַבעל. אויף זיך אַליין האָט ער קיינמאָל נישט געקוקט ווי אויף אַ „פּראָפעסיאָנעלן שרייבער", אַ „פּראָפעסיאָנעלן קינסטלער"; ער האָט ניט „געשאַפן" קיין „קונסט", — נאָך צאַצקעס און פליטערלעך צו באַפּוצן די ליגנס, די פאַלשקייטן און פאַרברעכנס פון אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט אָפּגעריסן דעם מענטשן פון דעם אמת און זין פון זיין אייגן לעבן. זיינע לידער זיינען געווען, ווי ער אַליין, צוגעבונדן מיט אַלע נערוון צום ג אַ נ צ ן לעבן, נישט צו אַ ט י י ל פון דעם לעבן, ווי דאָס רוב קינסטלער אין דער געזעלשאַפט וואָס פילן זיך, ווי צוגעבונדן מיט אַ זיידענעם פאָדעם צו א י י ן לעבנס זיי־לעכל, אַ ספּעציעל־אויסגעטאָקטס פון זייערטוועגן, און דאָס איבעריקע קאָכיקע לעבן פון רויע ווידערשפּרוכן און קאַמפן קערט זיך מיט זיי ניט אָן.

וויטמאַן האָט געקוקט אויף דער שרייב־קונסט און אויף יעדער קונסט, ווי ער האָט געקוקט אויפן עפּל, וואָס בויטיקט זיך ניט אין קיין באַפּוצונגען, אויב ער איז נאָר עכט; ווי אויף דעם בוים, וואָס בויטיקט זיך ניט אין קיין סטיליזאַציע, אויב ער לעבט נאָר און איז פאַרבונדן דורך די וואָרצלען מיט דער ערד. די „קונסט פאַר קונסט" איז פאַר וויטמאַנ'ען געווען אַ מין קליגלען זיך, כדי צוצודעקן אַ טויטע זאַך, אַ זאַך וואָס שטייט אויף איין פּלאַץ און גייט אינערגעץ ניט. דאָס לעבן גייט שטענדיק פאָראויס, און וויטמאַנ'ס לידער גייען ווי דאָס לעבן אַליין, פאָר־אויס צו עפּעס, וואָס האָט אַ זין און אַ ציל.

צו 20 יאָר האָט שוין וויטמאַן געשריבן לידער, דערציילונגען, און אַרטיקלען אויף פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס. פון צייט צו צייט האָט ער זיי געדרוקט אין צייטונגען און זשורנאַלן, בעת ער האָט געאַרבעט אין ניו־יאָרק, נאָר געצויגן האָט אים שטענדיק צו זיין געבורט־פּלאַץ און צו דער פרייער סביבה פון יענעם געגנט; דערפאַר האָט ער מיט זיין עלטערן ברודער דזשאָרדזש אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט: „דער לאָנג איילאַנדער", אין האַנטינגטאָן, לאָנג איילאַנד, ניט ווייט פון

וועסט הילס, כדי צו קענען זיין אין נאָענטן באַריר מיטן פּאָמאַנאָק. ער האָט אַליין געזעצט, געדרוקט און מיט אַ פערד־און־וואָגן צעפירט דאָס וואָכנבלאַט איבער דער לאַנג אײלאַנד געגנט.

אין די יאָרן 1841 — 1845 אַרבעט וויטמאַן ווידער אין אַ ניו־יאָרקער דרוקעריי, און אַרבעט־מיט אין אַ צאָל צייטונגען און זשורנאַלן, צווישן זיי, אין דעם: „דעמאָקראַטישן רעוויו", אין וועלכן עס האָבן מיט־געאַרבעט די באַוואוסטע אַמעריקאַנער שרייבער: פּאָו, האָטאָרן, וויטיער, לאָועל און בראַיענט, וועלכע זיינען אַלע געווען עלטער פון וויטמאַנען. אין 1842 האָט ער אָפּגעדרוקט אין איינעם פון די זשורנאַלן אַ ראָמאַן מיטן נאָמען: „פרענקלין עוואַנס".

דורך יענע יאָרן, פלעגט וויטמאַן אין זיין פרייער צייט, ליב האָבן אַרומ־צופאָרן שעה'ן־לאַנג אויף די בראָדוויייער אָמניבוסן, זיך חבר'ן מיט די געזונטע אָמניבוס־טרייבער, וועלכע וויטמאַן רופט אָן אין זיינע „מוסטער טעג": „זעלטענע, נאַטירלעכע, שאַרף־אויגיקע, וואונדערלעכע ראַסע".

ער פלעגט ליב האָבן צו פאַרברענגען מיט די דורכשניטלעכע שווער־אַרבעטנדיקע מאַסע־מענטשן, וועלכע ער פלעגט אָנטרעפן אין זיינע באַ־ליבטע גאַסן: באַוערי, טשעטהעם סקווער, בעטערי, אָדער ער פלעגט אָפּט פאָרן אַהין־און־צוריק מיט דער ברוקלינער פערי, פון וואָס עס האָט זיך אין זיינע „בלעטלעך גראָז" באַקומען די וואונדערבאַרע, קרעפטיקע און אייגנאַרטיקע פּאָעמע: „אַריבערפאָרנדיק מיט דער ברוקלינער פערי". ער האָט אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט זיין אַלטן געליבטן פּאָמאַנעק־ברעג און די פרייע געגנט אַרום זיין געבורט־פּלאַץ, וואו ער פלעגט פאַרברענגען האַלבע און גאַנצע טעג, געלייענט די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַ־טור, זיך טיף איינגעהערט אין זייער ריטם און אינהאַלט, כדי שפּעטער צו קענען שרייבן אַנדערש ווי זיי.

אין 1846 האָט וויטמאַן מיטגעאַרבעט אין ברוקלינער „איווינינג סטאַר". פון 1846 ביז 1848 איז ער געווען רעדאַקטאָר פון ברוקלינער „דעילי איגל", אַ דעמאָקראַטישע צייטונג. אין 1848 פאָרט ער אָפּ קיין ניו־אָרליאַנס צו רעדאַקטירן דעם „דעילי קרעסענט"; ער פאַרוויילט דאָרט נאָר אַ פּאָר חדשים, און פאָרט צוריק קיין ניו־יאָרק; זיין שווערע און לאַנגע רייזע גיט אים אַ געלעגנהייט צו זען און טיפער נאָך צו באַ־גרייפן, זיין אַמעריקע, די פּרעיריס און די טייכן, דאָס שנעל־וואַקסנדיקע אַמעריקאַנער, אַרבעטער, מיט וועלכן ער און זיינע: „בלעטלעך גראָז" זיינען איין צונויפגעגאָסענער לעבנס־כוח, וואָס גייט כסדר פאָראויס.

4

צוליב דעם, וואָס וויטמאַן האָט גרינטלעך באַנומען, אַז יעדער טייל פון אַ זאַך מוז גענומען ווערן אין שייכות צום גאַנצן, אַז יעדע איינציקע לעבנס־דערשיינונג מוז גענומען ווערן אין פאַרבינדונג מיט אַלע אַנדערע לעבנס־דערשיינונגען, האָט ער אויף אַ דיאַלעקטישן אופן גענומען יעדע דערשיינונג אין איר שייכות צום איצט, צו דער קעגנוואַרט און צו דער צוקונפט.

וואָלט וויטמאַנ׳ס געזאַנג הויבט זיך אָן פונעם כלל, גייט צוריק צום יחיד און קומט צוריק צום כלל. דאָס איז להיפוך צום בורזשואַזן קינסטלער, וואָס צוגייענדיק צו איין טייל פון אַ זאַך, אויפנעמענדיק איין לעבנס־דערשיינונג, רייסט ער זי אָפּ פון איר שייכות צום גאַנצן און דורך דעם פאַרלירט די דערשיינונג איר אמת׳ן זין, ווייל אַ דערשיינונג, באַזירט אויף זיך אַליין, איז און וועט כסדר בלייבן פאַלש אויפגעפאַסט, ווי גרויס דער קינסטלער זאָל ניט זיין, וואָס נעמט זי אויף:

„אַלץ מוז זיין אין שייכות צום כלל פון דער וועלט
און צום הויפּט־אמת פון דער וועלט;
און קיין פייגלינג, קיין נאָכמאַכער, זאָל ניט דערלויבט ווערן."

וויטמאַן האָט קלאָר באַגריפן, אַז דער קינסטלער וואָס פּאַסט אויף דעם פאַרברעכער, די גאַסן פרוי, דעם שכור, דעם מערדער, אַלס באַזונדערע דערשיינונגען יעדע באַזונדער פאַר זיך אַליין און קוקט אויף יעדן איינצעלנעם פאַל, ווי אויף יענעמס פערזענלעכן אומגליק־„נעבעך", און דער „נעבעך" דאַרף הייסט באַצייכענען, י ע נ ע מ ס אומגליק פון וועלכן מען שליסט ז י ך אויס צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפט אין וועלכער מיר לעבן — יענער קינסטער איז געגליכן צום גנב, וואָס ווען מען כאַפּט זיין האַנט ביי יענעם אין קעשענע, שרייט, אַז דאָס איז זיין ה אַ נ ט שולדיק, ניט ע ר. וויטמאַן אָבער האָט געזאָגט:

„איך, פאַרברעכער, גע׳משפּטיע אין געריכט;
איך, פאַראורטיילטע, אין די טורמע־צעלן;
איך, פאַר׳משפּטיע מערדער, געקאָוועטע אין קייטן;
ווער בין איך עס, וואָס איך זאָל ניט גע׳משפּט ווערן,
צי זיצן אין טורמע?
איך, ניט ווינציקער טייפליש און אומ׳רחמנות׳דיק,
פאַרוואָס זאָלן אויך מיינע הענט און פיס
ניט זיין געקאָוועט אין קייטן?"



דאָס „וויטמאַן־הויז" אין 328 מאַיקל סטריט, קעמדען, ניו־דזשוירזי.
(צייכענונג פון פריץ ענדעל 1890).

אַ קינסטלער, וואָס פאַרשווייגט די עולות פון דער אָרדענונג אין וועלכער ער לעבט, צי ער זוכט, דורך פאַרשיידענע קינסטלערישע חכמות, אָפּצואווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון אַזעלכע עולות קעגן דעם רוב פונעם פאָלק, צי ער זוכט דורך זיין קונסט אויפצוהאַלטן פאַלשע באַגריפן און פאַלשע ווערטן אין דער געזעלשאַפט, איז אַליין אומגערעכט און פאַלש צום לעבן, צום מענטשן און דערפאַר — צו זיין אייגענעם קינסטלערישן שאַפן. ווענן אַזאַ קינסטלער זאָגט וויטמאַן:

„זאָל ער בעסער פאַרשווינדן אין אַלגעמיינעם שטראָם
און וואַרטן אויף זיין אַנטוויקלונג" . . .

ווייל, אויב אַזאַ קינסטלער איז ניט קיין פ י י ג ל י נ ג , איז ער אַ נ אָ כ מ אַ כ ע ר , איז ער קיין קינסטלער נישט און טאָר ניט „דער־לויבט ווערן" אין דער קונסט.

וויטמאַן האָט געוואוסט, אַז ווען די אַמעריקאַנער קינסטלער פון זיין צייט האָבן זיך מיט לייב און לעבן אָנגעהאַלטן אָן די אַלטע קונסט־פאָרמען און געזוכט זייערע טעמעס אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז דאָס ניט געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאַרבינדן די פאַרגאַנגענהייט מיטן איצט, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן דער פאַר־גאַנגענהייט, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם איצט.

„צוליב וואָס, —

פרעגט וויטמאַן אין זיינע „דעמאָקראַטישע האָריזאָנטן" —

איז נויטיק צוריקצוטרעטן, דור נאָך דור, צו דער געשיכטע פון דעם מזרח? איז דען די שיינקייט און הייליקייט, וואָס דעמאָנ־סטרירט זיך איצט, ווינציקער וויכטיק, ווי די שיינקייט און הייליקייט פון די מיטן?"

וויטמאַן האָט נישט פאַרלייקנט די פאַרגאַנגענהייט, פאַרקערט, לעבנ־דיק מיט אַלע נערוון אין דעם איצט, האָט ער אָפּגעגעבן די געהעריקע אָנערקענונג דעם עבר פון וועלכן דער איצט קומט אַרויס און זיך מיט לייב און לעבן באַהעפט מיטן איצט, וועלכער וועט פירן צו זיין דע־מאָקראַטיע פון דער צוקונפט.

„פאַרוואָס זאָל איך אין נאָמען פון די שטאָטן,
פאַראַכטן דאָס אַלטע ?
מיר זיינען דאָך די קינדער פון דעם אַמאָל,
דאָס אַלטע צו באַרעכטיקן."

אָבער נאָכדעם ווי ער באַרעכטיקט די פאַרגאַנגענהייט —

„באַטראַכטנדיק דאָס אַלץ אויפמערקזאַם אַ לענגערע ווײַלע,
לאָז איך עס אָפּ און כיבלייב דאָ אויף מיין פּלאַץ
מיט מיין אייגענעם טאָג."

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס די אַמעריקאַנער ליטעראַרישע, אַזוי גוט ווי די אָפיציעל־פּאָליטישע וועלט, האָט פריער מיט חוזק און שפּעטער מיט אַ געמיש פון שרעק און שנאה, באַגעגנט דעם אויטאָר און זיינע לידער, וועלכע האָבן דורך דעם כוח פון זייער נאַטירלעכער אמת׳דיקייט און געזונטן צוגאַנג צום לעבן, אַוועקגעשטעלט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור און קונסט אַלס אַ פאַלשע, אַ פאַרפירערישע, וואָס גייט להיפוך די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער מאַסן.

5

„נעם מיינע בלעטער, אַמעריקע !
נעם זיי, דרום, און נעם זיי צפון !
אומעטום נעמט זיי אויף, ווייל זיי שטאַמען־אָפּ פון אייך אַליין !
רינגלט זיי אַרום, מזרח און מערב, ווייל זיי וועלן אייך
אַרומרינגלען ;
און איר, געשעעניש פון עבר, פאַרבינדט זיך גערן מיט זיי,
ווייל זיי פאַרבינדן זיך גערן מיט אייך."

ביז דער ערשטער אויסגאַבע : „בלעטלעך גראָז", וואָס איז דערשינען אין 1855, האָבן די מערסטע זאַכן, וואָס וויטמאַן האָט געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, געהאַט מער אַ מאָמענטאַלן ווערט, כאָטש אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן און געדרוקט ביז די „בלעטלעך גראָז", קען מען גרינג געפינען די בולט׳ע סימנים פון זיין שפּעטערדיקער גרויסקייט. דער אמת איז, אַז די מערסטע פון זיינע פריער גע־

דרוקטע זאַכן האָט ער דערנאָך גענוצט אַלס רוי־שטאָף פאַר זיינע איבער־געאַרבעטע לידער און עסייען.

די יאָרן פון 1850 ביז 1855, האָט וויטמאַן, אַחוץ זיין מיט־אַרבעטן אין איניקע ניו־יאָרקער זשורנאַלן און צייטונגען און אַחוץ, וואָס ער האָט אָפּט אַרויסגעהאָלפן זיין פאָטער אין זיין סטאָליער־אַרבעט, איז ער דער־עיקר געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן די ערשטע אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז". דאָס זיינען געווען וויטמאַנ׳ס ערשטע יאָרן פון זעלבסט־דערקענטעניש, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז דאָס וואָס ער האָט צו געבן דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, האָט קיינער ביז אים, און דורך זיין צייט, ניט פאַרזוכט צו געבן.

די ערשטע אויסגאַבע „בלעטלעך גראָז" האָט וויטמאַן אַליין אויפ־געזעצט, אַליין געדרוקט און כמעט די גאַנצע אויסגאַבע פון 500 עק־זעמפּלאַרן — צעשיקט און צעטיילט פריי.

פון דאַן אָן הויבט זיך אָן זיין לעבנס־לאַנגער, אומדערמידלעכער געראַנגל אין זיין: „דעמאָקראַטישער אַמעריקע" פאַר זיין מוטיקן געזאַנג פון אַ נייער דעמאָקראַטיע, אויף וועלכן ער האָט געקוקט, ווי אויף זיינער אַ מיסיע, ביזן לעצטן טאָג פון זיין פרוכטבאַר לעבן.

די ערשטע אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז" האָט די שרייבערישע וועלט געפּרוּווט אויסלאַכן און פאַרשרייען אַלס אַ משוגע׳נעם קוריאָז. אָבער וואָס שאַרפער און שטרענגער עס זיינען מיט יעדער נייער אויסגאַבע געוואָרן וויטמאַנ׳ס פאָדערונגען צו זיך און צו דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור, אַלץ שנאה׳דיקער און פרעכער זיינען געוואָרן די אַטאַקעס קעגן אים:

„איך פאָדער אַ קולטור־פּראָגראַם אויסגעלייגט, ניט נאָר פאַר אַן איינציקן קלאַס, צי פאַר די סאַלאָנען און לעקציע זאַלן, נאָר מיטן אויג אויפן פּראַקטישן לעבן, מיטן בליק צו דער וועסט, צום אַרבעטער, צו די פאַקטן פון די פאַרמס, געצייג און אינ־זשינערן, צו די ברייטע שיכטן פון די פרויען און פולשטענדיקער פרייהייט פון דער פרוי און אויך אין שייכות צום מיטל־קלאַס."

•—•

אין 1856 גיט וויטמאַן אַרויס זיין צווייטע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז". פון 1857 ביז 1859 רעדאַקטירט ער די ברוקלינער: „דעילי טאַימס". אין 1860 דערשיינט אין באָסטאָן זיין דריטע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע „בלעטלעך גראָז". אין 1862 פאָרט ער אַוועק קיין ווירדזשיניע צו די שלאַכטפעלדער פון דעם בירגער קריג, וואו זיין ברודער דזשאָרדזש, וועלכער איז געווען מיט 10 יאָר עלטער פון אים, איז אַלס וואָלונטיר אין דער רעגירונגס־אַרמיי, פאַרוואונדעט געוואָרן אין איינער פון די שלאַכטן.

פון 1863 ביז 1865 ווערט וויטמאַן אַ שטענדיקער באַזוכער און אַ וואָלונטיר־געהילף אין די שפּיטאָלן פאַר די פאַרוואונדעטע. פאַר זיין חיונה, אַרבעט ער אין אַפּיס פון אַן אַרמיי־באַאַמטן.

עס איז ניט מעגלעך אין די ראַמען פון אָט־די אָנצייכענונגען זיך אָפּצושטעלן מער אויף וויטמאַנ׳ס גרויסן, מענטשלעכן אָוועקגעבן־זיך צו די פאַרוואונדעטע און ליידנדיקע (אין מיין בוך איבער וויטמאַנ׳ען ווערט פאַר דעם אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַפּיטל). נאָר איין זאַך מוז מען דאָ אונטערשטרייכן: וויטמאַן האָט דורך זיין שפּיטאָל־אַרבעט אין יענער צייט באַוויזן, ווי עכט און אמת׳דיק עס זיינען זיינע שורות:

„וויטיקן זיינען די מלבושים, וואָס איך בייט;
איך פרעג ניט דעם פאַרוואונדעטן, ווי ער פילט
איך אַליין ווער דער פאַרוואונדעטער."

פון זיינע דערפאַרונגען מיט די פאַרוואונדעטע, וועלכע זיינען אַלע אַן אויסנאַם באַשטאַנען פון אַמעריקאַנער פאָלקס־מענטשן, אַרבעטער און פאַרמערס, האָט ער נאָכדעם אָנגעשריבן זיינע גענויאַלע, טיף־לירישע לידער: „דער וואונדן־איבערבינדער" און זיינע „פויק־סיגנאַלן".

אין 1865 קריגט וויטמאַן אַ שטעלע פון אַן אַפּיס־געהילף אין דער רעגירונגס־ביוראָ איבער אינדיאַנער ענינים און שפּעטער ווערט ער אָנטזאָגט פון זיין שטעלע, דורך דעם אינערן־מיניסטער דזשעימס האַרלאַן, וועלכער האָט אויף וויטמאַנ׳ס דעסק געפונען אַ קאָפּיע: „בלעטלעך גראָז".

נאָך אַ לאַנגן עפנטליכן קאַמף, וואָס דער שרייבער אָ'קאָנאָר האָט אָנגעפירט, קריגט וויטמאַן אַן אַנדער שטעלע אַלס געהילף אין אַטוירני־דזשענעראַלס אָפיס.

אין 1867 גיט ער אַרויס די פערטע אויסגאַבע, די פינפטע און זעקסטע גייען אַרויס אין 1871, 1872.

אין 1873 קריגט וויטמאַן אַ פּאַראַליז־אַטאַקע און קלייבט זיך איבער פון וואַשינגטאָן קיין קעמדען, ניו־דזשוירזי, צו זיין ברודער דזשאָרדזש.

אין חודש מאַי פונעם זעלביקן יאָר, שטאַרבט זיין מוטער, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט און וועלכע ער האָט אָפט דערמאָנט מיט ליבע אין זיינע שריפטן.

אין 1876 דערשיינט זיין 7טע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע און אין 1879 פאָרט ער, אַ דעראַלטער פון זיין קראַנקהייט, אויף אַ טור איבער מיטל־וועסט און קאַנאַדע.

דורך דער גאַנצער צייט האָבן די אַמעריקאַנער קריטיקער און אַ גרויסע צאָל פּאָפּולערע שרייבער, ניט אויפגעהערט צו אַטאַקירן, שימפן און פאַרפאָלגען וויטמאַנ'ען און יעדע נייע אויסגאַבע פון זיינע: „בלעטלעך גראָז".

די אַמעריקאַנער זשורנאַלן פון יענער צייט האָבן זיך „געטרייסט" מיט דעם, וואָס: „וויטמאַנ'ס לידער זיינען געשטאָרבן ביים געבוירן ווערן", און וואָס די „עכטע אַמעריקאַנער שרייבער, פאַרלעגער און רעדאַקטאָרן האָבן מיט עקל צוריקגעוויזן וויטמאַנ'ס לידער", און „קיין וויכטיקער פאַרלאַג וועט נישט דרוקן און די מערסטע ביכער־געשעפטן וועלן ניט פאַרקויפן זיינע ביכער". איין זשורנאַל פרייט זיך, וואָס „די זשורנאַלן „אַטלאַנטיק" און „סקריבנער" שיקן צוריק וויטמאַנ'ס מאַנוסקריפּטן מיט באַליידעקנדיקע בריוולעך" און אַז: „אַלע אָנערקענטע אַמעריקאַנער דיכטער איגנאָרירן אים". אָט־די בורזשואַזע הערן, די דעהזאָגער איבער דעם אַמעריקאַנער קולטור־לעבן, האָבן נישט געקענט רוען און אַלע מאָל באַנייט זייערע אַטאַקעס.

„די סאַטורדעי רעוויו" נעמט־אויף אין 1876 דעם זעלביקן קאַמף קעגן וויטמאַנ'ען און זיין גרופּע פאַרערער אין ענגלאַנד און רעדט וועגן

וויטמאַנ׳ען, ווי וועגן אַן: „אַזוי־גערופענעם דיכטער, וועמענס לידער עס ציען די אויפמערקזאַמקייט דורך זייער נאַרישן, אומפאַרשעמטן זנות־אינהאַלט".

(„באַוואוסטע ליטעראַרישע אַטאַקעס", געזאַמלט פון אַלבערט מאָרדעל).

אין 1882 צווינגט דער באָסטאָנער דיסטריקט אַטוירני, דעם באָס־טאָנער פאַרלעגער אָסגוד, צוריקצוציען זיין אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז" פון 1881. אָבער נישט דאָס אָפיציעלע געזעץ פון דער דאַ־מאָלסדיקער פּאָליטישער מאַכט, ניט די אומאָפיציעלע מאַכט פון דער הערשנדיקער שרייבערישער וועלט, האָבן געהאַט דעם כוח, אָפּצושטעלן דעם איינפלוס, וואָס וויטמאַנ׳ס לידער האָבן באַווירקט און וועלן נאָך מער באַווירקן די אַמעריקאַנער, אַזוי גוט ווי די וועלט־ליטעראַטורן.

6

„קיין פּאָליטיק, קונסט, רעליגיע, אויפפירונג, אָדער
וואָס עס זאָל ניט זיין,
האָט וועלכן עס איז ווערט, סיידן עס פּאַרמעסט זיך
מיט דער גרויס פון דער ערד.
סיידן עס שפּיגלט אָפּ די פּינקטלעכקייט, לעבעדיקייט,
ערלעכקייט, אויפריכטיקייט פון דער ערד."

וואָלט וויטמאַן האָט להיפוך די גרעסטע וועלט־קינסטלער, זיך ניט געשראָקן פאַרן טויט. זיך ניט געשראָקן דערפאַר, ווייל ער האָט באַ־נומען דאָס לעבן.

וויטמאַן האָט געזען דעם מענטשן אַלס אַ טייל פון דעם קאָסמאָס און ער האָט באַנומען דאָס קאָסמישע אין דעם מענטשן. ער האָט געזען די פעדעם, ניין, די אָדערן, די נערוון, וואָס פאַרבינדן דעם מענטשן מיט אַלץ אין דעם אוניווערז. און ער האָט געוואוסט, אַז דער הויפּט און איינציקער זין פון דעם מענטשנס קומען אויף דער וועלט, איז — לעבן, און דאָס מיינט: די מעגלעכקייט אויסצונוצן פון געבוירן אָן, פול און פריי, אַלע נאַטירלעכע רעזערוון, און אַלץ וואָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך דער מענטשלעכער שעפערישקייט, דאָס געזונטע און נוצלעכע פאַרן רוב פון דער מענטשהייט.

נאָר ווען דער מענטש וועט ניט פאַרבייטן אָט־דעם עלעמענטאַרן לעבנס־אמת און לעבנס־זין אויף פאַלשע באַגריפן, וואָס ווערן דורך אומערלעכע מיטלען אַרויפגעצוואונגען אויף דעם רוב פון דער מענטש־הייט, אין די אינטערעסן פון אַ קליינעם טייל — נאָר דאַן, וועט זיך דער מענטש באַפרייען פון דער מורא פאַרן טויט, ווייל דאַן, גייט ער ניט אַוועק פ ו נ ע ם לעבן, נאָר ער גייט מ י ט ן לעבן, וואָס איז אייביק; ער גייט כסדר, יעדע מינוט פון זיין עקזיסטענץ, צום וואונדערלעכן ציל זיינעם — לעבן.

דורך דורות פון אונטערדריקונג אין די אייגננוציקע אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין דער געזעלשאַפט, האָט מען דעם רוב פון דער מענטשהייט אָפּגעריסן פון דעם אמת'ן זין פון דעם לעבן, פון דעם אמת'ן ציל, צוליב וועלכן ער איז געקומען אויף דער וועלט — א ו י ס ל ע ב ן ז י י ן א י י ג ן ל ע ב ן פ ו ל א ו ן פ ר י י. אונטער די איצטיקע באַדינגונגען, צאַפּלט ער זיך, דער מענטש, אין אַ נעץ פון פאַלשע, ספּעציעל פאַר אים געשאַפענע לאַבירינטן, פון געזעצן און באַגריפן, וואָס גייען להיפּוך דעם לעבן, אַזוי אַז מיט יעדער רגע פון זיין ז י י ן אויף דער ערד, גייט ער אַוועק ווייטער און ווייטער פונעם לעבן ניט געלעבטערהייט — דאָס איז טויט.

וויטמאַן ווייסט:

„אַז דער אַל־איינשליסנדיקער זין פון אונזער זיין דאָ
איז ניט קיין ספּעקולאַציע, אָדער אַ קלוג ווערטל,
צי אַ פּלאַץ צום אויסשפּירן,
און ס'איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף צו דעם מזל
עס זאָל אונז גוט זיין און אָן מזל, וואַרט אויף אונז דורכפאַל,
און נישט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן צוליב אַ געוויסן צופאַל
צוריקגעצויגן ווערן."

וויטמאַן האָט געזען, אַז אין דער איצטיקער געזעלשאַפט האָט מען געמאַכט פונעם לעבן אַ מין לאָטערעי, אויף וועלכן די מערסטע שטעלן איין אַלץ, כדי אַ קליינער טייל זאָל געווינען דאָס גרויסע געווינס . . . און די פאַרלירער נעמען עס אָן פאַר נאַטירלעך; מען האָט עס געמאַכט פאַר אַ מין מזל זאַך — „האָסט נישט קיין מזל דאַרפסטו, נישט לעבן"...

דאָס רוב מענטשן פאַרגעסן, אַז זייער רעכט אויפן לעבן האָבן זיי מיט־געבראַכט מיט זיך פון געבוירן אָן און, אַז דאָ איז באַאַנגגען געוואָרן אַ שווינדל איבער זייער לעבן.

אָט־דעם געזונטן באַנעם: אַז דאָס לעבן „איז ניט קיין ספעקו־לאַציע, אָדער אַ קלוג ווערטל", ווענדט וויטמאַן אָן צו אַלע לעבנס דערשיינונגען. אַלץ מוז זיין אין שייכות צום מענטשן און זיין רעכט אויף אַן אייגן, פריי און פול לעבן, די זעלביקע פאָדערונג שטעלט ער אויך דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

אַ סך איז געשריבן געוואָרן וועגן וויטמאַנ׳ס אַזוי־גערופענער „פיזאָ־לאָגישער ליבע", וועגן וויטמאַנ׳ס „קאַטאַלאָגירן פון ווערטער", וועגן זיין „עגאָצענטרישקייט" וועגן זיינע „ווידערשפּרוכן", וועגן זיין „סטיללאָזיקייט", זיין „באָמבאַסטישקייט", און וואָס נישט. דער אמת איז, אַז וויטמאַן האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, גענוצט ווערטער, וואָס טראָגן אין זיך דעם אמת פון זייער ו ו ע ר ט , דורך זייער אַקטועלקייט אין דעם לעבן פון דעם אַרבעטנדיקן און שאַפנדיקן מענטשן; עכטע ווערטער, אַנשטאָט ווערטלאָזע „שיינע" קלאַנגען, וואָס ווערן געגעבן אין לידער, כדי מיט זיי צוצודעקן פוסטקייט, פאַלשקייט — עפּעס, וואָס גייט אין תוך, להיפוך דער עכטקייט, און דעם אמת׳ן זין פון דעם לעבן.

וויפיל לעבנס כוח און באַוועגונג, וויפיל שיינקייט אין אַזעלכע פשוט׳ע ווערטער פון אַרבעט און ממשותדיקייט:

„בויען הייזער, צו־מעסטן און זעגן ברעטער;
שמידן, גלאָז־בלאָזן, טשוועקעס־גיסן, קופּער־שמידן;
שינדל־לייגן, שיף־בויער, האָפן־בויער;
פיש־זאַלצער פערי־פירער, טראָטואַר־ברוקירער;
דער פּאָמפּ, דער האַמער־שלעגער, די גרויסע הויב־מאַשינען."

ווערטער אָן דער אַריסטאָקראַטיע פון דער ווערטער־וועלט... אָן דעם פּוץ און שמינק פון דער בורזשואַזער פּאָעזיע, נאָר ווערטער וואָס וואַקסן אַרויס פון דערווירקלעכקייט, פון לעבן, פון דעם מענטשן, וואָס לעבט און שאַפט:

אָדער:

„לופט, ערד, וואַסער, פייער — דאָס זיינען ווערטער;
איך אַליין בין אַ וואָרט מיט זיי צוזאַמען;
מיינע אייגנשאַפטן גיסן זיך צונויף מיט זייערע."

פאַר אַט־דער עקשנות׳דיקער דורכאויס־אויסגעהאַלטענער באַציאונג פון עכטקייט און אמת׳דיקייט צום וואָרט, ליד, ליטעראַטור, פאָרם און אינהאַלט, פּאָליטיק; פאַר זיין באַציאונג צום מענטשן, צום מענטשנ׳ס לעבן און זיינע האַנדלונגען, צו דעמאָקראַטיע, צו געשלעכט, צום זין פונעם לעבן — האָבן וויטמאַנ׳ס אָפּשאַצער און קריטיקער אים אָנגערופן: „נאַאיוו" און „פּראָווינציאַל", אָבער דוקא אין דעם איז באַשטאַנען וויטמאַנ׳ס געני־אַליטעט, וויטמאַנ׳ס אייגנאַרט, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אַלס איינ־ציקן און ערשטן, אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, נישט געקוקט אויף די אַזוי־גערופענע ווידערשפּרוכן און איינפלוסן, וואָס מען קען גע־פונען אין זיינע לידער און לעבנס־פילאָזאָפיע. (ברייטער און גרינטלעכער איבער די אַלע אָנצייכענונגען — אין מיין בוך איבער וויטמאַנ׳ען).

●—●

אין 1884 האָט וויטמאַן זיך אַריינגעקליבן אין 328 מאַיקל סטריט, קעמדען, דאָס הויז, וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אַלס דאָס: „וויטמאַן הויז". דאָרט האָט ער אַרויסגעגעבן די ניינטע אויסגאַבע: „בלעטלעך גראָז" (אין 1888—1889) און אין 1892, אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן — די 10טע, די לעצטע אויסגאַבע וואָס איז דערשינען ביי זיין לעבן.

דעם 26טן מאַי 1892 איז וויטמאַן געשטאָרבן איבערלאָזנדיק פאַר אונז זיין לעבנס־ווערק וועגן וועלכן ער האָט מיט רעכט געזאָגט:

„חבר. דאָס איז נישט קיין בוך:
ווער עס רירט דאָס אָן, רירט אָן אַ מענטשן."

ניו־יאָרק, 1940.

ל. מילער

אינהאַלט

לידער:

געזאַנגען דעמאָקראַטישע 11
איך האָב אַ לאַנגע צייט געזוכט 12
איך הויב אָן פון פּאָמאַנאָק 13
וואונדערלעך זיינען די מיטן 22
וואָס מיינט איר איז דויערהאַפט? 23
אַ געדאַנק 26
דער נעגער האַלט פעסט די לייצעס 27
איך זאָג 29
דאָ און דאָרט ארומגייענדיק 31
ווען איך לייען וועגן דעם זיגער׳ס רום 32
צוליב וואָס דענקט איר נעם איך די פּען אין האַנט? 33
ארומוואַנדערנדיק אין געדאַנק 34
היינט פאַרטאָג 37
וואָלט וויטמאַנ׳ס וואָרענונג 38
געזאַנג פון באַשעפעניקונג 39
יאָרן מאָדערנע 51
אין דער רגע, אַ בענקענדיק פאַרקלערטער 55
איך אַליין ווער דער פאַרוואונדעטער 56
איך זיץ און קוק אַרויס 57
איר פאַרברעכער גע׳משפּט׳ע אין געריכט 58
צו אַ געוויינלעכער גאַסן־פרוי 59
צו אַ דורכגעפאַלענעם רעוואָלוציאָנער אין אייראָפּע 61
אָ, פראַנקרייכ׳ס שטערן 63
די וואָלאַבאַוט מאַרטירער 65
צו יענע, וואָס זיינען דורכגעפאַלן 66
פויק־סיגנאַלן 67

1861 71
א ליד געווידמעט צו א מיידל אָדער צו א בחור פון די שטאַטן 73
צו א פּרעזידענט 74
צו די שטאַטן 75
אריבערפאָרנדיק מיט דער ברוקלינער פעריי 76
דער וואונדער 89
איך זינג דעם איך 90
וואָלט וויטמאַן 91
דאָס ליד פון דעם אָפענעם וועג 98
פון דעם אייביק זיך וויגנדיקן וויגל 107
דאָס ליבע־שפּיל פון די אָדלערס 112
פון מאַנטאָקס הויך 113
צום ים 114
אין שיף־קאַיוטעס אויפן ים 115
דאָס ליד פון דעם אוניווערסאַלן 117
א געזאַנג 121
פון ברויזנדיקן ים, פון דער מענגע 122
אז איך האָב אין שטילקייט נאָכגעדענקט 125
פאַר אים זינג איך 126
מיין פּוס־געשטעל 127
צו א היסטאָריקער 128
ווער דו זאָלסט ניט זיין, וואָס האָלטסט מיך איצט אין דיינע הענט 129
דיכטער, וואָס וועלן ערשט קומען 130
בראָדוויי 131
די בראַווסטע סאָלדאַטן 132
געזאַנג פון ווערטער 133
דו, ים 136
א פרוי וואַרט אויף מיר 137
אכט און צוואַנציק יונגעלייט באָדן זיך ביים ברעג 140
א גרוס דער וועלט 143
האָט עמיצער זיך פאָרגעשטעלט 160
ווען ס'האָט דער בעז צום לעצט מאָל פאַר מיין טיר געבליט 161
געזאַנג וועגן טויט 163
די שלאָפנדיקע 164

ווען מען טוט אַ טראַכט וועגן צייט 165
אַ קינד האָט געזאָגט 167
אָ, קאַפּיטאַן. מיין קאַפּיטאַן! 170
איך רוף צום לעבן 172
פּיאָנערן! אָ, פּיאָנערן! 173

פראָזע:

אויסצוגן פון דער פאָררעדע צו דער ערשטער אויסגאַבע:
„בלעטלעך גראָז" 183
פון „דעמאָקראַטישע האָריזאָנטן" 188
וואָלט וויטמאַן — ביאָגראַפיש־קריטישע פאַרצייכענונגען 201

פאָטאָגראַפיעס, צייכענונגען און פאָטאָסטאַטן:

וואָלט וויטמאַן (אין 1854) 9
וואָלט וויטמאַן (אין 1855) 36
וואָלט וויטמאַן (אין 1869) 54
לואיזאַ (וואַן וועלסאָר) וויטמאַן (וואָלט וויטמאַנ׳ס מוטער) 88
וואָלט וויטמאַן אין פייפ׳ס קאַפּע צווישן פריינט (צייכענונג) 106
וואָלטער וויטמאַן (וואָלט וויטמאַנ׳ס פאָטער) 124
וואָלט וויטמאַן (פון וו. אַלעקסאַנדער׳ס אויל־פאַרב) 142
וויטמאַנ׳ס אַ ווידמונג צו האָראַס טראָבעל (פאָטאָסטאַט) 181
וואָלט וויטמאַנ׳ס געבורט־פּלאַץ אין וועסט הילס לאָנג איילאַנד 211
דאָס „וויטמאַן הויז" אין 328 מאַיקל סטריט, קעמדען
(צייכענונג פון פריץ ענדעל) 221